Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 12 • # 24 (553) Friday Mar 8, '24 • ב"ה • פרייטאג ויקהל, כ"ח אדר א' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx

והעיר קרית יואל צהלה ושמחה:

# אלפי תושבי העיר גרייטן זיך בהתרוממות והתרגשות צו פראַווען געהויבענעם יו"ט פורים הבעל"ט בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

צוגרייטונגען דורך 'נאמני הקהלה' אויסצואַרבעטן געניטער מהלך פאר אלפי אנ"ש ותושבי העיר וואס וועלן אַריינגיין פערזענליך איבערגעבן משלוח מנות פאַר'ן רב שליט"א ולברך ולהתברך ביום הפורים 22

וְהָיָה יְחֶזְקֵא"ל לָכֶם לְמוֹפֵת! בּוֹנִים הֵיכָל לַה' אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל!

# קרית יואל איבערראשט פון פילאנטראפּישע 'צווי' מיליאן דאלאר נדבה פאַר'ן אויפבוי פון "היכל האדיר אַלטער יחזקאַל" אין ביהמ"ד הגדול קרית יואל

געשאָנקען דורך באַרימטער זקן הנדיבים הרה"ח רבי אלטער יחזקאל גליק שליט"א
ממקורבי מרן רביה"ק זי"ע ומפארי זקני תושבי העיר ומישישי ק"ק סאַטמאַר

תיכף לתלמיד חכם ברכה:

**$2,000,000.00 'פעליגער טשעק' איבערגעגעבן ליד קדשו פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, צו קענען תיכף ומיד אַריינשפרינגען במלאכת הבנוי**

עַד יְכוֹנֵן וְעַד יָשִׂים תְּהִלָּה בָּאָרֶץ
ביהמ"ד הגדול – בנין אליהו מיט 'היכל אלטער יחזקאל' וועט זיין דער צענטער-פונקט און מגדל אור ביז'ן מלכות'דיגן אויפבוי פון תל תלפיות בית המדרש הגדול האדיר והחדש אויף פאַרעסט ראָוד



24

### וואַרימע אפרוף דורך תושבי קרית יואל פאר שלוחא דרבנן, הרב שניאור קאַצינעלבויגען שליט"א, שד"ר מוסדות תורה ויראה עטה"ק

חשוב'ער גאַסט מהררי ציון וירושלים פאַרפיגט איבער מערכת 'קול האמונה' וואָס שטייט על משמר היהדות און פירט די מערכת הקודש קעגן בייזע ווינטן וועלכע זוכן אונטערצוברעכן דעם כח בי"ד אין ירושלים עיה"ק 33



### זעלטן היסטאריש בילד פון כ"ק הגה"צ אבד"ק סיגעט זצוק"ל

66



### רעוואָלוציאָנערישע דירות-דורכברוך אין 'דרום קרית יואל' טראַנספאָרמירט דירות-עפּאָכע וואָס טוישט קרית יואל אויף אייביג!

60

אויף פסח וועט בעז"ה זיין, וועט איר האבן א חלק דעריין?
כל דצריך ייתי ויפסח!
עזר לשבת
עזר לשבת מעודארף אונזער הילף.
עסן אויף יו"ט
האסט וואס צו עסן אויף יו"ט וואס וועט זיין מיט די שכ?
קויפט די ברכות || העלף דיינע נאנטסטע
דינסטאג און מיטוואך פיקודי
845.757.0571 Dryveup.com/eizerleshabbos
$180 3 קעיסעס וויין
$480 50 פונט פלייש
$720 18 פונט מצה
$1200 גראסערי אורדער
$2600 משפחה אויף יו"ט

המבדי"ל בין קודש לחול בין ישראל לעמים!

## קרית יואל מאַכט 'הבדלה' דעם מוצש"ק

זייט 52

## סאַטמאַרער חסידים אַלוועלטליך וועלן בלב ובנפש אויסשרייען צו אנ"ש לעיקוואוד: "גַדֵל"! זעצט פאַר מיט'ן וואונדערליכן בליה פון די הייליגע מוסדות-אימפעריע!

36 שטונדיגער בלי"ז-קאַמפיין "גַדֵל" אָוועקצושטעלן יסודות איתנים פאַר'ן בליה און וואוקס פון "מוסדות סאַטמאַר לעיקוואוד" • דעם קומענדיגן "מיטוואָך און דאָנערשטאָג" פקודי


Goodbye crowded hallways,
HELLO SELF STORAGE
1035
1036
1051
1052
dartmedia.us
Flexible Month-to-Month Leases
Climate Controlled Storage Units
24/7 Video Recording and secure access
This facility is owned by Heimisha Yiden.
Conveniently located right off the Rt 17, a ten-minute drive from KJ.
first month FREE + 40% OFF monthly rent*
cubesmart.com
845.604.3422
52 Commerce Dr Harriman, NY
CUBESMART self storage
*Restrictions, fees, and taxes may apply. Must present this original coupon at time of rental. Valid only at 52 Commerce Dr Harriman, NY CubeSmart location. Call 800-800-1717 for details.


25% OFF
Avoid the Pesach rush!
Place your Pesach order now and save.
סעיל גייט אן פון ראש חודש אדר ב׳ ביז שושן פורים
GB
קרית יואל
7 Van Buren Drive
845.774.4100
מאנסי
16 Melnick Drive
845.678.8624
וויליאמסבורג
178 Wallabout St.
718.330.1700
בארא פארק
4804 13th Ave
718.435.4750
Free delivery after alterations upon request with a minimum purchase of $150.
Cannot be combined with any other offer. Must be paid in full at the time of purchase.
pivotgroup.nyc



בס"ד
Team Up
for Camp Fun!
NOW HIRING COUNSELORS!
Join us for an exciting staff program in
a vibrant, supportive environment!
געאייגנט פאר חסידישע מיידלעך
HCS
השגחת הרה"ג ר' משה מנחם וויס שליט"א
דומ"ץ פאפא
ב"פ וראב"ד
קהל יטב לב
ד'סאטמאר
לאנדאן
Rav of HCS
camp
Machon Lev
מנהלת רוחני מרת מ. עליאס
MRS. DRAIZY ITZKOWITZ - STAFF DIRECTOR
EXCITING STAFF PROGRAM
BEAUTIFULLY RENOVATED FACILITIES
SIGN UP NOW! 845.587.6028 / d.itzkowitz@hcsny.org

Corporate · Individual · and More

# איך אדער מיין שווער?

כ׳האב חתונה געהאט
אינמיטן יאר, ווער
פיילט פאר מיין פרווי?



**פרישע נייעס:**

- אונזער ***פארגרעסערטער שטאב*** שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, ***גרינג, שנעל און באקוועם.***
- מיט אונזער ***נייע חידוש'ליכע סיסטעם,*** וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסניי, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארנעם - א מחיה!

ספעציעלע כולל דיסקאונט.

**845.774.2615**

WEBSITE: WWW.1040EXPRESS.NET
EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET

NEW ADDRESS
ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002, KIRYAS JOEL NY 10950
MAILING ADDRESS: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949

1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS

dartmedia.us

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**2,736**
**משפחות**
**5,752**
**ילדים בבית**

**סניף קרית יואל**

**131 משפחות** **257 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**

שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)

אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00

אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00

חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00

**ס"ה $20,712,922.00**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

# מכתב קודש מאת הגה"צ אבדק"ק מעזיבוזש שליט"א

בעזרת השי"ת

אפריון נמטיה למע"כ האי גברא יקירא, איש חי ורב פעלים לתורה ולחסד, הרה"ג **מוה"ר אברהם לויפער שליט"א** רב וראה"כ דאראג, המפורסם לשבח זה כמה שנים בפעולותיו הכבודים להחיות לב עניים ואומללים.

ודין רכיש ליה מבית אביו, ה"ה החסיד המפורסם הנודע לשבח ולתהלה מוה"ר שלום ז"ל, **אשר כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר זצ"ל סמך ידיו עליו, להיות גבאי צדקה ולעמוד בראש כמה מעשי חסד.**

ולאחרונה עוד הושיט ידיו להיות בעזרם של אלמנות ויתומים, והעמיד קרן מיוחד אשר בשמו יקבנו **קרן אלמנות ויתומים**, אשר מלבד תמוכה התמידיות אשר מספיק להן מזון וצידה ביד רחבה ומלאה מידי שבוע בשבוע, **גם משכיל אל דל, להמציא להן פרנסתן בדרך כבוד ומעולה, באופן שלא יהא נרגש בביתיהן כי נשבר להן מטה לחם. והתועלת בזה רבה עד למאד, שחוץ ממה שפרנסתן מצויה להן באופן נעלה, עוד מחיה את נפשן ומחזק את רוחן הנשברה ומעמידן על רגלן.**

והנה מהמותר להאריך בשבח המצוה הנשגבה הלזו, שכבר העיד הרמב"ם ז"ל (הל' מגילה פ"ב הי"ז) שאין לך מצוה גדולה מזו. וגם בשבח הקרן הנ"ל אין צורך לספר בשבחה, כי כבר נודע טיבה לרבים, והמפורסמות אין צריך ראיה.

ולא באתי בזה אלא להיות נטפל לעושי מצוה, ולעורר לב אחינו בני ישראל ליקח חבל במצוה הרבה הזאת, ולבוא בעזרת ה' בגבורים בסכומים הגונים.

**ובפרט לנדיבים בעם אקרא, שישתדלו לפזר נדבות כספם במדה גדושה עבור מצוה הגדולה הלזו, ומה טוב לתמוך בקביעות סכום קצוב של פרנסת משפחה אחת.**

והנני בברכה להרה"ג הנ"ל, ולכל העוזרים והתומכים בידו, שיזכו לברכת התורה, שבטחנו אבי היתומים ודיין האלמנות "אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלכם", ורוב שפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם. ובזכות המצוה יזכו לגאולה שלימה בב"א.

אלה הדברים היוצאים מלב של

**אברהם יהושע העשל ביק**

אבד"ק מעזיבוש

בעזהי"ת

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהוירסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד

*

יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $156,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |


Brand new
–Built for you.
למעשה, האב איך
געטון למעשה!
א פרעכטיגע
פאלאץ אין
בלומינגראוו ק"י...!
א פריוואטע ענטרענס און לאט
גרויסע פענסטערס, און קיין שכנים אין די נאז
אויפגעבויט ספעציעל פאר מיר
3,200 סקווער פוס
Fixed up 1,600 בעיסמענט
דריי שטאקן
היימישע סביבה און אינפאסטרוקטשור
Less Than
$300
/SqFt
נו, למעשה?
Best Move!
BLOOMING REALTY
Ground up
845.388.1900
info@bloomingrealty.com


tealbluemedia
חסידים ואנשי מעשה היו מרקדים לפניהם
חסידים ואנשי מעשה
מיט די זאקן ווייסע..
די גרעסטע אויסוואהל פון ספיקערס און
אלע צוגעהערן פאר א לעבעדיגן פורים,
פאר אינדערהיים און פאר גרופעס
We carry a huge variety of:
Keyboards, Speakers, Mics, Guitars
and Accessories, Cables, Inverters, and cases.
1 Lemberg Ct. 845-774-2433
all in one
Major Appliances
& Electronics


TAKING ADVANTAGE
OF THE EXTRA SUNLIGHT
Note the change of hours
Now seeing patients from
9 AM
to
9 PM
SERVING ALL AGES
9
elite
Sun: 10AM - 8PM
Mon - Thur: 9AM - 9PM
Fri: 9AM - 2 hrs before Shabbos
Walk-ins welcome
No PCP change required
Last sign-in - 15 mins prior to closing
Adult & Pediatric Primary Care
845.782.4000 / 14 Raywood Dr
dartmedia.us


מגילת אסתר
ויאמר המלך
תלהו עליו...
מיט א מלכות'דיגן האלטער
ליינט זיך די מגילה אנדערש.
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408. 8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
admarkny.com

# ברכת צלח ורכב

עס איז אונז א פרייד'יגע געלעגנהייט איבערצוגעבן
אונזערע הארציגע גריסן פאר אונזער באקאנטער געטרייער
ידיד, וידיד נפש כל חי, אומן נפלא בפרק הבונה

מו"ה

# אלימלך רייך

הי"ו

מיר טוען דיר וואונטשן פיל ברכה און הצלחה
צום גרינדונג פון דיין נייע פירמע

**SWIFT BUILDERS**

יצו ה' אתו את הברכה
ובכל אשר יפנה ישכיל ויצליח!

Airtight Insulation · Affordable Doors + Windows · FiberSeal Waterproofing · scanbuilds · Dynamic Interiors · Total Concrete · Chester Plumbing · hershy's fencing & railings · Advanced Gutters · EZ Glass Residential + Commercial · Master Roofing and Siding · SOLO Low Voltage Experts · Sky View Skylight · Water Ways Decor · Mr Clean 845 500-9111 · FSI Five Star Interiors · Garfield · ZiV Stone & Stucco (845) 799-8243 office@zivbuilders.com · FloorIt · RF Home Design · Valley Framers · Capital Stairs & Rails

Active Fire Protection · Upgrade · Bucket Enterprises · Monsey Lumber Corp. Spring Valley, NY · HighQuality Trimming · Rise Up Framers · All Stiles Granite and Marble · High Style Wood Floors · Premier painters · KJ Tiles Co. · Orange County Superior Concrete · Security Alert 845.608.0131 · power air HVAC Pros · Prime Drywall · Site Masters Excavation and Paving · Gauge Framers · Supreme Decks · Artistic Tile & Stone Installation · Trimax · Landart Outdoor Lighting & Design · Upstate Roofing & Siding · Sparkz Electric


Spectacular
NEW! WE NOW OFFER GIFT WRAPPING
MAKE A STATEMENT WITH AN ARTFULLY PRESENTED
MISHLOACH MANOS BY THE FAMOUS B. WEISS.
CHOOSE FROM OUR FULL LINE OF SPECTACULAR GIFTS
PERFECT FOR MECHATUNIM, PARENTS OR SOMEONE SPECIAL.
MONROE | 7 GARFIELD RD. | 845.250.8700 | WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
HRS FOR B. WEISS GIFT WRAPPING UNTIL PURIM: SUN 2-7 MON-WED 4:30-7 THURS 4:30-9
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
admarkny.com

בס"ד

Office suites for sale coming up in Monroe (BloomingGrove)

The peace of MIND YOUR OWN BUSINESS getting when you the property of your




BENEFIT #1

WHY BUY?

You're staying with the same monthly payments for the next 25 years. Stop paying rent and start paying for your own.

EXECUTIVE CIRCLE

577 NY-208 | Monroe, NY 10950

Contact our team:

PRESTIGE REALTY TEAM

יואל באש 347.486.2196

יואל שטויבער 845.238.1129

executivecircle@joeljoelteam.com


PLENTY
PLENTY
PARKING.
With more than
150 parking spots,
you'll never have to
circle the block.
2
MINUTES
CAR-TO-CART
Landaus
supermarket
2 Stonegate Dr.
845.783.8553
Fresh Finds
All the time. ™
Hours: SUN.- WED. 7:00am - 10:30pm THURS. 7:00am - 12:00am,
FRI. 7:00am - 2 hours before Zman, MOTZEI (winter) TILL 11:00pm
DPMGROUP.COM



SALE ENDS FRIDAY MARCH 8
2 DAYS LEFT
HAMANTASH
SALE
ALL 3 PIECE SUITS
50% OFF
WOOL & WASHABLE MENS & BOYS
100% SILK TISH BAKITCHES
50% OFF
LATE HOURS
WEDNESDAY UNTIL 9PM
G&G
BORO PARK 718.871.7841
WMSBG 718.923.6060
MONSEY 845.352.2702
KIRYAS JOEL 845.782.7720
ALL ITEMS MUST BE PAID IN FULL UPFRONT // NOT TO BE COMBINED WITH ANY OTHER SPECIALS
EUROPEAN MADE



בס"ד
איינמאליגע געלעגנהייט פאר
עקספיריענס מלמדים/ טיטשערס
בלויז געציילטע הייזער אפציעס פארבליבן אין די מחנכים פלאן
אן אייגענע הויז מיט א שיינע פרנסה!
רופט שוין צו פארזיכערן אייער אייגענע הויז:
908.998.2442
office@zayisranon.org
www.zayisranon.org



צוגעשטעלטע
שטאט געברויכן
בתי מדרשים
הערליך צוגעשטעלט מיט אלע צוגעהערן און געברויכן לתורה ולתפלה
מקוואות טהרה
מיט אלע נויטיגע הידורים און חומרות למען קדושתן וטהרתן של ישראל
כולל לאברכים וכולל להוראה
א הערליכע מקום תורה וואו א קבוצה תלמידי חכמים תושבי העיר וועלן הארעווען בכל מכמני התורה מן הבוקר עד הערב. באזונדער'ס וועט זיך עפענען א כולל להוראה להורות לבני ישראל דבר ה' זו הלכה תיכף נאך קומענדיגן ראש השנה תשפ"ה הבעל"ט
מהודר'דיגע עירוב
אהערגעשטעלט דורך בארימטע מומחים בעניני עירובין פאר די באקוועמליכקייט פון די תושבים
גראסערי
הערליך אויסגעשטאט מיט אלע נויטיגע צוגעהערן און פראדוקטן פאר א אידישע שטוב פאר גאר צוגענליכע פרייזן
פלייש און פיש
דעליווערט דורך עטליכע היימישע געשעפטן (לאקאלע פלייש געשעפט מיט פלייש פון מערערע קהלות און גוטע הכשרים וועט בעז"ה נאכפאלגן אין די נאנטע צוקונפט)
זשודעיקא / וויין געשעפט
הערליכע געשעפט אויסגעשטאט מיט אלע ערליי ספרי קודש און תשמישי קדושה אינאיינעם מיט וויין געשעפט וואס אנטהאלט א ריזן אויסוואל פון אלע ערליי ווייגען און בראנפן לקידוש ולהבדלה
ביזנעס סענטער
א הערליכע לאקאל ווי מ'קען ארויסנעמען געשמאקע אפיסעס און געשעפטן צו באדינען די תושבים מיט פארשידענע סערוויסעס
שמחה זאלן
פאר קלענערע און גרעסערע שמחות מיט צוגענגליכע גוטע פרייזן, סטאנציאנירט אין די פראכטפולע בניני המוסדות
קיאסק
א שטיל רואיג ווינקל צו קענען ערלעדיגן אלע ערליי קאמפיוטער געברויכן אפי' אן א אייגענע אפיס
טעגליכע שאטל
צו פארן און קומען צו די היימישע געגנטער עטליכע מאל א טאג
חברה הצלה
הערויִשע אינגעלייט וואס שטייען גרייט 24 שעה א טאג על כל צרה שלא תבא
Urgent care
צו באהאנדלען שנעל און גוט אלע ערליי עירדזשענט קעיר געברויכן צו יעדע צייט
פידיעטריק און OB
לאנג יעריגע בארימטע אויסגערופענע דאקטוירים וואס שטייען גרייט צו באדינען די תושבי העיר מיט א געטריישאפט צו פארזיכערן דאס געזונט פון יעדן איינעם בעז"ה
שפיטעלער
אין אומגעגענט פון שטאט אויסגעשטאט מיט ביקור חולים צימערן (איינס פון זיי איז געראטן אלס די בעסטע שפיטאל אין ניו דזשערסי)
ועד לענינים רוחניים
אן ערנסטע קבוצה פון אידן בעלי דעת זיכער צו מאכן אז די שטאט זאל זיין אוועקגעשטעלט אלס א ערליכע היימישע סביבה
קרית זית רענן
מאונט אליוו, ניו דזשערסי
קויפן אן אייגענע דירה אין
די ערשטע פאזע
האלט ביים שליסן!
נעמט
אין אכט!
YESSAGE 845.774.4069

בס"ד

# וויכטיגע מעלדונג

אזוי ווי די **מאנראו וואודבורי סקול דיסטריקט** האט שוין ארויסגעשיקט די נייע אפליקאציעס פאר דעם קומענדיגן סקול יאר ביטע זעהט עס צוריק- צושיקן ווי פריער זיך איינצושפארן עגמת נפש
(נאכן ארײנשיקן איז כדאי צו רופן זיכער מאכן אז זיי האבען עס באקומען)

**פאר די וואס האבן אין פלאן זיך ארויסצוציען פון קרית יואל סקול דיסטריקט גרעניצן:**

**פאלגענד זענען די רולס פון מאנראו וואודבורי צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע:**

אויב דינגט איר אדער קלאוזט איר אויף א הויז (למשל) 7/5/2024 דארפט איר זיך איינשרייבן בעפאר 8/5/2024 צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע ( אפילו אויב איר מופט אריין שפעטער)

(דאס איז 30 טאג פון די דאטום וואס שטייט אריינגעשריבן אינעם קאנטראקט)

מיר שטייען גרייט אייך צו העלפן מיט סיי וואס מעגליך

**אמת טראנספארטאציע**

SCHOOL BUS
EMESS
TRANSPORTATION LLC

**Emes Transportation**

PO BOX 555
Monsey NY 10952
**845.426.7419**


זמן חרותינו מקרא קודש
קוקנדיג
אינעם
ליידיגן
בערזל
פרעגט ער א
ברענעדיגע
פראגע
וועל איך
זיין א
מלך ביים
סדר?
עסן
אויף
יו"ט
האסטו
וואס
צו
וואס
וועט דיין
מיטל דיין
שכן?
עזר לשבת.
מען דארף
אונזער
הילף.
קויפט די ברכות || העלף דיינע נאנטסטע
דינסטאג און מיטוואך פיקודי || Dryveup.com/eizerleshabbos
845.757.0571
$180
3 קעיסעס וויין
$480
50 פונט פלייש
$720
18 פונט מצה
$1200
גראסערי אורדער
$2600
משפחה אויף יו"ט
עזר לשבת
מזון לשבת למשפחות נצרכות

# לכו ונלכה אל בית ה'

## מיר טרעטן אויס דעם וועג פאראויס פארן תורה פעסטונג - כולל דרך החיים




ערוואַרט
**א רייכע בראשור**
איבער די פארשריט און פלענער אויף לעתיד

מיר האבן זיך אונטערגענומען
מיר האבן אינאיינעם געבויעט

מיר ענדיגן אונזערע הבטחות און
טרעטן אויס דעם וועג צום השלמה.



# בדרך בית ה' | כולל דרך החיים אהל אלטא פיגא

והעיר קרית יואל צהלה ושמחה:

# אלפי אנ"ש תושבי העיר גרייטן זיך בהתרוממות והתרגשות צו פראַווען געהויבענעם יו"ט פורים הבעל"ט בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

## צוגרייטונגען און באַראַטונגען דורך 'נאמני הקהלה' אויסצואַרבעטן געניטער מהלך פאר אלפי אנ"ש ותושבי העיר וואס וועלן אַריינגיין פערזענליך איבערגעבן משלוח מנות פאַר'ן רב שליט"א און לברך ולהתברך ביום הפורים

קרית יואל. - מיט אויסטערלישע רגשי שמחה וששון, האבן אלפי תושבי קרית יואל באַגריסט די בשורה מרנינה וואָס איז אָפיציעל פאַרעפנטליכט געוואָרן דורך די הנהלת הקהלה קהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל, אַז צום ערשטן מאָל וועט מען האָבן די זכי' הרוממה אַז הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א וועט קומען פראַווען דעם הייליגן יום טוב פורים הבעל"ט, אינאיינעם מיט'ן גאַנצן ציבור האלפים אנשי שלומינו, לקיים את ימי הפורים האלה מיט א התרוממות הנפש ובהתרגשות רב, בקרב קהלא קדישא הדין.

לויט די באַשטעטיגטע פלענער וועט דער רב שליט"א ווײלן במשך דעם גאַנצן יום הפורים בקרב העיר, ווען מ'וועט האָבן די געוואַלדיגע געלעגנהייט צו מיטהאַלטן די געהויבענע קריאת המגילה ברוב עם הדרת מלך, אנשים נשים וטף, בהיכל בית המדרש הגדול.

פון די הויכפונקטן פונעם טאג וועט מען האָבן די זכי' נשגבה צו קענען אַריינגיין פערזענליך ביי הגה"צ דער רב שליט"א, יעדער ראש בית אב באַזונדער, צו מקיים זיין די מצוה פון משלוח מנות דורכאויס די שעות היום, און קענען נהנה זיין מאורו הבהיר אין אַזוינע הייליגע גרויסע זמנים, און שעפּן די השפעות פונעם יום טוב פאר זיך און פאר די קינדער לקיים את הימים האלה.

באזונדער רוישן די געפילן ברגש רב זיך גרייטנדיג צו די געהויבענע מאָמענטן ביים ענדע פונעם הייליגן טאג, תחילה למקראי קודש ביי אונז אין שטאָט, ווען הגה"צ דער רב שליט"א וועט באַשיינען און משפיע זיין ביים געהויבענעם סעודת משתה היין, בהיכל בית המדרש הגדול, במעמד כל קהלא קדישא הדין לכבוד היום, און וועט דערביי משמיע זיין דברי תורה ויראה, און משפיע זיין די געוואַלדיגע השפעות וואָס מ'קען אַרויסנעמען פון אַזאַ געהויבענעם פרייליכן טאָג.

דער גרויסער בית המדרש וועט בעז"ה אויסגעשטעלט ווערן מיט'ן מאַקסימום פּלאַץ פאַר די הונדערטער בחורי חמד תלמידי ישיבות הקדושות, אברכים יקרים און בעה"ב חשובים ופארי הקהלה, וועלכע וועלן זיך מיטפרייען און מיטלעבן די געהויבענע צייטן דורכאויס די לאַנגע שעות פון פורים שפּעט נאָכמיטאָג ביז אין די שפּעטע שעות במוצאי יום הגדול, וואָס וועט געפּראַוועט ווערן בצוותא חדא ברוב עם הדרת מלך, מיט אַ שמחה ודביקות עילאה, באַגלייט מיט פייערליכע ריקודין של שמחה, מיט געהויבענע מאָמענטן להודות ולהלל לשמך הגדול, על נפלאותיך ועל ישועתיך בימים ההם ובזמן הזה.

אין די יעצטיגע טעג גרייטן זיך שוין די געטרייע 'נאמני הקהלה' מיט אַ הכנה דרבה אַהערצושטעלן דעם בית המדרש הגדול מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען צו אַקאָמאַדירן אַלע תפלות און מאורעות דורכאויס דעם געהויבענעם טאָג הבעל"ט, צו אַהערשטעלן די מאַקסימום כבוד הציבור כראוי וכיאות, און צו אויסאַרבעטן אַלע פּרטים ס'זאָל אַרויסקומען די ריכטיגע כבוד ותפארת קהלתינו הק'.

אַצינד אַריינטרעטנדיג אינעם פרייליכן חודש אדר שני, גרייט זיך קרית יואל בהמוני' בהכנה דרבה ובהתרגשות עצומה, מיט אַ פייערליכן ערוואַרטונג צו האָבן די געוואַלדיגע געהויבענע געלעגנהייט בהאי זמן דקגרים, צו קענען פראַווען דעם גרויסן טאָג יו"ט פּורים תשפ"ד בשבת אחים גם יחד בימי הפּורים האלה הנזכרים ונעשים בכל דור, און דערביי מקבל און נהנה זיין זיין מבאר תורתו ומאורו הבהיר פונעם רב שליט"א, און זיך אָנשעפּן השפּעות טובות מלא חפניים בהאי יומא דקגרים.

מטעם די הנהלת הקהלה ווערט געמאָלדן אַז די פילע פּרטים און דעטאַלן אַרום די הייליגע ימי הפּורים הבעל"ט וועלן בעז"ה פאַרעפנטליכט ווערן אין די גאָר נאָנטע טעג לשמחת לב תושבי העיר.

**תשועתם היית לנצח, ותקותם בכל דור ודור!**

### אקטיווע צוגרייטונגען אהערצושטעלן געניטע סדר צו קענען אריינגיין פערזענליך איבערגעבן 'משלוח מנות' פאר הגה"צ דער רב שליט"א

פון די סאמע פריאריטעטן ביי די עסקני 'נאמני הקהלה' איז די פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען אהערצושטעלן אַ געניטער פאַסיגע מהלך פאר די זמני קבלת קהל אין לויף פון טאָג, ווען טויזנטער אנ"ש, ראשי בית אב, אינאיינעם מיט די קינדער וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט אריינצוגיין פּערזענליך צום רב שליט"א, אין אַזאַ גרויסן זמן בעצם יום הפּורים, צו איבערגעבן משלוח מנות און זיך וואונטשן אַ פריילכן לעכטיגן תמיד וברכות לרוב.

די זעלטענע געלעגנהייט פון אריינגיין צום רב שליט"א פערזענליך בעצם יום הפורים וועט אויסגענוצט ווערן דורך טויזנטער חברי הקהלה ותושבי העיר, וואס פאר א גרויסער ציבור וועט דאס זיין אן ערשטמאליגער געלעגנהייט זינט דער רב שליט"א איז נתמנה געווארן דורך כ"ק רבינו שליט"א לעמוד בראש העדה הקדושה, אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם.

די עסקנים גרייטן צו אַ דעטאַלירטן פּלאַן וואס זאל פארזיכערן א געניטן סדר פאר אַלע אנשי שלומינו, אַז ס'זאל זיין דער צייט און א געלעגנהייט פאַר יעדן יחיד אַריינצוגיין לברך ולהתברך. ס'וועט בעז"ה אַהערגעשטעלט ווערן באַזונדערע זמנים פאר די פּארי הקהלה, די חשוב'ע עלטערע דור וואָס באשיינען כבוד קהלתינו הק', און באַזונדער אויך פאר נגידים ונדיבים בעם וחברי זהב, און פאַר'ן גאַנצן ציבור מגדול ועד קטן.

מיט אַ באַזונדערן דגוש זענען די עסקנים אקטיוו צו פארזיכערן אַז די טראַפיק פלוס אין די געגנט ארום דעם רב'ס שטוב זאל פארן געמיטליך אָן קיין אָנשטרענגונגען און אן שוועריקייטן פאַר'ן גאַנצן ציבור תושבי העיר.

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL
5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


בס"ד

# והעיר צהלה ושמחה

בחודש שמרבים בו בשמחה, שמחים אנו להודיע כלל
אנשי שלומינו, חברי קהלתינו הקדושה, אשר

# הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

ישהה בתוכינו, בקרב קהלתינו הק'

# ביום הפורים

הבא עלינו לטובה

סדר היום והזמנים יתפרסמו במודעות הבאים בעז"ה

בכבוד רב
**הנהלת הקהלה**

וְהָיָה יְחֶזְקֵא"ל לָכֶם לְמוֹפֵת! בּוֹנִים הֵיכָל לַה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל!

# קרית יואל איבערראַשט פון פילאַנטראָפּישע 'צוויי מיליאָן דאלאַר' נדבה פאַר'ן אויפבוי פון "היכל האדיר אַלטער יחזקאל" אין ביהמ"ד הגדול קרית יואל

געשאָנקען דורך באַרימטער זקן הנדיבים

## הרה"ח רבי אלטער יחזקאל גליק שליט"א

ממקורבי מרן רביה"ק זי"ע ומפארי זקני תושבי העיר ומישישי ק"ק סאַטמאַר

טרם יקרא:

עשה חסד באמונה, ת"ח מופלג, הגה"ח רבי אלטער יחזקאל שליט"א, קומט אַנטקעגן מדעת עצמו פאַר'ן פרעכטיגן השלמה פון תל תלפיות ביהמ"ד הגדול - בנין אלידהו אויפצובויען גיגאַנטישער 'היכל אלטער יחזקאל' אויף 'גאַרפיעלד זייט', למען כבוד קהלתינו הקדושה ולעמוד לימין הקודש כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

תיכף לתלמיד חכם ברכה:

**$2,000,000.00 'פעליגער טשעק' איבערגעגעבן לֵיד קדשו פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, צו קענען תיכף ומיד אַריינשפרינגען במלאכת הבנוי'**

נכתב ונחתם בטבעת המלך:

שטרות אונטערגעשריבן דורך חברי הנהלת הקהלה וקרן הבנין, הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, אין שפּיץ בטבעת המלך, כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואָס האָט אָנגעוואונטשן ברכות לרוב פאַר'ן זקן ופארי הנדיבים, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים!

הוסיף ידו שנית ושלישית:

**נדבת לבו הטוב גרייכט אַצינד גאַנצע 'זעקס מיליאָן דאלאַר' למען פּריחת ועתיד קהל ומוסדות קרית יואל, נאָך זיין באַרימטע 'פיר מיליאָן דאלאַר' נדבה פאַר די מוסדות הק' פאַרלאָפענעם יאָר**




עַד יְכוֹנֵן וְעַד יָשִׂים תְּהִלָּה בָּאָרֶץ:

# בידהמ"ד הגדול – בנין אליהו מיט 'היכל אלטר יחזקאל' וועט זיין דער צענטער-פונקט און מגדל אור בי'ן מלכות'דיגן איפבוי פון תל תלפיות בית המדרש הגדול האדיר והחדש אויף פארעסט ראָוד

קרית יואל. - ק"ק סאַטמאַר קרית יואל, דאַרונטער אלפי רבבות תלמידי וחסידי סאַטמאַר מכל קצוי תבל, נעמען אויף מיט איבערראַשונג און באַגייסטערונג די פריידיגע בשורה מרנינה וואָס באַנעמט די הרחבת גבולי הקדושה בעיר עוז לנו קרית יואל יע"א, אַז דער באַרימטער זקן הנדיבים, הרב החסיד הנכבד והמרומם, בר אוריין ובר אבהן, מופלג בתורה וגדול במעשים, הגה"ח רבי אלטר יחזקאל גליק שליט"א - שו"ב, מפארי נכבדי ק"ק קרית יואל ומישישי הדרה, ממקורבי אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע אשר זכה לחיבה יתירה ביים הייליגן רבי'ן זי"ע, איז אַנטקעגנגעקומען בלבו הטוב אל כבוד מנהיג העדה הקדושה כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, ולהחיות נפש צדיק האָט ער געשאָנקען די פאַנטאַסטישע אַסטראָנאָמישע נדבה אדירה פון "צוויי מיליאָן דאָלער", למען כבוד תפארת קהל יטב לב קרית יואל, צו אָפּקויפן די זכות נשגב פונעם נייעם היכל האדיר והגדול וואָס ווערט געבויט אויף די 'גאַרפיעלד זייט' פונעם בית המדרש הגדול. ויקרא שמו בישראל מיט כבוד און שעצונג פאַר האי נדיב הדגול "היכל אלטר יחזקאל", לעד ולנצח נצחים ולכבודו ותפארתו.

דער נדיב המרומם האָט איבערגעגעבן די גאַנצע קאָלאָסאַלע פילאַנטראָפּישע צוויי מיליאָן דאָלאַר נדבה ליד קדשו פון עטרת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואָס דער זקן הנדיבים שטייט לימין קדשו בכל עת ועידן, ובכל נפשו ולבו טוט ער שטענדיג למען כבוד תפארת המלכות, און איבער אַלעם שטייט ער ווי אַ גענעראַל ווען ס'קומט צו הרחבת גבולי הקדושה אינערהאַלב קהל ומוסדדת קרית יואל תחת דגלו ונשיאתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ובראשיתו פון הגה"צ דער רב שליט"א.

דער רבי שליט"א האָט גע'חתמ'ט די שטרות בטבעת המלך, אינאיינעם מיט בנו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, און דערנאָך דורך די חברי הנהלת הקהלה וקרן הבנין, ונכתב ונחתם אַלס 'דער נדבה האדירה' וואָס בויט ווייטער רצון ומשאת נפשו פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע, ווען זיין הייליג שטאט וועט ווייטער בליען לשם ולתפאראת, ווען אין שפיץ שטייט דער צענטראַלער רוחניות'דיגער מגדל אור ותל תלפיות, בית המדרש הגדול דקהל יטב לב - בנין אליהו, וואָס וועט מיט די יעצטיגע נדבה ווערן ווידעראַמאָל אַרויסגעבויט, ויבא ההיכל השלישי ויכריע אַלס דער אבן שואבת פאר אלפי תושבי העיר המלוכה, ביז'ן ענדגילטיגן איפבוי פון צענטראַלן תל תלפיות ביהמ"ד הגדול האדיר והחדש דק"ק קרית יואל אויף פאַרעסט ראָוד.

ס'איז בהאי זמן דער פאַסיגסטער געלעגנהייט אַרויסהייבן לשבח האי איש אמונים יקר מפנינים, הרבני החסיד הרב שמואל טייטלבוים שליט"א משב"ק ואיש אמונו וסודו פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, וואָס טוט אזויפיל למען הרמת כבוד ותפארת קהלתינו הק' בחכמתו ובפעולתו, איבערהויפט מיט'ן אויסניצן זיינע כוחות אדירות זייענדיג דער מוליך ומביא בקודש פנימה צו העלפן אויפטרייבן די נויטיגע נדבות בכל עת ועידן, בפרט מיט'ן יעצטיגן נדבה האדירה.

## דער נחיצות פון באַלדיגע שריט פאַר פרישע אויסברייטערונג בתוככי בית המדרש הגדול - בנין אליהו

מ'טרעט קוים יעצט אַריין אין די צווייטע יאָר, זינט מ'האָט פאַראַיאָר בחודש אדר בהאי זמן דקגרים, פייערליך באַנייט דער ערשטער סניף פונעם בנין המפואר והנהדר "בנין אליהו" ווען מ'האָט בשמחה עצומה אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דעם פאַרטאָפּלטן ביהמ"ד הגדול ביים אומפאַרגעסליכן 'שבת שמחת התורה' שבת חנוכת הבית פאַר'ן סניף החדש אויף פאַרעסט זייט.

ס'האָט זיך דאַן געקענט דאַכטן אַז דאָס וועט זיכער אָנהאַלטן פאר אַ גוטע פאָר יאָר צו קענען עטוואָס אָפּאָטעמען פון די שווערע לחץ זו הדחק וואָס האָט געהערשט בין כותלי הביהמ"ד ביז דאַן. ס'האָט טאַקע אַריינגעברענגט אַן אומגלויבליכער הרחבת הדעת. ס'האָט פי כמה געהויבן די גאַנצע געשטעל פונעם מגדל אור ותל תלפיות. ס'האָט געעפענט אַ גאָלדענער פרישער עפּאָכע פון קענען אָפּרעכטן די תפלות התמידין, די תפלות בשבתות וימים טובים, מיט אַ פאַרמערטע הרחבת הדעת און אַ מקום צו קענען עטוואָס דערשטרייטן דעם ציבור הלומדים והמתפללים.

איבערהויפּט האָט דאָס עטוואָס געלינדערט די לעכטיגע צייטן בצלא פון הגה"צ דער רב שליט"א וואָס באַשיינט די לעכטיגע שבתים, די געהויבענע תפלות, די הייליגע של"ס, און די פייערליכע מעמדים ומאורעות בקרב קהלתינו הק'.

אָבער ס'האָט נישט צו לאַנג אָנגעהאַלטן ביז ווען מ'האָט צו ערשט אין אָנהייב בלויז געטראַכט, און דערנאָך האָט עס יעדער גאָר אַרויסגעזאָגט אָפן און קלאָר 'אם כן מה הועילו..' ס'האָט זיך מער נישט דערקענט די הרחבת הדעת, און די עטוואָס לופט צו קענען אָטעמען בכל יום יום אינעם תל תלפיות איז שוין פון לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

דאָס איז סיי יעדן טאָג עקסטער ביי די טעגליכע געפּאַקטע מניני שחרית תמידין כסדרן, און מניני מנחה ומעריב, אין אַלע פינף לופטיגע חדרי תפלה. איבערהויפּט אין די יעצטיגע תקופה ווען מ'גרייט בעז"ה בקרוב צו פאַרענדיגן די מקוה המפואר אויפ'ן אונטערשטן שטאָק, וואָס גייט געוויס צוברענגען א ריבוי עצום מתפללי קבועים בתוככי ביהמ"ד הגדול.

אָפּגערעדט ווען ס'קומט צו אָנרירן די לעכטיגע שעות בכל יום ויום ביי די געהויבענע בני תורה, די בני הכוללים וואָס פילן איבער דער ביהמ"ד הגדול - בנין אליהו פון ברעג צו ברעג, וואָס

 

העפטיגע בוי ארבעט היינטיגע וואך צוצוגרייטן דעם באדן פאר נייעם מעכטיגן פליגל

נאָכ'ן אויסניצן יעדן אינטש, נאָכ'ן צולייגן רייעס און רייעס פון טישן און בענקלעך, איז עס ווידעראַמאָל אָנגעקומען צו 'כלו כל הקיצין' ווען מ'קען פשוט נישט אַריינשטופּן נאָך אינגעלייט בני תורה וואָס לעכצן צו האָבן זייער אייגענע ד' אמות של הלכה, צו קענען האָרעווען בין כותלי הביהמ"ד אין די סוגיות והלימודים אינערהאַלב די באַרימטע כולל סאַטמאַר קרית יואל.

והעולה על כולנה די לעכטיגע צייטן אין שפּיץ פון הגה"צ דער רב שליט"א, וואָס דער ביהמ"ד איז איבערגעפילט און קען נישט מער פאַרנעמען די פלייץ פון אנ"ש תושבי העיר וואָס קומען מיטהאַלטן די געהויבענע תפלות, און מאורעות בשבת אחים, אונטער די לעכטיגע השפעה פונעם רב שליט"א, וואָס האָט אַזוי מרומם געווען כל קהלא קדישא אין די לעצטערע צייטן, און האָט געעפענט אַ נייער תקופה בקומה זקופה אשר עלה קהלתינו הקדושה עשר מעלות רמות.

ווער רעדט נאָך פון די שיינע שבתים, די אומפאַרגעסליכע ימים טובים, וואָס דאַן איז פשוט פאַר יעדן באי שער ה' אַז דאָ מוז עפּעס דראַסטיש געטון ווערן 'יעצט' צו קענען אויפנעמען דעם ציבור פון אלפי אנ"ש וואס קומען זיך צונויף מכל פנות העיר צו וויילן במחיצתו פונעם רב שליט"א, און הערן די דברי תורה ויראה, דברי מוסר והתחזקות, זיך צו דערהייבן און אַריינעמען די וואַרימקייט אין זיך און אין די קינדער למען יעמדו ימים רבים.

אָפּגערעדט די הייליגע לעכטיגע שבתים בצל הקודש ווען מ'האָט די זכי' אַז כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א קומט פּראַווען בקרב קהלתינו הקדושה קרית יואל, וואָס דאַן האָט מען שוין פּרובירט יעדן אויסשטעל, צוגעלייגטע רייעס, אַוועקנעמען טישן, און וואָס נישט, אָבער אין הקומץ משביע. ס'איז פשוט מער נישט מעגליך צוצושטעלן פאר אלפי תלמידים וחסידים תושבי העיר וואָס קומען זיך מסתופף זיין בצל קדשו ביי די געהויבענע שבתים און מעמדים בצל הקודש פון עטרת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א.

און דאָס זעלבע איז דאָך פשוט שוין פון די ערשטע מינוט - נאָך ביי יענעם ערשטן 'שבת הכנסת ספר תורה' ווען מ'האָט באַנייט די פּאַרעסט-פליגל - אַז די די מאורעות בקרב קהלתינו, די מעמדי קודש וואָס נעמט צונויף כל קהלא קדישא זקנים עם נערים, איז מער נישט קיין צוקונפט צו פּראַווען אין דעם היכל הגדול, ווייל דאָס קען פשוט נישט פאַרנעמען דעם ציבור, און ס'איז פשוט נישט מעגליך צוצושטעלן דאָס פּאַסיגע כבוד הציבור, און די נויטיגע פּלעצער, פאַר'ן ציבור האלפים וואס קומען מיטהאַלטן די מעמדים ומאורעות און די לעכטיגע טישן וואָס דערהייבן אַזוי יעדן יחיד ויחיד מכל תושבי העיר.

## אָט אויף דעם האָט מען געוואַרט! נדבה האדירה פון הרה"ח רבי יחזקאל גליק שליט"א!

יעצט דורך דעם וואָס אונזער באַקאַנטן גענעראַל לכל קדשי הקהלה, הרבני המרומם הרה"ח ר' אלטער יחזקאל גליק שליט"א, איז אַנטקעגן געקומען בלבו ובנפשו למען כבוד קהלתינו הקדושה, ולעמוד לימין הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, און איבערגעגעבן ליד קדשו פון רבי'ן דער פילאַנטראָפּישע נדבה האדירה, האָט מען זיך אַריינגעוואָרפן תיכף ומיד אויסצופירן דעם אַזוי-ערוואַרטעטן מאָמענט אויף וואָס יעדער איז אַזוי משתוקק.

דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג פרשת ויקהל לסדר 'קחו מאתכם תרומת ה' כל נדיב לבו יביאה' האָט מען זיך גענומען דורכפירן די ערשטע פּאַזעס צו אַרויסבויען דעם היכל הגדול אויף דער גאַרפיעלד זייט, ווען מ'האָט צו ערשט אַראָפּגעוואָרפן די גרויסע טרעפּ וואָס שטערט דורכצוטון די גראָב אַרבעט נויטיג פאר די ערשטע פּאַזעס. ובעזר שמו הגדול, בכוחו ובזכותו של אותו זקן מייסד הקהלה רביה"ק זי"ע, וועט מען אין די קומענדיגע תקופה אריינטרעטן צו פּראָגרעסירן מיט די בוי-אַרבעט צו אַרויסבויען און פאַרענדיגן דעם היכל הגדול והאדיר "היכל אלטר יחזקאל".

דער היכל וואָס גייט בעז"ה אַריינברענגען אויסטערלישע הרחבת הדעת און געוואַלדיגע דערפרישונג אין יעדן אַספּעקט ברוחניות וגשמיות בתוככי קהל יטב לב קרית יואל. און וועט אנהייבן א נייער קאפּיטל בקורות ימי קהלתינו הק', צו קענען אפּרעכטן די תפלות און די מאורעות מיט דער ריכטיגער פּראַכט און שיינקייט, לשמחת לב כל אנ"ש ולתפארת העיר.

ווי הערליך וועט ווערן פארווירקליך דעם "ונתתי לו בביתי ובחומתי יד ושם טוב שם עולם אשר לא יכרת" ווען ס'וועט זיך אויף די הייליגע ווענט פונעם תל תלפיות ומגדל אור, וואו טויזנטער אנ"ש רעכטן דאָ אָפּ די הייליגע תפלות און ווייקן זיך ביי די לעכטיגע טישן, וואו מ'האָרעוועט אלפי רבבות שעות לימוד התורה, דאָרט וואו די לעכטיגע קייטן פו דורות העתידים שעפּן דאָ הויפּנעס רוח קדושה וטהרה, תחת דגלו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אונטער די השפעה ובראשיתו פון הגה"צ דער רב שליט"א, אָפּשפּיגלען דער כתר שם טוב פונעם נדיב הדגול ווען ס'ווערט גערופן "היכל אלטר יחזקאל" לעד ולנצח, והי' יחזקא"ל לכם למופת!

עס איז דער שענסטער כבוד פאר דער עיר גדולה לאלוקים קרית יואל רבתי עם, אַז דער חשוב'ער זקן ונשוא פנים, מוותיקי וזקני תושבי העיר, וואָס באַשיינט דעם מקום הכבוד פון אַלע תפלות און טישן בתוככי קהלתינו הק', אַ געווייקטער חסידי'שער איד וואָס האָט געהאַט די זכי' צו זיין ממקורבי אבינו רועינו מרן רביה"ק זי"ע, אַ איד וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ חיבה גלוי' ביי רביה"ק זי"ע באופן יוצא מן הכלל און אַסאַך מחי' געווען און באַדינט דעם רבי'ן וזכה לצקת מים על ידיו הק' און ער איז עד היום הזה לאויט"א דבוק באותו צדיק ולספריו הקדושים בכל נימי נפשו ולבבו, אַז אַזאַ גברא רבא יקירא מדור הקדום איז זוכה צו אַזאַ פּראַכטפולע הנצחה בקרות ימי קרית יואל.

סאיז נישטא גענוג מיט וואס מ'קען באַדאַנקען דעם נדיב הדגול דער בונה ומקים, על כל הטוב והחסד, און מ'וואונטשט אים אך טוב וחסד ירדפו כל ימי חייו, עוד ינובין בשיבה דשנים ורעננים יהיו, ער זאל זוכה זיין צו זען רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, הוד והדר פעלו, לעד ולנצח יעמוד צדקתו, למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר!

כל תושבי העיר קוקן ארויס מיט לעכטיגע געפילן אויפ'ן אָנהויב פון דעם פּראָיעקט, מיט אַ תפלה מעומק הלב אַז אָט זאָל מען זוכה זיין מיטצולעבן דעם השלמה פונעם "היכל אלטר יחזקאל", והבית בהבנותו יהי' מלא ברכת ה', גדול יהי' כבוד הבית, און מ'זאל ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, לילך מחיל אל חיל, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ, הולך וגדל עד כי גדול מאוד, בדרך כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, תחת נשיאת קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ובראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צום 'עתידין להקבע בארץ ישראל', ושם נעלה ונראה, במהרה בימינו אמן.

**הולך וגדול עד כי גדול מאוד! גדול יהי' כבוד הבית הזה לה' ולתורתו!**

# וויכטיגע מעלדונג

דערמיט טוען מיר מעלדן אז היות די

# 10% דיסקאונט

וואס די מעמבערס פון אונזער קהלה געניסן

לויפט אפ קומענדיגן

## מאנטאג פ' פקודי

( MAR 11 למס')

**דערפאר כדי צו קענען געניסן**
**פונעם דיסקאונט דארף מען זיין**
**באצאלט די פרישע מעמבערשיפ**
**באלאנס פון די קהלה**

פאר אייער טובה מאכט זיכער אז אייער מעמבערשיפ איז אויסגעצאלט און איר האט א 'גילטיגע מעמבערשיפ קארטל' כדי צו קענען ווייטער געניסן פון די ווערדפולע דיסקאונטס ביים איינקויפן אין אונזער געשעפט

צו באצאלן די מעמבערשיפ, אדער זיך איינצושרייבן אלס מעמבער, קענט איר אריינרופן אין קהל'ס אפיס

**קהל יטב לב ד'סאטמאר**
**קרית יואל**

**845.783.5688**

מיט דאנק, **סאטמאר פלייש**
דקהל יטב לב ד'סאטמאר קרית יואל

WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100

BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100

BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100

KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900

CATSKILLS
5239 Main St.
845.436.9400

סאטמאר פל"ש

דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

בס"ד

קהל ייטב לב סאטמאר
קרית יואל

## דיוס קאמפיין • תשפ"ד

# יעדן טאג א גורל!

ביזן יום הקהלה
## ז' אדר הבעל"ט

## געלט און געווינס!

# פארפאסט נישט די רייכע גורלות

א אדר
**1**

## הערליכער מגילה האלטער
ביי מלכות




ב אדר
**2**

## א יאר פריי מקוה
מקוואות דקהלתינו הק'



ג אדר
**3**

## $500 אין איינע פון
קהל'ס געשעפטן



ד אדר
**4**

## פסח סעט ביי מלכות



ה אדר
**5**

## ספרים זשודעיקא
דורן ספרים ומתנות



ו אדר
**6**

## פיש פלעטטערס
לכבוד פורים $350 דאלער




ז אדר
**7**

## פאנטאזי טוי סטאר
$500 דאלער






# סאטמאר קרית יואל פאַרשטייט

## צו בויען א קהלה.

*לייענדיג א לעמפערט קהלה*

איז 'התאחדות אברכים' די 'עקזיסטענץ' פון קהלתינו מאנטשעסטער.

*לייענדיג א לעמפערט קהלה*

קענען זיי נישט דאס דעקן אליינס.

**מאנטאג ויקרא**



**בילד:**
סיום מסכת סוטה
והתחלת חולין
בלימוד זכרו

# סאטמאר קרית יואל צייגט

## פאר סאטמאר מאנטשעסטער וויאזוי!

Yalco Marketing | 718.675.6084

מסיבה נהדרה
**בּוֹנִים מאַנטשעסטער**

**מאנטאג ויקרא**
בבית הרה"ח ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש הי"ו

...עט קרית יואל
...עמענטירן זייער
...קזיסטענץ!

# וואס טוט "גלילות פראפערטי סערוויסעס"?

GLILOS
PROPERTY SERVICES

וואס טוט "גלילות פראפערטי סערוויסעס"?

אין קורצן: גלילות פראפערטי סערוויסעס איז געשטעלט צו העלפן רעדוצירן אלע סארט פראפערטי שטייערן.

אין פאל ווען מיר זענען איבערצייגט אז אייער פראפערטי איז איבערגעשאצט, דאן ווען מיר פארהאנדלען מיט'ן Tax Assessor אים איבערצייגן אז זיין אסעסמענ"ט איז צו הויך, צוליב די מארקעט פרייז איז נידריגער, די קאנדישאן פון די הויז, אדער צוליב אנדערע סיבות, און ער זאל נידערן זיין אסעסמענ"ט פאר די געביידע וואס דאס וועט אויטאמאטיש אראפברענגען די טעקס.

מיר האבן א שטארקע ערפארונג דורך אונזער עקספיריענס מיטן פראצעדור, און מיטן באקאנטשאפט מיט די לאקאלע Tax Assessors און דורכדעם קענען מיר פון פאראויס אפשאצן ווען מיר האבן א שאנס בעזהשי"ת מצליח צו זיין.

## ווען גלילות סערווים איז נוטיג

אין צוויי פעלער 1) **May 1** ביים קריגן דעם בריוו אז מען האט געהעכערט די טעקס/אסעסמענ"ט 2) אויב די טעקס איז צו הויעך אין פארגלייך צו די געגנט. (דאס איז גילטיג אגאנץ יאר)

די צוויי האבן אנדערע פראצעדורן:

## געהעכערטע אסעסמענ"ט

אין די ערשטע טעג פון דער **מאנאט מאי** קומט אן אויף די פאסט א בריוו פאר אלע אייגנטומער וואס זייער ווערד איז געהעכערט געווארן, מיט א מעלדונג איבער די העכערונג.

זיי טוען אבער א גוטער שטיקל... אויף יעדע פון די בריוון שטייט צוגעשריבן אז אפילו דער אסעסמענ"ט איז געהעכערט געווארן, מיינט עס אבער נישט אז די טעקס גייט געהעכערט ווערן, **וואס דאס איז לגמרי נישט ריכטיג**, און דאס ברענגט אז דער מענטש נעמט נישט קיין באלדיגע שריט.

## פיילן פראטעסט אויף דעם העכערונג

ממש געציילטע וואכן נאך וואס מען באקומט דעם בריוו. **דער לעצטער דינסטאג אין מאי** איז דער דעדליין ביז ווען מען קען אריינגעבן א קאמפלעינט אויף די אסעסמענ"ט העכערונג.

דאס מיינט אז ווי נאר איינער באקומט אזא בריוו זאל ער נישט ווארטן קיין טאג, נאר זיך גלייך ווענדן צו 'גלילות' מען זאל קענען אנהייבן דעם פראצעדור.

## פארפאסט דעם דעדליין

אין פאל אויב מען האט פארפאסט דעם דעדליין פאלט דאס אריין אין דעם צווייטן קאטעגאריע פון הויכע טעקס וואס מיר קען בעז"ה פראבירן אראפצוברענגען אויפן קומענדיגן יאר, (דאס וועט אבער נאר זיין גילטיג אויף דעם קומענדיגן יאר). אבער ביזן דעדליין איז גענוג אז מען ווייזט אויף אז די העכערונג איז נישט געווען בארעכטיגט לויטן געזעץ מחמת כמה סיבות, און 'גלילות' מיט זייער לאנגיעריגע ערפארונג צייכנט זיך ב"ה אויס דאס צו ערלעדיגן על צד היותר טוב.

און פאל וואס דער Tax Assessor נעמט נישט אן אייער קאמפלעינט, איז דא נאך א שאנס אריינצוגעבן א קאמפלעינט צו די לאקאלע Board of Assessments אויב מיר האבן גענוג פרוף איבערצואווייזן אז מען איז שלעכט געווארן אפגעשאצט.

אויב די באורד אפראווד נישט אייער קאמפלעינט, דאן ווען מיר גיין אין געריכט




אקעגן דעם אפשאצונג **אויב די סעיווינגס איז ווערד די הוצאות.** מיר האבן פארבינדונגען מיט גאר געניטע לויערס, מיט לאנגע יארן ערפארונג אין דעם פעלד, צו פארטרעטן דעם אייגנטומער אין געריכט.

## Commercial

הגם דאס איז געוועגליך א לענגערע פראצעדור, איז אבער די סעווינגס אסאך גרעסער. מיר האבן שוין געשפארט פאר אונזערע קליענטן אלפים ורבבות.

## Star Credit

מיר פיילן סטאַר קרעדיט וואס יעדער אייגנטומער וואס וואוינט אין זיין אייגענע הויז קען באקומען א ריפאנד, ד.מ. א טשעק פון די רעגירונג, צומאל איבער טויזנט דאלער, אויך Enhanced Star Credit וואס אויב זענט איר אריבער די 65 יאר איז די ריפאנד פיל מער.

מיר פיילן די אפליקעישאן פאר די סטעיט פאר א מינימום אפצאל, דערנאך באקומט דער אייגנטומער א טשעק אין די פאסט יעדעס יאר אויטאמאטיש.

## פארשידענע סערוויסעס

ווי אויך העלפן מיר מענטשן מיט אלע סארטן פראפערטי טעקס סעיווינגס, ווי **'סיניאר טעקס דידאקשן'** פאר עלטערע מענטשן העכער די 65 מיט א לאו אינקאם וועלכע זענען בארעכטיגט צו באקומען א הנחה אויף זייער פראפערטי טעקס ביז האלב פון די ארגינעלע פרייז. **טעקס עקזעמפשאן' פאר נאן-פראפיט** ארגאנעזאציעס ווי בתי מדרשים, אינסיטוציעס, מוסדות און קעמפס וועלכע זענען בארעכטיגט פאר א גענצליכע שטייער פריי הנחה, **'קאמערשעל פראפערטי עקזעמפשאן'** ד.ה. גרויסע הנחות ביז 50% אויף נייע קאנסראקשאן אדער עקספענשא"ן (קאמערשא"ל), און אנדערע פראגראמען וויאזוי א מענטש קען אראפשניידן פון זיינע טעקסעס.

אין די לעצטע יארן האט "גלילות" געהאט די זכי' צו העלפן שפארן פאר אידן איבער א האלב מיליאן דאלער.

אויב זענט איר אין איינע פון די אויבענדערמאנטע קאטאגאריעס, לייגט דאס נישט אפ, רופט שוין **845.648.3313** עקס. **#4**, אדער שיקן אן אימעיל צו: taxsave@glilos.com און זייט אויך נהנה פון אונזערע סערוויסעס.

# וואַרימע אָפּרוף דורך תושבי קרית יואל פאר שלוחא דרבנן, הרב שניאור קאצינעלבויגען שליט"א, שד"ר מוסדות תורה ויראה עטה"ק

ממלכת התורה
מוסדות "תורה ויראה" באה"ק

**חשוב'ער גאַסט מהררי ציון וירושלים פאַרפיגט איבער מערכת 'קול האמונה' וואָס שטייט על משמר היהדות און פירט די מערכת הקודש קעגן בייזע ווינטן וועלכע זוכן אונטערצוברעכן דעם כח בי"ד אין ירושלים עיה"ק**

תושבי קרית יואל האָבן אין די טעג ווארעם אנטפאנגען די שלוחי דרחמנא און גבאי צדקה פון מוסדות 'תורה ויראה' אין ירושלים עיה"ק, וועלכע איז היינט צוטאָגס די גרעסטע מוסדות עטה"ק פאר די בני ישוב הישן וואו עס לערנען תלמידים פון אלע ערליכע קרייזן.

גאר באזונדער איז אויפגענומען געווארן דער מסירת נפש'דיגער שליח המוסדות, הרב שניאור קאצנעלנבויגן שליט"א, וועלכע איז אקטיוו ארומצופארן איבער די וועלט אויפטרייבן גרויסע סכומים למען החזקת מוסדות תורה ויראה וואָס אַנטהאַלט אַ נעץ פון ת"ת ישיבה קטנה און כולל לאברכים וואס פון דארט גייט ארויס און ווערט אויסגעשריגן דעם זעקת יהדות החרדית על משמר קדושת ירושלים קעגן די ממשלת השמד און אלע אירע גזירות, ווי אַלע ווייסן אַז אויפ'ן יעדן רוף פונעם ביד"ץ אין ירושלים זענען די 'תורה ויראה' אינגעלייט די וועלכע קומען אַרויס און זענען נותנים גוי למכים צו אפהאלטן די גזירות על הדת מיט מסירת נפש.

פארגאנגענעם שב"ק האט דער שליח המוסדות הר"ר שניאור שליט"א אויפגעטרעטן בעפאָר קריאת התורה אין בית המדרש הגדול, בנוכחות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, וואו ער האָט אָנגעוואַרעמט דעם גרויסן ציבור צום אַפּיעל. בתוך דבריו האָט דער מנהל באַטאָנט אַז דער רב שליט"א קען ווירקליך מעיד זיין אויף די לעכטיגע פירות, וואָס דער רב שליט"א האָט שוין מיטגעהאַלטן פון דער נאָנט דורכאויס די עטליכע מאָל וואָס ער האָט באַזוכט בין כותלי המוסדות בעיר ה' שמה.

נאכ'ן דאווענען איז דער רב שליט"א אַריבער צום ביהמ"ד ציעשנוב, זיך צו משתתף זיין בשמחת האויפרוף בבית ש"ב הגה"צ רבי שלמה רובין שליט"א אב"ד ציעשנוב קרית יואל. ווען די שליחי המוסדות האבן נאך די ווארימע אפיעל געהאט די געלעגנהייט צו ארומרעדן מיט'ן רב מער פרטים וואס דער רב שליט"א האט זיך פאראינטערעסירט איבער דעם בעפארשטייענדן אפיעל אין קרית יואל פאר דער מוסדות תורה ויראה.

שלומי אמוני ישראל האָבן אַ באַזונדערן געפיל פאַר די הייליגע מוסדות תורה ויראה וואָס איז ווי א דארן אין אויג פון די ציונים און זייערע נאָכשלעפּער, ווי מ'זעט עס בחוש ווען לעצטנס האָבן די מקולקל'דיגע קרייזן דערקלערט אַ קאמף קעגן די שלוחי המוסדות פאַר'ן אויסשרייען דעם פולן אמת ללא מורא וללא חת וואס זיי זענען נישט געוואוינט ביז היינט.

אין דער לעצטער תקופה זענען פילע חיצים ובלסטראות שוין געשאסן געווארן דורך די אנשים משולי המחנה קעגן דעם שליח המוסדות וועלכע פאַרפיגט אויך אויף די באַרימטע 'מערכת קול האמונה', די ברייט פארשפרייטע שופר פונעם עדה החרדית וואס ווערט געהערט איבער ארה"ק און חו"ל דורך שווערע טויזנטער אידן, זיך צו האלטן מיט די ריינע השקפה און נישט נאכגעשלעפט ווערן מיט די בייזע ווינטן וועלכע פרובירן אריינצוברענגען א נייע גייסט בקרב בני העדה החרדית.

די טויזנטער תושבי קרית יואל, וואָס זייער הארץ פלאקערט צו דעם בבת עינינו ירושלים עיה"ק און די מוסדות עטה"ק, טוען טאַקע אַצינד זיך אָנשליסן מיט גרעסערע סכומים פאר די אויפהאלט פון 'מוסדות תורה ויראה' און גלייכצייטיג אריינבלאזן הויפנס חיזוק פאר די עסקנים וועלכע שטייען איתן כחלמיש אויף די פראנט ליניעס אין ירושלים עיה"ק לשמור על הגחלת שלא תכוה.

**ברוך שמסר עולמו לשומרים!**



קבלת פנים פאר כ"ק אדמו"ר שליט"א אין ביהמ"ד 'תורה ויראה' אין בית שמש ביים היסטארישן מסע הקודש בשנת תש"פ העעל"ט

בעת מיר גייען צום דרוק:

# 'חברה הצלה קרית יואל' אפגעהאלטן איספערירענדער פאַרזאַמלונג פון 'הכרת הטוב' און 'סיום רבתי' פאר געטרייע וואָלונטירן וועלכע לויפן אויף טויזנטער 'הצלה רופן' 24/7

**מעמדי הכרת הטוב וסיום משניות ווערט פראַכטפול אָפגעהאלטן אין די זאלן פון 'פאראדייס'; להגיד שבחו של אהרן שאול: 'סיום רבתי' אפגעהאלטן דורך די העכער הונדערט וואלונטירן לזכר נשמת האי חסיד ר' אהרן שאול סאנדל ז"ל לאנגיעריגע הצלה מעמבער**


בס"ד

לכבוד חברינו וידידינו היקר והנכבד
עוסק בהצלת נפשות במסירות נאמנה

ובב"ב החשובה שתחי'

אלס געטרייער
## הצלה מעמבער

האבן מיר דעם כבוד אייך פערזענליך איינצולאדענען
צוזאמען מיט אייער חשוב'ע בני בית שתחי'

צום גייסטרייכער און געשמאקען מעמד
## מסיבת הכרת הטוב

געווידמעט אויסצודריקן אונזער אנערקענונג בשם די אלפי תושבי עירינו
פאר אייער געטרייע הייליגע "הצלה נפשות" ארבייט.
און צו פארברענגען אינאיינעם כאיש אחד בלב אחד.
איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק!

וואס וועט פארקומען אי"ה
**מיטוואך, כ"ו אדר א' הבעל"ט**
ולמספרם March 6, 2024

אין זאל פון
**בית רחל פאראדייס**
5 Israel Zupnick Drive, Monroe, New York

Marriv 7:00 · Followed by Dinner 7:30

- א גאר געשמאקער פראגראם ערווארטעט אייך -

מיר ערווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן
**הנהלת חברה הצלה**











בעזהשי"ת

הזמנת כבוד!

מתכבדים אנו בזה להזמין את מעלת כבוד ידידינו היקר והמפואר הי"ו לקחת חבל

בסעודת
מלוה מלכה

# ליל המשכתינו

דינער המפואר לטובת הת"ת

## דברי חיים דרבינו יואל

על טהרת הקודש

להמשיך ברוב עוז ותעצומות חינוך דורותינו ע"ד מרן רביה"ק זי"ע

שיתקיים בעז"ה ברוב פאר והדר

## מוצש"ק ויקהל שקלים

א' דר"ח אדר ב' הבעל"ט

בהיכל הגדול והמפואר **היכל יצחק** שע"י קלאוו פלאזא

101 Forest Rd, Monroe, NY 10950

בשעה 9:00 בערב

בהתאסף ראשי עם, בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ שליט"א

זכותו החזקת התורה, וזכות חינוך הטהור של תינוקות
של בית רבן יגן בעד כל המשתתפים להתברך בכל
מיני ברכות והשפעות טובות

הנהלת המוסדות

# תושבי העיר אין שפאנונג צום צענטראלן "מתנות לאביונים סווייפ" אקציע דורך שטאטישע צדקה־קאסע "צדקת העיר" קרית יואל רבתי

מתנות לאביונים תשפ"ד מיט א שאקל אויף ארויף:

## ריזיגער קאמפיין "קויף א טשעק" הילט איין די שטאט; יעדער קויפט א טשעק פאר אן עני אויף פורים!

**איבער 1,000 טשעקס ווארטן צו ווערן אויסגעלייזט, און ליסטע שטייגט צוליב שווערע מצב הפרנסה ביי ריזן פראצענט ציבור**

**יעדער לייזט אויס כאטש די קלענסטע "מתנות לאביונים טשעק" וואס איז $300 – בעלי השגה זענען מקיים מתנות ל"אביונים" מיט אויסלייזן 2 טשעקס פאר $600 – ולכה"פ קויפט מען א האלבע טשעק פאר $150**

**מצות "מתנות לאביונים" ביום הפורים ווערט ערלעדיגט שוין יעצט, דורכ'ן אריינגעבן א קארטל צו "סווייפן" און פארטיילן בו ביום — מעכטיגע 'חלוקה' ביום הפורים וועט פארטיילן הונדערטער טשעקס פאר משפחות עניי העיר**

קרית יואל. - שטייענדיג שוין נענטער ווי "שלשים יום החג" און אין די וואך פון "שבת מברכין החודש שמרבין בו צדקה" חודש אדר הבעעל"ט, זענען די עסקנים פון די שטאָטישע צדקה-קאַסע "צדקת העיר" שוין שטאַרק טעטיג מיט די בעפאָרשטייענדע גרויסארטיגע מגבית "מתנות לאביונים" ביי וועלכן מען וועט ווי אַלע יאָרן אויסטיילן בעצם יום הפורים גרויסע סכומים פאר הונדערטער משפחות עניי העיר.

אין בעפאָרגרייטונג צום מגבית, האָט הנהלת "צדקת העיר" אונטערגענומען די פאַרצווייגטע "סווייפ" אַקציע, אָנצושליסן ווי מער תושבים וואָס זאָלן מקדים זיין צו זיין שותפים אין דעם מגבית, אַזוי צו קענען דורכפירן די חלוקה בשליחותם פון די תושבי העיר מיט מנוחת הנפש במשך די קורצע שעות פונעם יום טוב פורים הבעל"ט.

אין ראַם פון דעם "קויף א טשעק" אַקציע, קוקט הנהלת "צדקת העיר" שטאַרק אַרויס, אַז יעדער זאָל וואָס פריער איבערגעבן זיין קרעדיט קאַרטל, אַז די עסקנים זאָלן קענען דורכפירן דעם "מתנות לאביונים סווייפ" אַראָפּצונעמען באַשטימטע סכומים לטובת דעם וויכטיגן חלוקה, מיט א מעגליכקייט איבערצוגעבן די קרעדיט-קאַרד אינפאָרמאַציע, אַז די עסקנים זאָלן קענען סווייפּן דעם קאַרטל בעצם יום הפורים נאָך איידער מען פאַרטיילט די סכומים געלט פאר די משפחות מעניי העיר.

דער מגבית מתנות לאביונים איז איינס פון די צענטראַלסטע מגבית'ן וואָס "צדקת העיר" פירט דורך איבער'ן יאָר. "מתנות לאביונים" איז איינס פון די מצוות וואָס מען דאַרף מקיים זיין במשך דעם הייליגן טאָג פון פורים, א מצוה וואָס יעדער זוכט געוויס מקיים צו זיין, אָבער נישט יעדער האָט די מעגליכקייט, נאָכדעם וואָס עס איז אָפּטמאָל שווער צו וויסן ווער איז בגדר "אביון" כדי מען זאָל מיט אים איבערגעבן געלט, מקיים זיין די מצוה פון מתנות לאביונים.

אין אַלגעמיין איז טאַקע שווער צו וויסן, אָבער די עסקנים פון "צדקת העיר" זענען שוין איינמאָל באַקאַנט מיט'ן מצב פון פילצאָליגע משפחות איבער די שטאָט, משפחות וועלכע זענען בלי ספק אינעם גדר פון אביונים. זייענדיג די צענטראַלע צדקה-קאַסע אין די שטאָט, איז "צדקת העיר" באַקאַנט מיטן מצב פון צענדליגער משפחות אין די שטאָט וואָס מוטשען זיך אויף לחם צר ומים לחץ, און וויפיל מען פּרובירט זיי אַרויסצוהעלפן במשכ'ן יאָר, בלייבט נאָך איבער גענוג און נאָך הילף וואָס זיי קענען געניסן, אַזוי אַז מיטן זיי איבערגעבן מתנות לאביונים איז מען זיכער מקיים די מצוה מיט אַלע הידורים.

"צדקת העיר" גרייט זיך טאַקע ווי אַלע יאָרן דורכצופירן דעם גרויסן מגבית, אָבער די צדקה-קאַסע טיילט נאָר אויס דאָס וואָס די תושבי העיר שענקן פאר די הייליגע צדקה, אַז די עסקנים זאָלן קענען זיין די פּערזענליכע שלוחים פון יעדן איינעם, איבערצוגעבן די מתנות לאביונים פאר די משפחות נצרכות.

פון די אַנדערע זייט איז שווער אינעם עצם יום הפורים צו שאַפן און דערנאָך מסדר זיין און אויסטיילן דאָס גאַנצע געלט, דעריבער איז שוין איינגעפירט במשך די לעצטע יאָרן, לויט די פּערזענליכע הוראה פון הרבנים הגאונים רבני העיר שליט"א, אַז דאָס געלט פון מתנות לאביונים דורך "צדקת העיר", ווערט צוזאַמענגענומען נאָך אין די טעג און וואָכן פאר פּורים, וואָס די וואָס געבן איבער זייערע נתינות מאַכן די עסקנים אַלס זייערע שלוחים, אַז זיי זאָלן איבערגעבן די מתנות לאביונים פאר די משפחות נצרכות. לויט די הוראה פון די דיינים מובהקים שליט"א איז דאָס אויסגעהאַלטן כדת וכדין, איבערצוגעבן די סכומים נאָך פאַר פּורים אין פאַל דער אָרימאַן באַקומט דאָס געלט בעצם היום פּורים, האָט מען דערמיט מקיים געווען די מצוה כדת וכדין.

באַזונדער ווערט געגעבן א געלעגנהייט פאר אידן מדקדקים, וועלכע זענען מהדר אויך איבערצוגעבן זייער נתינה פאר די קאסע בעצם יום הפּורים, אַז מען קען במשך דעם איצטיגן "סווייפּ" קאַמפּיין איבערגעבן די פּונקטליכע אינפאָרמאַציע, און די עסקנים וועלן דאָס אי"ה טשארדזשן בעצם יום הפּורים כחצות היום, נאָכדעם וואָס יעדער וועט שוין זיכער האַלטן נאָכ'ן ברכת שהחיינו ווי אַסאַך מדקדקים זענען מקפיד צו געבן ערשט נאָך די ברכה, כמבואר בפוסקים. ווי אין די פריערדיגע יארן וועט זיין א געלעגנהייט פאר די מחמירים צו ווערן געטשארזשט זייער קרעדיט קארד 2 מאל בו ביום, צו מהנה זיין פאר 2 ארימע משפחות.

ווי דערמאַנט, דער קאַמפּיין איז שוין איצט אין פולן שוואונג, און מען קען שוין איצט סווייפּן דעם קאַרטל, איבערצוגעבן די נתינות פאר מתנות לאביונים, מזכה צו זיין דערמיט די עסקנים פון "צדקת העיר", צו זיין די שלוחים איבערצוגעבן די מעות מתנות לאביונים פאר די הונדערטער משפחות וואָס קוקן אַרויס דערויף בכליון עינים.

אין די קומענדיגע וואָכן וועלן די עסקנים פון "צדקת העיר" אַרומגיין אין די בתי מדרשים מלובש בבגדי שמחה כראוי לכבוד יו"ט פורים הבעל"ט, איבערצונעמען די קאַרטל-סווייפּס פאר דעם מגבית מתנות לאביונים, אָדער קען מען אַריינרופן אויפ'ן צענטראַלן קאַמפּיין נומער פון צדקת העיר: 845.777.9991

**עיניהם של עניים נשואות למקרא מגילה!**





בס"ד
המבדי"ל בין קודש לחול בין ישראל לעמים!
קרי"ת יואל מאכט
הבדלה
דעם מוצש"ק ביים ליל המשכתינו
צו פארזיכערן א
פולקאמע הבדלה
בין ישראל לעמים,
להיותך עם קדוש
לה' אלקיך!
דינער השנתי
המשכתינו
מוצש"ק
ויקהל-שקלים
ת"ת דברי חיים
דרבינו יואל
היכל יצחק-
קלאזו

ובכן צדיקים יראו וישמחו, וישרים יעלוזו, וחסידים ברנה יגילו:

# שמחת החתונה פון נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועט אפגעראכטן ווערן מיט דערהויבנקייט קומענדיגע וואך בצל הקודש

שמחת החתונה פון החתן הרב יוסף מאיר שליט"א בן הגה"צ רבי יצחק ראזענבערגער שליט"א חדב"נ ורב ביהמ"ד ליע גארדענס עב"ג בת הרה"ג ר' יקותיאל טייטלבוים שליט"א דומ"ץ התאחדות הרבנים, בן הגה"צ רבי שמואל זצ"ל ראה"כ מעוררי השחר, חתן הגה"צ רבי יואל צבי שטיינמעץ שליט"א אב"ד בית שלמה באגאד

קומענדיגן מאנטאג פקודי הבעל"ט אין די זאלן פון 'עטרת אברהם'

גילה אחר גילה

## פייערליכע סאטמארער חתונה און שבת שבע ברכות פון נכדת אבינו רועינו כ"ק אדמו"ר שליט"א געפייערט ברוב פאר והדר

אשרי עין ראתה אהלינו בשמחת קהלינו! טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר געפינען זיך אין די טעג אונטער די געהויבענע הרגשים פון די לעכטיגע ימי שמחה וחדוה והוד וואס מ'האט זוכה געווען מיטצולעבן, ביי דער מלכות'דיגער רבי'שער חתונה ושמחת בית צדיקים, וואס איז געפראוועט געווארן אין די מעטראפאליע פון סאטמארער הויף אין דער שטאט וויליאמסבורג, פון אן אייניקל פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א עב"ג אן אייניקל פון כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א, און הגה"צ ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א, וואס איז געווען א קייט פון רגשי שמחה וחדוה, מלא רגש והתרוממות הנפש וואס האט אויפגעהויבן דעם גאנצן ציבור תלמיד וחסידי סאטמאר בשמחה ובחדוה עלאה, בבחינת "יראו עינינו וישמח לבינו ותגל נפשינו".

ביי דער חתונה איז געגאנגען אונטער דער חופה בשעטו"מ הכלה בתש"ק שתחי', טאכטער פון חדב"ן הרה"צ ר' אלעזר טייטלבוים שליט"א ראה"כ סניף קליימער בן הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א עב"ג החתן פרע"ח הרב אברהם יצחק שליט"א בן הגה"צ רבי יוסף קאהן שליט"א ר"מ ישיבת עטרת אברהם בן הגה"צ ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א חתן כ"ק אדמו"ר משכנות הרועים שליט"א – ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל.

### זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו: דער געהויבענער יום החתונה

ביום החתונה, מיטוואך פרשת כי תשא, זענען די גאסן ארום דעם ביהמ"ד הגדול און ביתו נאוה פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א געווארן אנגעקליידט מיט א יום טוב'דיגע צורה, ווערנדיג באלויכטן און באצירט לכבוד דער שמחה בבית צדיקים. אויך דאס ביהמ"ד הגדול איז ספעציעל צוגעריכט געווארן לכבוד דער שמחה הרוממה, שיין באצירט מיט די פאסיגע באלייכטונגען, און געטראגן מיט זיך א גאר פייערליכע שטימונג.

נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א אנגעקומען אין היכל הישיבה גדולה מלובש מיט בגדי שבת, וואו די בחורים זענען אדורך כבני מרון לקבל ברכת צדיק ביום שמחת לבו. דערנאך האט דער רבי געדאווענט מנחה אינאיינעם מיט די בחורים אינעם היכל בית המדרש הגדול אין ישיבה.

נאך מנחה איז דער רבי שליט"א ארויף אויפ'ן ארון הקודש און משמיע געווען קורצע דברות קודש, וואו דער רבי שליט"א האט ארומגערעדט דברי התחזקות בלימוד והתמדת התורה. דער רבי האט דערמאנט די גרויסע השפעות וואס קומען אראפ בעת דער



שמחה, וכל המשמח חתן וכלה זוכה לחמשה קולות, אז דורך א שמחה קען מען זוכה זיין צו מער תורה און קדושה, און ער האט געלאדנט די תלמידים צו דער שמחת החתונה.

### התעוררות'דיגער מעמד קבלת פנים

צו דער באשטימטער צייט זענען די געהויבענע זיידעס ערשינען צום קבלת פנים אין בית המדרש הגדול. אויף דער אויבנאן איז געווען געזעצט די געהויבענע מחותנים, און די נאענטע קרובי המשפחות; בעת די פילשטאקיגע פארענטשעס אויף די זייטן ארום זענען געווען איבערגעפולט מיט די בחורים תלמידי הישיבות און אברכים.

דאס גאנצע בית המדרש איז געווען איינגעהילט אין א שטארק ערנסטע און התרגשות'דיגע אטמאספערע, כנהוג אין אזא זמן איידער מ'גייט צו דער חופה, ווען מ'גרייט זיך אויפצונעמען די צדיקים וואס קומען אראפ מגן עדן עליון זיך משתתף זיין בשמחת צאצאיהם. אויך זענען געקומען פילע חשוב'ע רבנים ואדמורי"ם אפגעבן א ברכת מזל טוב פאר'ן גרויסן מחותן כ"ק מרן רבינו שליט"א.

די קאפעליע פון משוררי קהלתינו הק', אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי ישיבותינו הק', האבן געזינגען דביקות'דיגע ניגונים, געגועין ודביקות, הארציגע ניגוני התעוררות ותחנונים, וועלכע זענען געזינגען געווארן דורך רבוה"ק לבית סיגוט סאטמאר זי"ע, און ווערן עד היום הזה גענוצט בחצר הקודש אין די ימים נוראים און הייליגע זמנים. אין בית המדרש האט זיך געשפירט א התעוררות'דיגע לופט, אן אויר פון "עת רצון", און די ניגונים זענען באגלייט געווען מיט השתפכות-הנפש'דיגן געזאנג און שטארק געהויבענע געפילן.

נאך דער ריי פון ניגוני התעוררות האט מען געהערט דברי כיבושין והתעוררות פון האברך היקר הר"ר שמואל ביקל הי"ו, מחשובי לומדי כוללי סאטמאר, וועלכער האט מעורר געווען מיט רירענדע חרוזים איבער דער געהויבנקייט און סגולה פון אט די הייליגע מאמענטן, ובפרט דעם באקאנטן זוהר הקדוש וואס מרן רביה"ק זי"ע פלעגט נאכזאגן ביי פארשידענע געלעגנהייטן, אז מ'שיקט אראפ די צדיקים מעולם העליון זיך צו קומען מיטטיילן מיט דער שמחה בבית צדיקים.

מיט דברי כיבושין, דערמאנענדיג די הייליגע זיידעס פון אלע צדדים, האט ער מעורר געווען דעם פארזאמלטן עולם איבער די געהויבענע מינוטן ווען די אבות הקדושים די שרפי מעלה, ארזי לבנון אדירי התורה,

מאורי החסידות, די זיידעס פון די חתן־כלה, קומען אַראָפּ פון גן עדן זיך משתתף צו זיין בשמחת צאצאיהם, וואָס די געהויבענע שעה איז מסוגל אויסצו'פועל'ן בכלל ובפרט, זאָל יעדער אינזינען האָבן אויסצובעטן כל מילי דמיטב ובפרט פאַר'ן ראש בית אב, נכדם, כ"ק מרן רבינו שליט"א, צו קענען ווייטער פאָרזעצן די הייליגע שלשלת מתוך נחת ושמחה.

אלס "עדי כתובה" זענען נתכבד געוואָרן הרה"ח ר' יעקב דרעזנער הי"ו און הרה"ח ר' מענדל מאיר בראַווער הי"ו פון קרית יואל. דערנאָך האָט דער רבי געטרינקען לחיים און אָנגעוואונטשן ברכת קדשו פאַר דעם חתן, מחותנים, די זיידעס און פאַר'ן גאַנצן ציבור.

סאַטמאַרער "נענועים ניגון" וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס התעוררות ביים גאַנצן ציבור.

הר"ר זלמן לייב פעלדמאַן הי"ו, דער משמש פון דער קהילה, האָט אויסגערופן די כיבודים פון דער חופה.

מיט סידור קידושין איז מכובד געוואָרן כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א, זיידע פון דער חתן.

די עדי קידושין זענען געווען: הרה"ג ר' הערשל שטרענגער שליט"א ר"מ בישיבת בוהוש בני ברק, הרה"ג ר' יעקב מרדכי גאלדמאן שליט"א אב"ד לב אליהו בית שמש.

די עדי יחוד זענען געווען הרה"ח ר' יוסף אלי שלעזינגער הי"ו און הרה"ח ר' משה יונה ראזענפעלד הי"ו מנהל בית לפליטות אין ירושלים.

מיט קריאת הכתובה איז מכובד געוואָרן כ"ק אדמו"ר מקיוויאשד שליט"א עלטער פעטער פון דער כלה.

די ברכות זענען צוטיילט געוואָרן צווישן הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א זיידע פון דער כלה, הגה"צ אבד"ק זענטא שליט"א עלטער פעטער פון דער כלה, הגה"צ ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א זיידע פון דער חתן.

מיט ברכה אחריתא איז נתכבד געוואָרן דער גרויסער געהויבענער זיידע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

מיט אַ פריילין האַרץ און געהויבענע געפילן האָט דער ריזן-ציבור זיך צוגעהערט די ברכת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א נאָך דער חופה וועלכער האט געוואונטשן פאַר'ן גאַנצן ציבור וואָס איז געקומען אנטיילנעמען אין דער גרויסער שמחה, בברכת מזל טוב והשפעות טובות לכל העם הנאספים.

נאָכפאָלגנדיג די וואַרימע ברכות האָט נאָכגעפאָלגט דער הילכיגער "אמן" און דער עולם איז זיך פאַרגאַנגען אין פריילעכע טענץ "ובכן

## מקדש עמו ישראל ע"י חופה וקידושין

נאָכ'ן קבלת פנים זענען די געהויבענע זיידעס מרנן האדמורי"ם שליט"א און די מחותנים שליט"א אַריבער צום "באַדעקן", צום ויואל משה זאַל, וואו עס איז פאָרגעקומען דער קבלת פנים פאַר דער כלה און שפעטער די סעודה פאַר די נשים צדקניות. נאָכ'ן אָנטאָן דעם קיטל פאַרן חתן האָט מען זיך גענומען גרייטן אַרויסצוגיין צום מעמד החופה וואָס איז געווען אויפגעשטעלט אויף ראָדני סטריט, פאָרנט פונעם ביהמ"ד הגדול.

דער ריזן ציבור פון חסידים ותלמידים האָט אָנגעפילט דעם בלאָק צו דער זייט פון ליע עוועניו, בעת די נשים זענען געשטאַנען אָפּגעטיילט מיט די פולסטע גדרי הצניעות צו דער זייט פון בעדפאָרד עוועניו, און דורך דער היכער פלאַטפאָרמע קען יעדער מיטהאַלטן די געהויבענע רגעים של התעוררות. עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ספעציעל פאַרענטשעס פאַר די ילדי צאן קדשים ובחורי חמד צו קענען מיטהאַלטן דעם התרוממות'דיגן מעמד.

אויף דער בימת החופה זענען געשטאַנען בלויז די מחותנים, דער חתן און די נאָענטסטע קרובי המשפחות, בעת דער ריזיגער ציבור פון אונטן האַלט מיט דעם מעמד מיט גרויס ערנסטקייט, בעת ס'געפינען זיך צווישן אונז די גרויסע צדיקים קדושי עליון, וואָס קומען אַראָפּ, ממקום שיושבים ועטרותיהם בראשיהם, אַנטייל נעמען אין דער שמחה פון זייערע אייניקלעך.

דער מעמד החופה איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די מנגנים ומשוררים פון דער סאַטמאַרער קאַפּעליע, און מ'האָט געזינגען וואַרימע ניגונים, ספעציעל דעם אויסגעווייקטן



צדיקים יראו וישמחו" און "סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל", און "קה זכות אבות יגן עלינו לנצח על מלאכת בית השם", טאַנצנדיג אַרויף און אַראָפּ וינועו אמות הסיפים, אָפּגעבנדיג אַ שבח והודי' און זייענדיג מתפלל עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך, אַז מ'זאָל קענען ווייטער זוכה זיין להסתופף בצל הצדיקים מתוך נחת ושמחה והרחבת הדעת.

## משתה ושמחה ביי דער פּראַכטפולער סעודת נישואין

נאָך דעם פייערליכן טאַנץ ברחובות קרי' תחת כיפּת השמים איז געווען צוגעשטעלט די "סעודת החתונה", אין די זאַלן פון עטרת אברהם, וואו די געטרייע עסקנים האָבן זיך געזאָרגט צוצושטעלן דעם זאַל אויפ'ן שענסטן אופן וואָס נאָר שייך, צו קענען אַקאָמאָדירן דעם ציבור. דער זאַל איז געווען הערליך שיין אויסגעשטעלט און אויסגעצירט, ס'זאָל קענען אַריינגעמען אין זיך דעם קהל האלפים, און במיוחד מכבד זיין די חשוב'ע רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, מחותנים וקרובי המשפחות פון אלע זייטן.

בשעת דער סעודה האָבן זיך באַטייליגט אַלע מחותנים, הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, און דער ציבור האָט פאַרברענגט ביי דער גרויסאַרטיגער סעודה בבית המלכות – מאן מלכי רבנן. דער מחותן הגה"צ רבי אלעזר שליט"א איז אַרום צווישן ציבור אָפּנעמען מזל טוב, אָנוואונטשנדיג יעדן באנפּין נהירין.

באַזונדער האָבן זיך אָנגעזען פילע געסט פון ארץ ישראל, חסידי משכנות הרועים און תולדות אהרן, וועלכע זענען געקומען צו פאָרן זיך מיטצופרייען בשמחת רבם.

## קול רינה וישועה באהלי צדיקים: הופעת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אינמיטן דער סעודת החתונה איז דער גרויסער ראש בית אב כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א אַריינגעקומען אין זאַל, דער ציבור איז פאַרכאַפּט געוואָרן ווי אין אַן עלעקטעראָנישן שטראָם, "קול רנה וישועה באהלי צדיקים", און דער גאַנצער אויבנאָן האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ געהויבענעם טאַנץ, ובכן צדיקים יראו וישמחו וישרים יעלוזו וחסידים ברנה יגילו.

נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט זיך דער רבי שליט"א געוואַשן צו דער סעודה, געטיילט שיריים פאר די מקורבים וקרובי המשפחות, און דערנאָך געוואונטשן "לחיים". נאָכדעם האָבן זיך מאַסן פון חסידים אָנגעהויבן שלענגלען, אָנגעהויבן פון דער רעכטער זייט פונעם זאַל צו לינקס, לענגאויס דעם גאַנצן אויבנאָן, צו וואונטשן פערזענליך אַ ברכת לחיים וברכת מזל טוב פאַר'ן גרויסן בעל שמחה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א און די אַלע אַנדערע געהויבענע מחותנים, בעת אונטן אין זאַל גייען אָן די פייערדיגע ריקודין.

די גאַנצע צייט האָט דער רבי שליט"א באַגריסט יעדן איינעם וואָס איז זיך געקומען משתתף זיין אין דער גרויסער שמחה בבית צדיקים, סיי די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, און סיי די טויזנטער חסידים, אַריינגערעכנט זקני וחשובי העדה, באַגלייט ברגשי גיל וחדוה, בצהלת פנים ובאותות אהבה וחיבה. באַזונדער זענען אַנטפאַנגען געוואָרן בכבוד הראוי די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א וואָס זענען געקומען זיך משתתף זיין אין דער שמחה בבית צדיקים בחדותא דכולא.

די התלהבות'דיגע ריקודין זענען פאַרשטערקערט געוואָרן ווען ס'איז דערנאָך אַריינגעקומען דער חתן ווערנדיג אַנטפאַנגען מיט'ן פייערליכן געזאַנג פון "עוד ישמע בערי יהודא ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה" כנהוג. נאָכ'ן חתן'ס אַריינקומען האָט כ"ק מרן רבינו שליט"א שליט"א אָנגענומען ביי דער האַנט דעם נייעם אייניקל און זיך ארויסגעלאָזט אין אַ געהויבענע רקידה.

טויזנטער חסידים זענען געשטאַנען לענגערע וויילעס אין דער רייע צוצוקומען צו געבן לחיים פאַר די גרויסע זיידעס, און די עסקנים האָבן אַריינגעלייגט אומערמידליכע כוחות צו קענען נאָכקומען דעם שטראָם און פּרובירט לויט די בעסטע מעגליכקייטן אַז יעדער זאָל קענען אָנקומען לברך ולהתברך בברכת צדיקים בעידן חדוותא.




די געטרייע עסקנים האָבן אויסגעלײַדיגט דעם חלל פונעם זאַל פון טישן און בענק, און פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען אויסגע'שורה'ט די פּאַרענטשעס מיט די בחורי חמד, תלמידי ישיבותינו הקדושות פון ניו יאָרק, און פון אונטן אויף דער ערד האָבן זיך מיטגעפרייט בקול רנה ותודה דער ריזן ציבור אברכים ובעלי בתים, וחסידים ברינה יגילו.

## כיצד מרקדין לפני הכלה – דער געהויבענער מצוה טאַנץ

נאָך אַ קורצער הפסקה איז מיט ברכת המזון מכובד געוואָרן הגה"צ אב"ד ביסטריץ שליט"א,

מיט די שבע ברכות זענען מכובד געוואָרן הגה"צ ר' יחיאל לייפער שליט"א אב"ד בני יששכר, כ"ק אדמו"ר מסערעט וויזניץ - ארה"ב שליט"א, הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, הרה"ג ר' עקיבא יוסף ראַבינאָוויטש שליט"א ר"מ בישיבתינו הק' תורת משה מאָנטרעאָל, הרה"ג ר' שמעון ישראל מייזליש שליט"א, ברכה אחריתא: הגה"צ ר' יושע לייפער שליט"א אב"ד באר משה פּרעמישלאַן.

אַ התעוררות'דיגע שטימונג האָט אַריינגעטרעטן אין זאַל, ווען מ'האָט זיך גענומען גרייטן צו די געהויבענע ריקודין של מצוה, דער טאַלאַנטפולער בדחן, הרה"ח ר' יושע ברוך גראס הי"ו האָט אויפגערופן כ"ק מרן רבינו שליט"א, ער האָט אַריינגעפלאָכטן הערליכע געדאַנקען, דעם הייליגן יחוס, די שלשלת הקדושה פון דער גאַנצער גזע, די אבות הצדיקים שרפי אש, למעלה בקודש, מיט שיינע קונסטליכע גראַמען, נימא בנימא, און מסיים געווען בצלותא ובבעותא, אַז דער רבי שליט"א זאָל אין דעם עת רקוד, ווען עס קומען אַראָפּ השפעות דקדושה משמי מרומים, משפיע זיין פאַר אידישע קינדער כל משאלות לבם בבני חיי ומזוני בשמחה ובטוב לבב.

דאַן, כנהוג, האָט דער בדחן אַרויפגעברענגט די אַלע צרות ישראל מיט וואָס אידישע קינדער מוטשען זיך כהיום, ליידער, מיט די שווערע זמנים וואָס מ'גייט פאַריבער מיט אַזויפיל פּחד פון אַלע זייטן, ברוחניות ובגשמיות, און געבעטן אַז כ"ק מרן רבינו שליט"א זאָל אין דעם עת רצון איינרייסן לישועת הכלל והפרט.

כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט דערנאָך געטרינקען לחיים און אָנגעוואונטשן דעם ציבור מיט גרויס התרגשות, אַז אין דעם עת רצון זאָל נשפע ווערן פאר יעדן איינעם שמחה ונחת והשפעות טובות ברוחניות ובגשמיות און מ'זאָל בקרוב זוכה זיין צו זען ישועתן ושמחתן של ישראל, און ווי לאַנג דער רבי שליט"א איז אַראָפּ אין זאַל האָט דער ציבור זיך גענומען זינגען דעם התעוררות'דיגן ניגון "אני מאמין בביאת המשיח" ווילאַנג דער רבי שליט"א איז אָנגעקומען אונטן פון זאַל צו די מצוה טאַנץ.

## טויזנטער לעבן מיט בהתרוממות הנפש דעם פייערדיגן מחול לצדיקים

און אָט האָט מען געגעבן אַ הייב אָן די באַקאַנטע "זעקסטע הקפה ניגון", דער באַקאַנטער ניגון וואָס ווערט געזונגען אָן אַ ווערטער, אָבער איז שוין אויסגעווייקט פון אַזויפיל יאָרן מיט אַ הייליג פייער. כ"ק מרן רבינו שליט"א כאַפּט אָן דעם צאַנזער גאַרטל, און בגיל וברנן צוגעטרעטן צום ריקוד לפני הכלה.

דער ריזיגער ציבור פון אלפי החסידים איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַן אויסטערלישן התרגשות ביים זינגען דעם זעקסטן הקפה ניגון, און זיך ממש געהויבן אין דער לופטן, ושלהבת עולה מאליה, עס האָט זיך געדוכט ווי די ווענט טאַנצן מיט, בעת דער רבי שליט"א, אָנגעכאַפּט מיט דער חתן און הגה"צ אבד"ק זענטא שליט"א און הגה"צ גאב"ד סאַטמאַר מאנטריאל שליט"א פאַרגייט אינעם טאַנץ אַרויף און אַראָפּ, כולו אחוז בשרעפיו, באַגלייט מיט תפלות להשפיע אך טוב וחסד וכל מילי דמיט"ב לבני ישראל.

מחיל אל חיל, האָט דער עולם פריש אויסגעבראָכן אין לעבעדיגע טענץ ווען דער רבי שליט"א האָט אָנגענומען ביי דער האַנט דעם חתן שליט"א, און מיט אַן אויסטערלישן רגש, באַגלייט מיט תנועות פון הייליגן געפיל, אַרומגעלאָפן דעם גאַנצן ריזיגן רינג אַרום דעם זאַל, מיט אַ תפלה צום רבוש"ע להשפיע אך טוב וחסד.

דערנאָך האָט דער רבי שליט"א געטאַנצט באַזונדער מיט די געהויבענע זיידעס און מחותנים, אחיו כ"ק הגה"צ אבד"ק זענטא שליט"א, און דערנאָך אַ גרויסער רינג מיט די אַלע קינדער און אייניקלעך, די זרע ברך ה', מיט די שוואָגערס, די קינדער פון כ"ק הגה"צ אבד"ק ביסטריץ זצ"ל, בעת די אלפי חסידים טאַנצן מיט בשמחה ובחדוה.

## מצוה טאַנץ פון געהויבענע זיידעס שליט"א

נאָכ'ן רבינ'ס מצוה טאַנץ האָט

מען ווייטער פאָרגעזעצט די געהויבענע שמחה, ווען דער בדחן האָט אויסגערופן צום מצוה טאַנץ דעם זיידן כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א, הגה"צ ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א, הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א.

## וצדיקים ברינה יגילו, ובית צדיקים יעמוד!

צום שלוס האָט מען אויסגערופן די מחותנים און חתן וכלה, און דאַן האָבן די נאָענטע בעלי שמחה וקרובי המשפחה זיך ווידעראַמאָל ארויסגעלאָזט אין אַ געהויבענעם טאנץ, ובכן צדיקים יראו וישמחו, זיך שיידנדיג שווער פון דער גרויסער שמחה.

דער זייגער האָט שוין געשלאָגן פיר אַזייגער פאַרטאָגס, יום חמישי לשבת, ווען עס האָט זיך געשלאָסן די געהויבענע רבי'שע חתונה מיט אַזאַ אומבאַשרייבליכן געהויבענעם געפיל פון גילה רינה דיצה וחדוה עילאה, איבערלאָזנדיג אַ תענוג וקורת רוח, באנפין נהירין אויף די אלפים חסידים וואָס האָבן דאָס זוכה געווען מיטצולעבן, אויף אַ זעלטענעם פייערליכן פאַרנעם, מרומם על כל ברכה ותהלה.

במשך דער וואָך פון די שבעת ימי המשתה איז געוואָרן אָפּגעראָכטן יעדן טאָג הערליכע סעודות שבע ברכות, וואָס יעדע פאַר זיך איז אַ מאורע נשגבה און אייגנאַרטיגע נאָבעלע שמחות.

## אשרי להם וחלקם הוד והדר פעלם

צום שלוס דאַרף מען דערמאַנען בשם אלופי אלפי תלמידי וחסידי סאַטמאַר אַ האַרציגן דאַנק פאַר די אַלע געטרייע און חשוב'ע עסקנים נמרצים "בצל תומר" וועלכע האָבן צוגעהאָלפן פאַר דער שמחה בבית רבינו שליט"א, יעדער איינער בשמו הטוב יבורך ויהולל, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן למעלה מכוחותיהם פאַר יעדן פּרט פון די ימי השמחה.

די אלפים תלמידים וחסידים וועלכע האָבן זוכה געווען מיטצולעבן די שמחה הגדולה בחצרות בית צדיקים וואונטשן זיך איינער דעם אַנדערן, אַז פון דער געהויבענער שמחה אין דער גרעסטער קהילה קדושה צווישן שלומי אמוני ישראל, און פון אַזאַ זמן כינוס פון דער עדה קדושה של אלפי חסידים תחת קורת גג אחד, זאָל נמשך ווערן אַלע השפעות טובות פאַר אידישע קינדער, ברוחניות ובגשמיות, מ'זאָל אייביג זוכה זיין נאָר צו שמחות ונחת עד העולם, און די סאַטמאַרער עדה הקדושה איבער דער גאָרער וועלט זאָל ווייטער פאָרזעצן צו וואַקסן און בליען, בגאון ובעוז וברמה, עדי נזכה להתרוממות קרן ישראל ושמחתן, ביאת גואל צדק בב"א.

**מהרה ה' אלקינו ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה!**



יוֹם זֶה אוֹרָה וְשִׂמְחָה

# שמחת החתונה

סדר החתונה הגדולה בחצרות קדשינו

**יום ב' פרשת פקודי תשפ"ד לפ"ק**

## נישואי נכד כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

החתן הרב **יוסף מאיר** שליט"א

בן הגה"צ רבי **יצחק ראזענבערגער** שליט"א חדב"ן ורב בית מדרשינו ליע גארדענס

עב"ג בת הרה"ג ר' **יקותיאל טייטלבוים** שליט"א דומ"ץ התאחדות הרבנים

בן הגה"צ רבי שמואל זצ"ל ראה"כ מעוררי השחר, חתן הגה"צ ר' יואל צבי שטיינמעטץ שליט"א אב"ד בית שלמה באגאד

### מעמד קבלת פנים

בשעה 6:30

בביהמ"ד הגדול

### מעמד החופה

בשעה 7:30 • ברחוב ראדני סטריט

מענער צו לי עוועניו זייט - פרויען צו בעדפארד זייט

## סעודת החתונה

לכל הקהל הקודש הזה

אלפי אנ"ש תלמידים וחסידים מכל מקומות מושבותיהם

תיכף אחר החופה

## באולם עטרת אברהם

לבחורים באולם עטרת יואל

קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים

## הופעת כ"ק מרן רבינו שליט"א

לסעודת החתונה לפאר על ראש שמחתו בקרב קהלא קדישא הדין

**בשעה 9:00**

**ריקודין של שמחה** בשעה 10:00

**ברכת המזון** בשעה 11:30

## מצוה טאנץ של רבינו שליט"א

תיכף אחר ברכת המזון

### זמנים לנשים

**קבלת פנים: 6:00 אין "ויואל משה" - באדעקן: 7:00 חופה: 7:15**

**סעודת החתונה אין ויואל משה**

ויה"ר ששמחה בבית רבינו שליט"א יושפע לנו שפע קודש וכל טוב סלה, אמן.

**ועד החתונה**

שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת רַבֵּינוּ

שנת לעולמי עד תמלך בכבוד לפ"ק

בעזהשי"ת, ברוקלין יצ"ו

# למזל טוב

עוד ישמע בערי יהודה
ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

ימלא פי שירה כים תהלה לצור ישועתי
ואהודנו בכל לבב על כל רחמיו וחסדיו
סלה אהללנו כי בא מועד לעלה ולקלם
פאר וכבוד יום נשואי נכדי במחול ותוף
מעדן גינתא יופיעו אבותינו הקדושים
אראלים ותרשישים יעוררו בהאי יומא
ישפיעו ברכות לכל הנאספים לשמחתי
רוח והצלה אורה ושמחה וששון ויקר

אני בצדק אתפלל ואתחנן בעידן חדותא
סעוד וסמוך שארית עמך נפוצותנו לכנס
תבנה ותכונן עיר הקודש קרית תשועות
רנה וצהלה המקדש וההיכל בראש ההר
הנה הגיעני החודש שמרבים בו בשמחה
עת משוש דודים בשירים וזמירות להריע
נפשי תכסוף לקבל פני רבנן ותלמידיהון
טוב חסדכם להופיע ולברך לאלקא קשוט
שלום אקרא לדורשי טובתי קהל הקודש
אספו לעלוז יחדיו במזמוטי חתנא וכלתא

ביום כלולת נכדי היקר

ה"ה הב' החתן תמים למעלות חו"ב

הרב **יוסף מאיר** שליט"א

בן חתני הרה"ג מוה"ר **יצחק ראזענבערגער** שליט"א
רב ביהמ"ד דקהלתינו ליע גארדענס
בן מחותני הרב הגאון הצדיק **יהושע** שליט"א
אב"ד קרית רמ"א בי"ש וחבר הבד"ץ עדה החרדית ירושלים עיה"ק ת"ו

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה

מרת **אסתר הענטשא** תחי'

בת מחותני שלשלת היוחסין
הרה"ג מוה"ר **יקותיאל טייטלבוים** שליט"א
דומ"ץ התאחדות הרבנים
בן הרב הגאון הצדיק **שמואל** ז"ל ראה"כ מעוררי השחר
וחתן הרה"ג מוה"ר **יואל צבי שטיינמעטץ** שליט"א אב"ד בית שלמה באגאד

אשר תהי' בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

**ביום ב' לסדר ויברך אותם משה (פקודי)**

**ב' דראש חודש אדר שני תשפ"ד לפ"ק**

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

**בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר**

152 Rodney Street, Brooklyn, NY

**ואח"כ הסעודה באולם עטרת אברהם**

75 Ross Street, Brooklyn, NY

ובכן את אחי אנכי מבקש, ידידים קרובים ורחוקים תלמידים יקרים אספו לשמחתי
יעזרכם הבורא ותראו דורות הגונים, ברוב נחת, מתוך שמחת הנפש, וכט"ס.
ממני המחכה לקראת פניכם ומעתיר בעד שלומכם וטוב הצלחתכם כה"י

מצפה לישועה ולהרמת קרן ישראל במהרה.

**הק' יקותיאל יהודא טייטלבוים**
אבדק"ק סאטמאר

וַיִּהְיוּ נִקְרָאִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ

על פי דיבורו של מנהיג העדה עמוד האש ההולך לפני מחנה ישראל היו "נאספים":

# היסטאָרישע "נאספים" פאַרזאַמלונג פון "אַלע מנהלים רוחניים" פון ישיבות ומוסדות סאַטמאַר בארה"ב וקאנאדע הייבט אָן נייער קאַפּיטל אין קאַמף פאַר טהרת הדורות

בעצם היום הזה, דינסטאָג לס' "ויקהל משה", תשפ"ד העעל"ט

## בראשות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם:

### אַלע אָפּטיילונגען

תלמוד תורה • ישיבה קטנה • ישיבה גדולה • בית חינוך לבנות • פון נוירסערי ביז די עלטסטע קלאַסן

### אַלע שטעט

וויליאמסבורג • קרית יואל • בארא פארק • מאנסי • קרית יטב לב • לעיקוואוד • מאָנטריאַל קאַנאַדע

### אַלע מנהלים

וסגני המנהלים רוחניים, וחברי ועד החינוך העומדים על הפקודים פון אלע חלקי המוסדות, הישיבות, והבתי חינוך ד'סאטמאר

**פאַראייניגט פעלזן פעסט לשמוע את דבר ה' פקודת הקודש פון שר צבא כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א און איִמפּלעמענטירן תקנת קדשו אין "אַלע" סאַטמאַרער מוסדות וישיבות אומעטום**



פני המזרח באַשיינט פון הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א:

כ"ק הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א,
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, הגה"צ אבד"ק סיגעט שליט"א,
הגה"צ רבי יואל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו שליט"א

הרבנים הגאונים הצדיקים 'ועד רבנים מיוחד לעניני טעכנעלאגיע':

הרה"ג ר' אהרן שמואל פאדווא שליט"א, ראש הכולל ומו"ץ בקיט"ל בארא פארק
הרה"ג ר' יהוסף שווארטץ שליט"א, דומ"ץ קיט"ל ווערנאן וויליאמסבורג
הרה"ג ר' שבתי הכהן קאהן שליט"א, מו"ץ בקיט"ל ק"י ויושב ראש ועד החינוך דמוסדותינו הק'
הרה"ג ר' יחזקאל שרגא אליאוויטש שליט"א, מו"ץ בקיט"ל וויליאמסבורג

קִימוּ עַל נַפְשָׁם וְעַל זַרְעָם:

תקנה אדירה אַראָפּגעשטעלט כיתד בל תמוט במעמד אַלע מנהלים רוחניים וראשי משמרת החינוך:

# נישטאָ מער אַזאַ דערהער אַ סאַטמאַרער תלמיד ותלמידה זאָל האָבן סיי וועלכע עם.פּי.טרי. \ סענסא דעוויס אָן דעם באַשטעטיגטן כשרות שטעמפּל פון "מוכשר"!

## אויסטערליש געהויבענער און ערנסטער "סדר האסיפה" אַרויסצוברענגען היסטאָרישער חובת השעה אראפצושטעלן די "תקנות לדורות"

כדי צו קענען מאכן א תקנה קבועה, האט **רבינו שליט"א באַפוילן צונויפצונעמען אלע מנהלים פון איבעראל, אז יעדער זאל זיין בדעה ובעצה אחת**, און יעדער זאל ארויסהאבן די געוואלדיגע שעדליכקייט פון די אומשולדיג-אויסזעענדע כלים דורך פארשידענע אופנים שונים, און אז דאס זאל קענען גענצליך אויסגעראָטן ווערן מוז זיין א פאראייניגטער **מאכטפולער כח פון "אלע" ראשי משמרת החינוך בכל מקומות שהם**, אראפצושטעלן און פארסירן די תקנה קבועה, אז **"בלויז מוכשר-געשטעמפלטע כלים"** קענען גענוצט ווערן, און גאָרנישט עפעס אַנדערש בשום פנים ואופן, והי' מחנינו ומוסדותינו וישיבותינו ודורותינו קדושים!

**דברי פתיחה:** הרה"ג רבי **נפתלי הירצקא שטערן** שליט"א, **מנה"ר במוסדותינו הק' אין בארא פארק**

**יושב ראש:** הרה"ג רבי **דוד אהרן יונגרייז** שליט"א, **מנהל בית אסתר מאנסי**

**דבר המנהלים:** הרה"ג רבי **נפתלי בלומענפעלד** שליט"א, **מנהל ישיבה גדולה ד'סאטמאר**

**דבר האסיפה:** הרה"ג רבי **ישכר בעריש פאזען** שליט"א, **מנהל ישיבה קטנה מאנטריאל**

**חיזוק למנהלים:** הגאון רבי **מרדכי בעק** שליט"א, **ראש ישיבת "תפארת משה"**

**הכשר מוכשר - במציאות:** הרה"ג רבי **יואל יאקאבאוויטש** שליט"א, **ממנהלי ישיבה קטנה וויליאמסבורג**

**רעזאָלוציעס ותקנות האסיפה:** הרה"ג רבי **יקותיאל צבי יאקאבאוויטש** שליט"א, **ראש המנהלים קרית יואל**

### לְהִקָּהֵל וְלַעֲמֹד עַל נַפְשָׁם:

**נאָך וואָס שטורמישער ווײ-געשריי ווערט אַרויסגעברענגט פון מנהלים ומחנכים וואָס זענען יודעים את כל אשר נעשה ביי די תשב"ר ובחורי חמד, אַז דער אָנשיקעניש פון די אַלע MP3 כלים ברענגט סכנות נוראות און שוידערליכע פּראָבלעמען און אויב איז עס אומקאָנטראָלירט זייעט אָן אייביגע פערמאַנענטע שאָדנס אויף די ריינע לויטערע הערצער פון די תינוקות של בית רבן און בחורי חמד ה"י!**

### תקנה קבועה ווערט אַראָפּגעשטעלט קליפּ און קלאָר:

**סיי ביי די בחורי חמד, סיי ביי די יונגע קינדער, זאָל זיך נישט געפינען קיין שום כלי אָן "מוכשר" שטעמפּל וואָס איז באַשטעטיגט פון "ועד משמרת" פון אונזערע מוסדות**

אַ ברייטער אויסוואַל פון אַ ריי דעווייסעס מיט די 'מוכשר' הכשר, וועט זיין צו באקומען אין אלע היימישע געשעפטן, און "בלויז דאס" וועלן סאטמארער עלטערן קויפן פאר זייערע קינדער און ערלויבן זייערע קינדער צו האָבן אין באַזיץ, למען טהרתן וקדושתן

דּוֹרֵשׁ טוֹב לְעַמּוֹ וְדֹבֵר שָׁלוֹם לְכָל זַרְעוֹ

## וויטגרייכנדע ערגרייכונג: נאָענטע צוזאַמאַרבעט און קאָאָפּעראַטיווע שילוב ידים איינגעפעדימט מיט אַ פאראייניגטן כח צווישן די מנהלים רוחניים פון די גרעסטע נעץ פון ישיבות ומוסדות החינוך אַלוועלטליך

וועט אי"ה ברענגען תוצאות אדירות לטובת חינוך הדורות בדרך ישראל סבא בקדושה ובטהרה, ביי ספעציעלע "אסיפה צימערן" וואו די מנהלי הת"ת און מנהלי הישיבות האבן זיך צונויפגעשמועסט אינאיינעם און מטכס עצה געווען וויאזוי עס אויסצופירן אויף הלכה למעשה





## תיכף נאך די צענטראלע אסיפה איז פארגעקומען אסיפות באזונדער פאר מנהלי הת"ת און במיוחד פאר מנהלי הישיבות

**תשועה ברוב יועץ: טעכנישע דעטאלן וויאזוי איינצופירן די תקנת המוסדות, און עניני חינוך —ביידע אסיפות באזונדער איינגערישט אויף א נאבלן פארנעם, ברייטע ארוחות ערב צוגעגרייט**

**אסיפת מנהלי הת"ת:** איז פארגעקומען א געלונגענע פאנעל דורך הרה"ג ר' **נפתלי הירצקא שטערן** שליט"א, מנה"ר מוסדותינו הק' בארא פארק, מיט הרה"ג ר' **משה פריעדמאן** שליט"א לעגענדארער מנה"ר במוסדותינו הק' וויליאמסבורג, און הרה"ג ר' **אלעזר יצחק גרינפעלד** שליט"א, מנה"ר מוסדותינו הק' קרית יטב לב

**אסיפת מנהלי הישיבות:** הרב **ברוך אליעזר אייזנבערגער** שליט"א, יו"ר לטהר לעניני טעכנעלאגיע בק"ק סקווירא, אויפגעברענגט **דיונים אין די נושא העומד על הפרק**, בנוגע געבן א הכשר אויף געוויסע כלים. מ'האט דן געווען איבער **פארשידענע נושאים וועגן בחורים מיט טעכנעלאגיע**

• אויספירליכער באריכט וועט אי"ה נאכפאלגן קומענדיגע וואָך •

# ביזנעסלייט באַגריסן נייע גרויסע "די קיו – מענער" לאָקאַציע

## 5'טע "די קיו" לאָקאַציע געעפנט אין האַרץ פון שטאָט, 9 גאַרפיעלד, הערליך און באַקוועם צוגעשטעלט מיט מערערע קיוביקעלס

מיט געוואלדיגע פרייד ווערט נאכגעפאלגט ביי תושבי העיר די פאזיטיווע אויסברייטערונג אינערהאלב די בארימטע "די קיו" קיאסק נעץ, וואס איז א געוואלדיגער סערוויס און הילף פאר תושבי העיר וואס טרעפן זיך אין א סיטואציע פון דארפן צוקומען צום באנוץ פון א קאמפיוטער, עפענענדיג די טויערן פון די 5'טע לאקאציע, דאסמאל א חידוש פאר זיך, זייענדיג דעזיגנירט אויסשליסליך אלס "מענער לאקאציע", זייענדיג א מקום מוכשר פאר ביזנעסלייט וואס זוכן א רואיגן פלאץ צו קענען ערלעדיגן וואס מ'דארף אויפ'ן ערליכסטן און אפגעהיטנסטן אופן וואס נאר שייך.

"די קיו" איז שטארק פאפולער ביי תושבי קרית יואל, פארמאגנדיג ברייטע לופטיגע לאקאלן אויסגעשפרייט איבער די שטאט, דער לאקאל אויף 4 ווען ביורען, 1 טאלטשווע אין שכונת ברך משה, 5 ניקלשבורג אין שכונת עצי תמרים, 6 לעמבערג, ווען אצינד איז געווארן צוגעלייגט די נייע פרעכטיגע 'מענער לאקאציע' אויף 9 גארפיעלד.

די קיאקסקן זענען שטארק בייהילפיג פאר אלע סארט סיטואציעס וואס מאכן זיך, אז מ'דארף האבן א קאמפיוטער צו ערלעדיגן וויכטיגע געברויכן וואס קומט אונטער, האט מען ביי די האנט א הערליך-אויסגעשטאטער לאקאל, אויסשטאפירט מיט סאפיסטיקירטע קאמפיוטערס און סיסטעמען, מיט א גרויסע צאל קיוביקעלס אין יעדן לאקאל באזונדער, צו קענען סערווירן דעם גרויסן געברויך וואס הערשט דערויף, נאכדעם וואס דער ציבור איז ב"ה אן ערליכער, מ'וויל זיין גענצליך אפגעשיידט פון טעכנאלאגיע אין די הייזער, און ווען מ'דארף עפעס ערלעדיגן, איז "די קיו" דער אדרעס.

גענוי ווי ביי אלע אנדערע לאקאציעס, איז די נייע גארפעילד מענער-לאקאציע אויפ'ן העכסטן סטאנדארט פון כשרות און הידור אין געביט פון טעכנאלאגיע. אלע קאמפיוטערס זענען אינסטאלירט מיט די מהודר'דיגע "נעט פרי פילטער", וועלכע טוט פארמיידן סיי וועלכע מענטשליך בילד אדער אומנויטיגע סייטס, ארייננגערעכנט אידישע נייעס זייטלעך, האלטנדיג פאר די אויגן דעם ציל צוצושטעלן בלויז וואס עס איז באמת וויכטיג לצורך פרנסה והכרח.

די נייע לאקאציע איז געווארן אהערגעשטעלט געשמאק און באקוועם, אויסגעשטאט מיט סאפיסטיקירטע דעווייסעס. יעדעס שטיבעלע ווי א קרעמל פאר זיך, מיט א דויערהאפטיגע ווענטל וואס מ'קען האלטן אפן אדער פארמאכט. עס איז געווארן אהערגעשטעלט א קאווע-שטיבל, און עטליכע נוצליכע מאשינען, ווי "קאלאר פרינטער", א געוועגליכע "קאפי מאשין", "א סקענער", און א "פאקס מאשין", וואס קומען זייער צונוץ.

אלע קאמפיוטערס זענען אינסטאלירט מיט'ן פארגעשריטענעם "זערא טרעס" סאפטוועיר, וואס מעקט אפ יעדן שפור פונעם פריערדיגן באנוצער, און איז באזונדער א שוץ-מיטל אין געביט פון "ווייררוס פראטעקשאן".

די נייע לאקאציע אויף 9 גארפיעלד איז שוין פולקאם אפן פאר'ן פובליק, טוענדיג שוין ווירקליך ווירבלען מיט פילצאליגע אידן וועלכע געניסן מיט צופרידנהייט פון די נייע לאקאציע וואס איז געווארן אזוי באקוועם און געשמאק צוגעשטעלט, צום פראקטישן באנוץ אין יעדן אספעקט, מהודר'דיג און אפגעהיטן אויפ'ן העכסטן סטאנדארט.














בית הוראה

דקהל יטב לב סאטמאר

קרית יואל

והפכתי אבלם לששון ונחמתים ושמחתים מיגונם

# מדרש תנחומא

נשגר כוס תנחומין מול האי גברא רבא ויקירא, הנודע לשם ולתפארה, עוטה כשלמה אורה, בשבח יקר ורבותא
ידיו רב לו, במעשיו הטובים והישרים ובנדבת לבבו בעוצם חילו, שכרו הרבה מאוד על פי פעלו, ככוכבי השמים לרוב
חיים שיש בו אהבת תורה, עושה גדולות ונפלאות להגדיל תורה ולהאדירה, מקים עולה של תורה וההוראה, שבחו מי ימלל
ויהללוהו בשערים, תפארת גדולתו ומעשיו הכבירים, כולם אהובים כולם ברורים, כנחלה בלי מצרים, עד בלי די
מדרש תנחומ"א נביע, כנחל הנובע, באבלך הכבד בלב קרוע, בשם השואלים ות"ח המשיבים אשר בצערך משתתפים

כבוד ידידינו המופלג והנאמן, הרבני הנגיד הנכבד, נודע במעשיו הטובים
בצדקה וחסד בדרכי ישרים, בר אוריין ובר אבהן, מאושר בנימוסין ולו יאה קילוסין,
אוהב את התורה, מחזיק את התורה, בחכמה פותח שערים, שמו הטוב מפארים

# מו"ה יואל גאנץ הי"ו

מגדולי תומכי הבית הוראה

## נדיב החדר הוראה בביהמ"ד הגדול

נדיב לב להגדיל תורה והוראה, לכבד תלמידי חכמים, השואלים והמשיבים,
וזוכה ומזכה הרבים, להגביר חיילים לתורה והוראה, לדעת את המעשה אשר יעשון

היושב בעמק הבכ"ה, אחר שהלקח ממנו אבידה גדולה ויקרה

## בפטירת אביו היקר

הרבני החסיד המרומם, ותיק וחסיד, דבוק לצדיקי אמת, איש חי ורב פעלים לתורה ולתעודה, איש היקר באנשים, שמו הטוב מפארים

# מו"ה הלל דוב ב"ר מנחם משה ז"ל

**תלמידו הנאמן של הגה"ק רמ"א פריינד זצ"ל, גאב"ד ירושלים בעל עטרת יהושע, וזכה לזכות הרבים בחיבורים יקרים במשנתו הטהורה**

של"ח בערב שבת קודש פ' כי תשא סמוך לכניסת שבת, כ"א אדר א' דהאי שתא אחר יסורים קשים שקבלו באהבה לדאבון לב משפחו ומכיריו

בהיות שהחדר הוראה "רבי משה ארי' זצ"ל" בבית המדרש הגדול
נתנדב לכבודו ולזכותו, ובכן הוקדש זכות החדר הוראה משך ימי השלשים לפטירתו,
לעילוי נשמתו בגנזי מרומים, ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים

## והננו שולחים בזה את מיטב תנחומינו לכבודו
## ולכל המשפחה הכבודה שיחי'

תנחומינו ישעשעו את נפשו מעומק לבבינו, המקום ינחם אתכם, בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, שלא תוסיפו לדאבה, וזכות צדקותיו ומעשיו הטובים והישרים עלי' עוררה, להיות נפשו בצרור החיים צרורה, קל שד' יתן לה רחמים, ותזכה לרב טוב הצפון ומשכורה, ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבוליכם, ששון ושמחה ישיגון ונסו יגון ואנחה, ויזכה להמשיך בפעליו הגדולים מתוך נחת ושמחה, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, עד עת יעמוד הכהן לאורה, במהרה בימינו אמן.

כה דברי המנחמים בצער רב, שבורים ורצוצים באבידתו הגדולה, מכיריו ומוקיריו

# הנהלת בית הוראה

## דקהל יטב לב סאטמאר קרית יואל



# מאסיווער קאמפיין אין שוואונג:

# "עסן אויף יו"ט" לטובת די קריטישע ארגאניזאציע עזר לשבת דק"י און אומגעגנט

## עזר לשבת וועלכער פארטיילט טויזנטער באקסעס בשר ודגים וכל מטעמים פאר אומצאליגע משפחות הנצרכים, מיט א יערליכן בודזשעט פון קרוב צו 2 מיליאן דאלער, לאזט זיך אויך דעם יאר ארויס אין מעכטיגער קאמפיין, אויפצוטרייבן נדבות פון הארציגע אחב"י צו דעקן דעם פסח'דיגן בודזשעט און דעם יערליכן דעפיציט | מנוחה ושמחה אור ליהודים

עס איז שוין היינט נישט קיין סוד ביי קיינעם די הייליגע און קריטישע לייסטונגען פון עזר לשבת. דער ארגאניזאציע וועלכע פארטיילט וועכנטליך טויזנטער באקסעס אויף שבת פאר אומצאליגע נויטבאדערפטיגטע משפחות איבער קרית יואל, און אזוי אויך טוט מען דעקן בלומינגבורג, קיימישע לעיק, ליבערטי, די גאנצע קעטסקילס, און אפילו מאנסי.

עזר לשבת האט זיך געגרינדעט מיט א האלבן יובל צוריק, שוין פינף און צוואנציג יאר וואס דער ארגאניזאציע ערפילט דעם חלל אין טאש פון אומצאליגע שווערע פארדינער, אידן וועלכע מוטשענען זיך מיט פרנסה, און ווען עס קומט אן דער באקס אויף שבת, אנגעפילט מיט אלע מטעמים און פרישע סחורה, שיינט עס אריין אין זייער שטוב האפענונג. די באקסעס ווערן טאקע דעליווערט אויף שבת, אבער קלעקט ברייוח אויף א גאנצער וואך. א אינגערמאן וועלכער ברענגט אהיים א מאגערן געהאלט, אדער האט חלילה פארלוירן דעם מקור פון חיונה, ווערט אויפגעלאכטן וויסנדיג אז עס קומט אן וועכנטליכער דער באקס מיט מאכלים, וועלכע טוט אים דראסטיש מינדערן די ווייטאג, ווען ער ווייסט אז עסן אין שטוב איז פארהאן.

עזר לשבת טוט פארטיילן פאר יעדן וואס שטרעקט אויס א האנט פאר הילף און בעט. זאל עס זיין אידן וואס פארדינען נישט גענוג צו שפייזן די גאנצע משפחה, מעג עס זיין געוועזענע בעלי בתים ביי וועלכן דער ביזנעס האט זיך פארקירעוועט אויף לינקס פאר צייטווייליג, און זעלבסטפארשטענדליך די צובראכענע פאמיליעס פון אלמנות ויתומים. אלע קריגן מיט א ברייטקייט פון עזר לשבת, וועלכער מאכט זיכער אז אין יעדן אידישער שטוב זאל זיך געפינען ברבורים ושליו ודגים אויף שבת קודש.

אין צוגאב צו די וועכנטליכע שבת ארדערס וועלכע ווערן דעליווערט צו יעדן ביים טיר בדרך כבוד, אריינגערעכנט פיש לכבוד שבת, טוט מען יעדן ראש חודש צולייגן א טשעקל פון הונדערט דאלאר, מיט וועלכן די משפחות המקבלים קענען זיך גיין איינהאנדלען פלייש אין סיי וועלכן בוטשער זיי וועלן אויס איבער גאנץ קרית יואל.

עזר לשבת איז גאר שטרענג פארזיכטיג אז די גאנצע צוגאנג זאל ווערן אויסגעפירט אויפן מאקסימום בדרך כבוד'יגן שטייגער וואס איז נאר מעגליך. ווען א איד ווענדט זיך צו עזר לשבת פעלט זיך נישט אויס אז ער זאל דארפן רעדן צו א פערזענליכער אינדעווידואל, נאר ער קען איבערלאזן א וואויסמעיל אויף אן אויטאמאטישער סיסטעם, וואס נאר נאכדעם ווערט ער צוגעלייגט צום ליסטע. קיינער פרעגט נישט קיין פערזענליכע פראגעס, נאר ווער עס בעט טוט באקומען דעם ארדער.

אזוי אויך ווערן די באקסעס דעליווערט פונקט ווי פון גראסערי, אזוי אז עס קומט אן צום טיר אויפן העכסט מתן בסתר'דיגער פארנעם, און קיינער ווערט חלילה נישט אויסגעשטעלט צו פארשעמט ווערן.

מיט א צירקע פינף יאר צוריק האט די חשוב'ע ארגאניזאציע "רעים" צוגעשטעלט א ווערהאוז פאר עזר לשבת, אין וועלכן די חשוב'ע קינדערלעך וועלכע ווערן נתחנך אין רעים נעמען אויף די גרויסע ארדערס פון פרישע סחורה און פראדוקטן וועלכע קומען אן וועכנטליך, זיי פארפאקן עס שיין אין די באקסעס, און דינסטאג קומט מען עס אפנעמען און מען לאדנט אן דעם טראק, וועלכער דעליווערט עס דורכאויס מיטוואך און דאנערשטאג צו הונדערטער משפחות איבערן שטאט.

זעלבסטפארשטענדליך אז אזא אפעראציע וועלכער גייט שוין אן פאר אזויפיל יאר, האט זיך היבש פארברייטערט דורכאויס די יארן זינט איר גרינדונג, און אוודאי איז מען ערנסט אפעקטירט געווארן פון די גאר שוואכע עקאנאמיע די פארגאנגענע פאר יאר, ווען עס קומען צו וועכנטליך א שיינע צאל פאמיליעס, און קיינער ווערט נישט אפגעזאגט. דאס האט געברענגט דערצו אז פאר עטליכע יאר צוריק האט מען זיך געטראפן אין א לאך פון א מיליאן דאלאר, און כדי דאס צו לעזן איינמאל פאר אלעמאל האט מען גענומען צוויי פאנדרעיזער וועלכע טרייבן אויף האלב פון די הוצאות, און יעדן יאר בעפאר פסח לאזט מען זיך ארויס אין א שטורמישער קאמפיין, וועלכער דינט אויף צו דעקן דעם יערליכן דעפיציט, און אזוי אויך קאווערט עס דעם פסח בודזשעט.

דער בודזשעט אויף פסח איז ענליך צו שבת, ווען יעדער פאמיליע באקומט טשעקלעך מיט וועלכן מען קען גיין קויפן אין יעדן מצה בעקעריי, פלייש געשעפט, שיך געשעפט, און גראסערי. מען קען גיין איינקויפן וואו אימער מען וויל, און אלעס בדרך כבוד אזוי ווי אויבנדערמאנט.

אחינו בני ישראל נעמען אצינד אנטייל אינעם אקטיוון קאמפיין לטובת עזר לשבת, וועלכער איז מגין אויף די גאנצע שטאט מיט די העכסטע סטאנדארט צדקה וחסד, מתן בסתר בדרך כבוד, און רופן זיך אן מיט ברייטהארציגע ווארימע נתינות, און שטייען צו הילף פאר עזר לשבת אין די קריטישע עבודת הקודש.



צו די 21'טע יאר בליעה"ר:

# ריזיגער מגילה אויספארקויף ביי "קרית יואל מגילה צענטער אין לשכת משכן הסופרים"

**גרויסער אויסוואל פון אלע סארטן מגילות פון ארץ ישראל, קאנאדא און אמעריקע – ווי אויך ספעציעלע חתנים מגילות און מגילה-האלטערס**

קרית יואל. – משנכנס אדר מרבין בשמחה אז מען טרעט אט אריין אינעם ליכטיגן זמן פון ששון ושמחה קומט באלד ארויף די סוגיא פון מגילות וואס פארנעמט אן עיקר פלאץ אין די מצוות היום פונעם יו"ט פורים, איז ווי נאטירלעך שוין פאר די לעצטע 20 יאר דערמאנט מען זיך פון די שוין גוט באקאנטע "קרית יואל מגילה צענטער" וואס איז סטאנציאנירט אין די שטאטס גרעסטע "סופרים שטיבל משכן הסופרים" אויף עיקערס ראוד, ווי עס זענען אנגעשלאסן שוין פאר איבער 20 יאר איבער א מנין סופרים מומחים במלאכתם וואס זענען עוסק אין די עבודת הקודש פון כתיבת סת"ם בזהירות יתירה.

ווי באקאנט איז דער סופרים שטיבעל משכן הסופרים אויף עיקערס ראוד - וואס שטייט אונטער די אנפירערשאפט פון הר"ר יעקב הערש זילבערשטיין שליט"א ושותפו הרב שמואל אהרן טענענבוים שליט"א לאנג יעריגע מומחים בעולם הסופרות - דער נומער איינס סטאנציע פאר אלע צענדליגע חשובע סופרים וואס געפינען זיך דא אין שטאט און ווערן כסדר באגלייט מיט יעוץ והדרכה אין אלע געביטן פון סופרות הן בהלכה והן בחלק המעשה.

אצינד אזוי ווי יעדעס יאר צום מגילה סעזאן איז "קרית יואל מגילה צענטער" - וואס איז אין איינע פון די פילע אפטיילונגען פון משכן הסופרים - דער מערסט געזוכטע פלאץ צו קויפן מגילות ווי מקען זיך אוועקזעצן אין א מקום מיוחד פאר א ריזיגער אויסוואל פון אלע מינים מגילות איינס שענער פונעם צווייטען גרויסע און קלענערע, און פאר די וואס זענען מקפיד אויף י"א שיטין מגילות איז פאר זיי דא אויך א גרויסן אויסוואל, און ועל כולם אלעס פאר צוגענגליכע פרייזן.

ספעציעל איז דא די שיינע סייזעס מגילות פאר חתנים און יונגע אברכים, ווי אויך איז דא היי יאר א ריזן אויסוואל פון הערליכע לעדערנע און סחורה'נע מגילה–האלטערס פאר אלע סייזעס מגילות.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון קרית יואל מגילה סענטער האלטן זיי איר שטענדיגער ציל פאר די אויגן אז זיי פארקויפן נאר מגילות פון סופרים חשובים וואס זיי האנדלען דירעקט, נישט פון וואס קומט זיי אונטער סתם סחורה מן השוק, ווי אויך ביי אלע צורכי סת"ם ווי צב"ש תפילין ורצועות מזוזות ספרי תורה וכו' וויסענדיג אז דער היזיגער אפגעהיטענער ציבור איז נזהר אויף דעם.

ווי געזאגט האט זיך שוין אנגעהויבן דער יערליכער גרויסער אויספארקויף ווי צופרידענע קונים האבן זיך שוין איינגעהאנדעלט שיינע מגילות, ווי אויך מחותנים פארן חתן, אדרבה ואדרבה פארבינדט אייך שוין מיט די ריכטיגע מומחים און האנדעלט אייך אויך שוין איין א גוטע מגילה און האטס א ליכטיגען און פרייליכען יו"ט פורים, וליהודים היתה אורה וששון ושמחה.



# הונדערטער לעכטיגע תלמידי כתות ז' ח' ט' לעבן מיט דערהויבענע מאָמענטן ביי ריינדער מעמד "חיים של שלום"

## אָפגעראָכטן אויף אַ הערליכן פאַרנעם פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג תשא אין היכל ביהמ"ד החדש מעריוואלד - בלומינג גראָוו זיך צו מחזק זיין אין אַלע ענינים הנוגעים 'בין אדם לחבירו'

די נאָענט צו **600** צאן קדשים, תלמידי המוסדות הק' כתות ז' ח' ט' געפינען זיך נאָך אונטער דעם אומגעהויערן רישומא קדישא נאָכ'ן מיטלעבן דעם אומפאַרגעסליכן מעמד אדיר "חיים של שלום" וואָס איז אַהערגעשטעלט געוואָרן דורך די הנהלה רוחניות, דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג נשא העעל"ט, וואו די טייערע תשב"ר האָבן זיך אינאיינעם געשטאַרקט כאיש אחד בלב אחד מיט די וויכטיגע ענינים הנוגעים בין אדם לחבירו.

דער מעמד הנשגב איז געפראַוועט געוואָרן אין דעם ריזן היכל ביהמ"ד החדש מעריוואלד ההולך ונבנית אין שכונת בלומינג גראָוו. דער היכל האדיר איז געניט און הערליך אויסגעשטעלט געווארן אויף א מייסטערהאפטיגן אופן די באַרימטע SL פראדוקשענס, אַדאַנק עטליכע חשובי הורי התלמידים שיחי' וועלכע האבן זיך אָנגעשלאָסן מיט א גרויסן חלק פון די הוצאות לתועלת התלמידים.

צו דער באַשטימטער צייט האָבן די צענדליגע באסעס אפגעטראגן די הונדערטער תלמידים מיט א געניטן סדר, ווען א שטאב פון ענערגישע אינגעלייט האָבן אפגעווארט די תלמידים, אפגענומען די "כינוס טיקעטס", צוגעוויזן די קאוט רעקס, און די זיץ פלעצער לויט'ן באשטימטן סדר.

דער הערליכער מעמד איז ערעפנט



געוואָרן דורך דעם געטרייען מנהל רוחני, הרה"ג ר' שמעון שמואל שווארטץ שליט"א, וועלכער האָט מיט פאסיגע דיבורים אַרויסגעברענגט דעם לימוד פון דער פרשה, אז יעדער איד באזונדער איז נאר א מחצית השקל, און ווען מ'איז באחדות, איז מען גאנץ.

ס'איז געווען אַ מחזה הוד פון התעוררות רחמים רבים ווען אלע תלמידים האבן אינאיינעם בתחילת המעמד געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהילים אַז ס'זאל ארויסקומען דעם תכלית הנרצה פונעם מעמד לשם שמים. בשעת מעשה האָט דער מנהל שליט"א דערמאנט און מזכיר געווען אלע נדבנים שיחיו וועלכע האָבן ערמעגליכט דעם מעמד הנשגב.

פון די הויכפונקטן איז געווען די דרשה פון דעם נואם הכבוד, הר"ר אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א, וועלכער האָט געהאַלטן געשפאנט די הונדערטער תלמידים פאר אריבער צוויי שעה מיט גאר שטארקע דיבורים און שפאנענדע ערציילונגען איבער דעם געוואַלדיגן און האַרבן ענין פון זהירות בכבוד חבירו.

ליתן ריווח להתבונן איז דאַן פאַרטיילט געוואָרן אַ רייכע מיטאָג פאר אלע תלמידים זיך צו דערכאפן דאס הארץ, און זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות אויף ווייטער. דאָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ פלאמעדיגן תפלת מנחה צום ערשטן מאָל אין דעם היכל הגדול, דורך די הבל פיהם פון קרוב צו **600** תשב"ר, וואָס האָט בוקע רקיעים געווען, ולא נענה אליהו אלא בתפילת המנחה.

דערנאָך האָט מען געהערט אַ גאר הארציגע און רירנדע דרשה דורך הרה"ח ר' משולם ראטשילד הי"ו וואס האָט אויפגעשאָקלט די הערצער פון די תלמידים נזהר צו זיין בין אדם לחבירו אויפן שטארקסטן אופן.

און צום שלוס האָבן די הונדערטער קינדער מיטגעהאַלטן אַ העכסט אינטערעסאנטע פארשטעלונג איבער די גרויסקייט פון אחדות און שלום ביי אידישע קינדער, אהערגעשטעלט דורך עטליכע היימישע טאלאנטפולע אינגעלייט.

ס'איז שוין געווען שפעט נאָכמיטאָג ווען ס'האָט זיך פארענדיגט דער געהויבענער מעמד, און די תלמידים האָבן אָפּגענומען א הערליכע מזכרת פונעם מנהל שליט"א, און אַהיימגעגאַנגען אנגעפילט מיט גוטע רצונות, און שטארקע קבלות אין אלע עניני בין אדם לחבירו, **ולא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום!**
















הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מַמְשִׁיכִין לְמַעַן הַמְשָׁכַת תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה:

# קרית יואל בטהרתה היילּיג איינגעשפּאַנט מיט קאך און פלאַקער צום "ליל המשכתינו" פאַרצוזעצן די אימפעריע פון תורה בטהרה

ת"ת דברי חיים דרבינו יואל; אַ אָריגינעלע המשכה צום דרך פון מרן רביה"ק זי"ע, אַ ריינע המשכה פונעם דרך התורה והמסורה פון באַרג סיני, אַ צעמענטירנדע המשכה פאר די עתיד פונעם יהדות החרדית!

**9:00 דעם מוצש"ק ויקהל-שקלים ביים דינער הראשונה אין היכל יצחק - קלאַוו**

בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל בראשות הרבנים הגאונים הצדיקים גדולי ומאורי עירינו שליט"א

הולך וגדול:

## אויסטערלישע בליה און וואוקס פון ת"ת "דברי חיים דרבינו יואל" גרייכט שוין אינעם 5'טע יאָר מספר אדיר פון 225 תלמידים בליעה"ר זרע ברך ה' כ"י

טראָץ גאָר יונגע עקזיסטענץ פונעם מוסדות שטייענדיג אינעם שנת החמשה להתייסדות, טוט די אויסטערלישע הצלחה אַרויסשיינען פון יעדע ווינקל, זייענדיג אויסגעשטאַט מיט אַלע כתות פון אונטען ביז אַרויף, צו די צופרידנהייט פון די הונדערט-און-צוואַנציג חשובע עלטערן

על בשורות טובות

## דראַמאַטישע "הכרזה רוממה" מיט פריידיגע בשורה טובה ומרנינה איבער די שטאַנדהאַפטיגע עתיד וקיום המוסדות וועט געהערט ווערן במעמד תומכי ומחזיקי המוסדות

וועט ווערן איבערגעגעבן דורכן העלדישער מנהל המוסדות הר"ר משה דוד לאַבין שליט"א ביי די ברייטע רעפעראַט איבער די בליה און וואוקס פונעם תלמוד תורה

פֶּלֶא עַל גַּבֵּי פֶּלֶא, טְהָרָה בְּתִפְאַרְתָּהּ:

# וואונדער-איבער-וואונדער, ווען אסטראנאמישע קרוב צו "2 מיליאן דאלאר'דיגע בודזשעט ווערט געדעקט מיט "0 רעגירונג שטיצע"

שלומי אמוני ישראל גיסן אומגלויבליכע שטיצע פון העכער

## א מיליאן דאלאר

דעם פארלאפענעם יאר צו דעקן די דעפיציט פונעם תלמוד תורה וועלכע שטעלט פאר אַ געטריישאַפט צום הייליגן באַשעפער הייליג און ריין

ינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינ"ו:

# שפאנונג צו די גאר רייכע גורלות ומתנות ביים ליל המשכתינו פאר די מוקירי ונדיבי התורה מיט סכומים אדירים להמשכת תורה בטהרה

## שותפי המוסדות מתנות

### היסטארישע גורל

הייליגע אָריגינעלע כתב יד פון ספה"ק ויואל משה מיטן רבי'נס הייליגע האַנט-שריפט, וועלכע סימבאליזירט אונזער הייליגע ריינע המשכה וועט ווערן איסגעראַפעלט במעמד קהל ועדה פאר אַלע תומכים מיט $1,800

הייליגע בלעטל פון כתב יד איז אַ לעבעדיגע צוואה פון רבי'ן, ווי דער רבי זאָרגט זיך פאר אונזער המשכה תשפ"ד



אין צוגאָב צום גורל, וועלן אַלע תומכים מיט $1,800 ערהאַלטן אַ קאפי פונעם אָריגינעלע כתב יד, פּרעזענטירט גאָר רייך אין אַ הערליכע פאָרמאַט

צו פארזיכערן אייער טיקעט אינעם היסטאָרישן גורל
רופט אַריין אין דינער אָפיס
845.351.9929 #7

מאַיעסטעטישע וואַנט-זייגער וועט פּראַכטפול באַצירן די שטיבער פון די גדולי התומכים מיט'ן סכום פון $3,600

וועט סימבאָליזירן זייער שטענדיגע וואַרימע שטיצע צו פאַרזיכערן די קיום המוסדות בעל עת ובכל זמן
וועט זיין אין צוגאָב צו אלע אנדערע היסטארישע מתנות



## תומכי המוסדות מתנות

היסטאָרישע אוצר אַנטדעקט מבית מדרשו של רבינו "מכלכל חיים ניגון ביים רבי'ן אינדערהיים" רייך-פאַרפאַסט דורכ'ן רבי'נס בעל מנגן הרה"ח ר' בעריש ווישעווער ז"ל, און די נאָטן זענען לעצטענס בדרך פלא אָפּגעפונען געוואָרן, און פּראָפעסיאָנאַלע מומחים האָבן דאָס פאַכמאַניש אַראָפּגעזינגען און איפגעשפילט מיט'ן פולסטע פראַכט און גלאַנץ ספּעציעל לכבוד דער דינער המשכתינו



וועט זיין צו באַקומען פאר די נדבנים אין אַ סי-די פאָרמאַט, און אויף אַ יו-עס-בי פאָרמאַט וועלכע איז מער גאַייגנעט פאר די קאַר

די הייליגע ניגון וועלכע איז כל כולו נאָסטאַלגיע און רגשי קודש וועלכע פירט צוריק די הערצער לבית מדרשו של רבינו צו די פאָרכטיגע ימים הנוראים ביים רבי'ן אינדערהיים בעפאָר'ן קריג,

וועט ווערן פאַרטיילט פאר אַלע משתתפים מיט $500 און העכער

נאָרוואָס ערשינענע "ספר ימי חיים" וועלכע איז אַ אויסנאָם רייכע ספר מיט די קורות ימי חיי"ו פון מרן הרה"ק הדברי חיים מצאַנז זיעועכי"א וועט פאַרטיילט ווערן פאר אַלע קוני

"זכות מלמד לשבוע" מיט'ן סכום פון $840



אויסטערלישע רייכע ליקוט אַהערגעשטעלט דורכ'ן ידען נפלא בקורות ימי הצדיקים הרה"ג ר' שמואל אהרן חנני' טענענבוים שליט"א מחבר פון די באַרימטע ספרים ניצוצי תומר און ימי מלך

# סאַטמאַרער חסידים אַלוועלטליך וועלן בלב ובנפש אויסשרייען צו אנ"ש לעיקוואוד: "גַדל"! זעצט פאר מיטן וואונדערליכן בליה פון די הייליגע מוסדות-אימפעריע!

## 36 שטונדיגער בליץ-קאַמפּיין "גַדל" אַוועקצושטעלן יסודות איתנים פאַר'ן בליה און וואוקס פון "מוסדות סאַטמאַר לעיקוואוד"

## דעם קומענדיגן "מיטוואָך און דאָנערשטאָג" פקודי

וְעַתָּה יִגְדַּ"ל נָא כֹּחַ:

**יעצט, אין ברען פון וואוקס, איז די צייט אַוועקשטעלן קראַנטע פונדאַמענטן צו קענען פאָראויסגיין מיטן אַנגייענדן בליה און דראַמאַטישע פראָיעקטן פאַר'ן עתיד הדורות**

**אומגלויבליכע ציפערן:**

העכער 800 קינדער כ"י; 41 קלאַסן אין די הייליגע מוסדות; 216 איינגעשטעלטע כלי קודש אין די מוסדות; פרעכטיגער חינוך אין תלמוד תורה ביז נאָך כתה ט'; גאָלדענער חינוך אין מיידל-שולע ביז 12'טע קלאַס; העכער 7 מיליאָן דאלער בודזשעט!

2 בנינים כבירים אפגעקויפט און אויפגעבויעט אין בלויז געציילטע יאָר אַלס שטאָלץ פאַר סאַטמאַר!

**גָדלו אתי: גאַנץ סאַטמאַר מוז צולייגן אַ האַנט דאָס צו מאַכן פאַסירן!**

די מוסדות פונקציאָנירן קראַנט און סטאַביל, בחסד ה', אָבער מען מוז מען צוקומען צו אַ דראַסטישער שטופּ צו קענען פאָראויסרוקן די ווייטערדיגע וואוקס לתפארת כל בית סאַטמאַר

**פלאַמעדיגע מאָביליזאַציע פון "העכער 200 עסקנים";**

הורי המוסדות, עסקנים נכבדים, אנשי הציבור והמעש געוואונען ריזן "צילן" אויפצוטרייבן "אסטראנאמישע סכומים" פאַר'ן עתיד המוסדות

וְאֵת כָּל אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ הַמֶּלֶךְ:

**הרב החסיד רבי שמואל טייטלבוים שליט"א, משב"ק, ביי פייערדיגע דרשה, גיט איבער פקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לגד"ל ולחזק**

**גאר הארציגער אָפּרוף ביי אנ"ש נאָך ספּעציעלער אסיפה כבירה מיט אנ"ש תושבי לעיקוואוד בהשתתפות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**

## סאָפיסטיקירטער "טעלע-סיסטעם" וועט ערמעגליכן מיטצוהאלטן לעבעדיג קאמפיין סכומים און אפדעיטס, לענגאויס די גאַנצע 36 שעה פונעם גראַנדיעזן קאַמפּיין

ניו זשערסי \ ניו יארק. – "ואתה יגדל נא כח"! איז דער קול נשמע בכל גבוליך וואָס הילכט אָפּ אצינד צווישן אנ"ש איבער דער גאָרער וועלט, אַז ווידעראַמאָל איז הרחבת גבולי הקדושה 'אויפ'ן סדר היום' אין סאַטמאַר'ס בליענדע מוסדות אין לעיקוואוד וואו מ'גרייט זיך אַצינד ממש אין די עטליכע נאָענטע בעפאָרשטייענדע טעג אַדורכצופירן אַ מאַסיווע היסטאָרישע "גדל" קאַמפּיין צו צעמענטירן און פאַרזיכערן דעם עתיד המוסדות הק' און פאַר'ן שטאַנדהאַפטיגן פונאַדערוואוקס פון די דורות העתידים בדרך ישראל סבא!

הבערה ללהב יצאת, בשעת די שורות ווערן געשריבן, מאָנטאָג אויפדערנאַכט, נאָך וואָס המוני אנ"ש לעיקוואוד, הורי המוסדות, האָבן זיך מאָביליזירט ביים "אסיפת הכנה" פאָרצובערייטן דעם קאַמפּיין, אַן אסיפה וואס איז באשיינט געווארן בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א בשליחות הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, פלאַמען שוין אנ"ש תושבי לעיקוואוד והורי המוסדות מיט אַ פייער וואָס וועט אי"ה איינהילן גאַנץ סאַטמאַר, אנ"ש תלמידים וחסידים בכל מקומות מושבותיהם, למען עשה כיום הזה להחיות עם רב!

### את כל אשר גדלו המלך – בפקודת ובברכת הקודש

הוד כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א – וואָס עינו ולבו שם כל הימים למען עדת צאן מרעיתו אין שטאט לעיקוואוד ולמען הצלחת וקיום קהלותי' ומוסדותי' הקרובים אל לבבו – האט פערזענליך באאויפטראגט די חשוב'ע חברי הנהלת המוסדות, וואס געבן זיך אוועק בלב ובנפש, אז ס'איז הזמן גרמא מ'זאל טון אלעס אויף דער וועלט צו פארפעסטיגן די מוסדות הק', אז מ'זאל קענען ווייטער אנגיין ביתר שאת וביתר עז, הדבר יצא מפי המלך אַז יעדער זאָל זיך אָנשטרענגען בכל כוחותיו אַריינצוברענגען סכומים עצומים פאַר'ן עתיד הדורות.

דער משמש בקודש, הרבני החסיד המרומם

רבי שמואל טייטלבוים שליט״א, האט געבערענגט אָט דעם רצון ופקודת הקודש פון גרויסן רועה הנאמן דירעקט פאַר׳ן ציבור אנ״ש אין לעיקוואוד ביי א ספעציעלע אסיפה פון די עסקנים הנמרצים, וואו ער האט מיט גאר פייערדיגע ווערטער אויפגעפלאַמט די לבבות איבער דעם חובת השעה, און דעם גודל האחריות פאר׳ן קיום המוסדות וואָס דער הייליגער נאמען פון רביה״ק איז נקרא עלי׳, און וויפיל דאס גייט בנפשו פאר רבינו שליט״א אז ס׳זאל מצליח זיין, און דעם רבינ׳ס בקשה אז יעדער זאָל צולייגן א האנט.

דאס זעלבע האט מען געהערט ביי די ווארעמע דברים חוצבים להבות אש פון הגה״צ אב״ד ור״מ שליט״א, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פארן בטירחא דאורחא דעם פארלאפענעם מאנטאג פרשת ויקהל, בשליחות הקודש פון אביו הגדול כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, ארויסברענגענדיג דעם חובת האחריות על בנינו ועל דורותינו, צו קענען מגדל זיין הייליגע דורות נאמנים לה׳ ולתורתו על פי הדרך הסלולה לנו.

## ואנ״ש וההורים יוצאים דחופים בדבר המלך!

אָנגעפלאַמט פון די הייסע געפילן און קלאָרע אַנערקענונג אַז ״בנפשינו הדבר״, לאָזן זיך אַרויס די העכער הונדערט גַדֵל-גענעראַלן אויפצוטרייבן אַ וועלט פון שטיצע, ביי אנ״ש איבער כל קצוי תבל, וואָס עז חפצם ורצונם מיטצולעבן – און זיין אַ לעבעדיגער חלק – פון דער ״גַדֵל״ רעוואָלוציע וואס סאטמאר באווייזט ב״ה אין לעיקוואוד.

ווייל אַלע – סיי די עסקנים, די הורים ותושבים, און סיי די נדיבים אנ״ש מד׳ כנפות הארץ – ווייסן קליפּ, קלאָר און דייטליך: אויף אָט די פונדאַמענטן וואָס מ׳גייט יעצט ביים ״גַדֵל״ גיסן וועט מען אי״ה ווייטער קענען בויען דעם עתיד הדורות, פעסטונגען פון תורה בטהרה! מגדלים אדירים פאַר׳ן חינוך הקודש! ס׳זאל זיין אַן עתיד פאַר די טייערע אנ״ש וואס האבן זיך אריבערגעקליבן וואוינען אין לעיקוואוד צו קענען לעבן מיט הרחבת הדעת, און ווילן פאר יעדן פרייז אויף דער וועלט שענקען פאר זייערע קינדער דעם הייליגן סאטמארער חינוך, אזוי ווי זיי זענען אליין אויפגעוואקסן.

## מוסדות סאטמאר לעיקוואוד – אַן אומגלויבליך שנעלער וואוקס!

״מוסדות סאטמאר לעיקוואוד״ לויפט היינט צו טאָגס סינאָנים מיט ״הולך וגדו״ל״, הרחבת גבולי הקדושה.

אַז מ׳זעט דערמאַנט דעם נאָמען פון מוסדות סאטמאר לעיקוואוד, ווייסט מען אויטאָמאַטיש אַז עס פאָלגט נאָך אַ באַריכט וועגן א פרישע אַנטוויקלונג, א פרישער אפקויף, א נייע געביידע, אַ פרישער פליגל אין די מוסדות, וועלכע זעצן פאָר צו וואַקסן און בליען אָן אַן אויפהער.

ס׳לאזט זיך נישט גלייבן, אז אין ״געציילטע יאר״ איז דא אויסגעוואקסן אזא אימפעריע, און מ׳האט געקויפט און געבויעט אזעלכע בנינים!

אין ממש א קורצע תקופה האט סאטמאר-לעיקוואוד ב״ה עררייכט צוויי ״אייגענע״ בנינים אדירים, סיי פאר תלמוד תורה און סיי פאר בית רחל, וואס קאלאסאל ציילט זיך עס צונויף אין ווערד פון פילע מיליאנען דאלארן.

תלמידי וחסידי סאַטמאַר שטוינען, און קוועלן פון די וואונדערבארע ציפערן.

״העכער 800 קינדער״ כ״י ווערן נתחנך אין די מוסדות-אימפעריע פון סאטמאר לעיקוואוד, על מבועי התורה והיראה!

41 קלאַסן מלאים וגדושים, איבערגעפולטע קלאַסן, מיט לעכטיגע תינוקות של בית רבן און טייערע צניעות׳דיגע בנות ישראל הכשרות ווערן יעדן טאָג ערצויגן לה׳ ולתורתו הקדושה מיט׳ן הייליגן, אָריגינעלן אויסגעטרעטענעם חינוך הבנים והבנות, בעזר ה׳.

העכער 230 עלטערן כ״י זענען גליקליך און צופרידן מיט׳ן גאָלדענעם ניוואָ פונעם חינוך אין די מוסדות הק׳, שענקענדיג אַן אוזן קשבת פאַר יעדן טאַטן, אַ וואַרעמע באַציאונג מיט אַלע עלטערן, אַ צופרידענע צוזאַמאַרבעט צווישן די הורי המוסדות מיט די הנהלת המוסדות, וואס איז באמת אַ זעלטנהייט, אַ סיבמאָל פון אַ סוקסעספולע סאַטמאַרער מוסדות.

216 איינגעשטעלטע כלי קודש, די בעסטע שטאַב, געקליבענע חינוך-מומחים שלייפן די דיאַמאַנטן מיט האַרץ און נשמה צו דעם גליקליכן נחת פון די עלטערן בסייעתא דשמיא.

אַ פלאָטע פון 8 באָסעס קורסירן יעדן טאָג איבער די הערליכע גאַסן פון די סאטמארער געגענטער אין לעיקוואוד, אָפנעמענדיג און פירנדיג די הייליגע קינדערלעך, ווען אַלעס פירט זיך אַזוי רואיג, אַזוי סאָליד, אַזוי געשמאַק, אַזוי לעכטיג.

אַ קראַנטע הנהלת המוסדות פון חשוב׳ע געטרייע אנשי שם, רעספעקטירטע סאטמארער בעלי בתים, פירט אָן מיט אַ שטאַנדהאַפטיגן בודזשעט.

און אלעס האט מען עררייכט אַזוי שנעל, אַזוי וואונדערליך, אין אַזאַ קורצע תקופה, ממש הפלא ופלא וויאַזוי מ׳האָט עס באַוויזן.

ברוך ה׳, הודו לה׳, ואילו פינו מלא שירה כים, קען סאַטמאַר נישט גענוג לויבן על כל הטוב והחסד.

ווייל ס׳איז די ״מוסדות״ וואָס איז דער רוחניות׳דיגער פונדאַמענט פון אַ ישוב – און ס׳איז אָט דער סאָלידער פונדאַמענט פון געלונגענע מוסדות וואָס פאַרזיכערט דעם גאָלדענעם צוקונפט פון אנ״ש סאטמאר לעיקוואוד, וואס האבן זיך אהינגעצויגן צו קענען וואוינען מיט הרחבת הדעת און מחנך זיין דורות נאמנים לה׳.

## הגיע הזמן לגדי״ל: ס׳איז יעצט געקומען די צייט צו פאַרזיכערן אַז די וואוקס קען אָנגיין

אָבער, בעת די מוסדות פונקציאָנירן ב״ה על מי מנוחות ועל יסודות איתנים, איז אָבער דאָ פאַרהאַנען די קריטישע נחיצות פון ״גַדֵל״!

אין פאַקט איז עס נייע מוסדות, און ס׳וואקסט מורא׳דיג שנעל. אסאך שנעלער ווי מ׳האט זיך געראכטן.

מ׳האט שוין היינט ״אלע״ קלאסן פון נוירסערי ביז כתה ט׳ אין ת״ת און ביז 12׳טע קלאס אין בית רחל, אלעס אין געציילטע קורצע יארן!

ס׳כמעט נישט דא א סאטמארער מוסד אויף דער וועלט, וואס האט זיך אזוי שנעל געבויעט, סיי אין קלאסן, און סיי אין בנינים, און ס׳וואקסט ווייטער אזוי בליץ-שנעל, און אַ וועלט מיט געלט מוז אַוועקגיין פאַר דעם קריטישן נויט פון מרחיב זיין און בויען, און פאָרברייטערן די ווייטערדיגע בליה פון די מוסדות הק׳.

אַ נייער מוסד מוז האָבן אינפראַסטרוקטור! מ׳מוז האָבן בנינים! מ׳מוז נאָכאַנאַנד עפענען נאך קלאסן! מ׳מוז כסדר אַריינשפּרינגען אין פרישע פּראָיעקטן!

מ׳האַלט יעצט אינדערמיט פון ריזן אונטערנעמונגען, און נאָכאַנאַנד יעדן טאָג ווערט מען פריש געשטראַנדעט; ״כסף מנלן״!

אָט דאָ איז מען געקומען צו זייער אַ קלאָרע הכרה און קריסטאַלענע אַנערקענונג: אויב וויל מען קענען ווייטער פונקציאָנירן בעוז וברמה און באַווייזן פאָרשריט אויפ׳ן הרחבת המוסדות פראָנט מוז מען אצינד זיך א שאקל געבן און שאפן א סכום אדיר, וואס זאל אראפשטעלן די יסודות פאַר׳ן ווייטערדיגן וואוקס בסייעתא דשמיא, שלא יבוש המעיין ולא יקצץ האילן.

דאָ מוז פאַסירן אַ דראַמאַטישע ״גַדֵל״, אַריינברענגען סכומים אדירים, פילע הונדערטער אלפים, פאַר׳ן יסוד ועתיד בסייעתא דשמיא.

און דאָס גייט אי״ה יעצט פאַסירן. סאַטמאַר גייט דאָס באַווייזן! דעם קומענדיגן מיטוואך און דאנערשטאָג פרשת פקודי!

## אַלע עלטערן און עסקנים מאָביליזירט – גאַנץ סאַטמאַר איינגעשפּאַנט – לגדי״ל ולחזק!

הונדערטער עלטערן און עסקנים ותושבים גייען אי״ה אַרויסגיין נלהבים בדבר המלך, אויפצופלאַקערן זייערע ידידים און גוטע פריינט און אנ״ש בכל מקומות מושבותיהם בעטנדיג זייער אָנשלוס צו העלפן און צולייגן א פלייצע לגדל מוסדותינו הק׳ אין ״לעיקוואוד״, אשר עיני כל בית סאטמאר נשואות אלי׳.

זעלבסט פאַרשטענדליך אַז אַלעס וועט צוגיין אויפ׳ן העכסטן מאָס טהרת הקודש, כפקודת הקודש של כ״ק מרן רבינו שליט״א, אָן די היינטיגע מיטלען וועלכע זענען אָנגעבונדן אין די סאָציאַלע אינטערנעט אַספעקטן, נאָר בלויז ריין און לויטער ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר די הייליגע מוסדות.

אָבער מיט׳ן גאַנצן קראַפט, מיט אַ פייער, ובאש אתה עתיד לבנותה! מיט פייער גייט מען בויען דעם עתיד!

דאס איז אמאל קלאר אז פאר יעדן סאַטמאַרער איד גייט אין לעבן אריין אז די הייליגע מוסדות פון לעיקוואוד לב זאָלן מצליח זיין.

דאס זענען אלעס משפחות מסלתה ושמנה, קינדער און איידעמער און אייניקלעך פון אנשי שלומינו היקרים, וואס כל מגמת נפשם איז צו מחנך זיין די דורות בדרך רבינו הקדוש זי״ע תחת דגלו והדרכתו של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א.

ווען אנ״ש בקצוי תבל וועלן באַקומען דעם האַרציגן רוף און אמת׳דיגן געבעט פון די טייערע אנ״ש תושבי לעיקוואוד וואָס בעטן זיך פאַר זייער אייגענעם עתיד הרוחני, און פון די חשוב׳ע חברי הנהלת המוסדות וואס זענען זיך מקריב כוחם ואונם פאר הצלחת המוסדות בשליחות הקודש כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, וועלן זיי אוודאי זיך אנשליסן בלב ובנפש.

און בסייעתא דשמיא, בכוחו ובזכותו של אותו זקן רביה״ק זי״ע דער מייסד המוסדות הק׳ וואָס קוקט אַרויס משמי מעלה אַז די הייליגע מוסדות זאָלן מצליח זיין בדרכו ובמשנתו הטהורה, וועט מען אי״ה אוודאי מצליח זיין למעלה מן המשוער.

ווייל ס׳גייט יעדן סאַטמאַרער איד אין לעבן אַריין צו זען דעם בליה און וואוקס פון מוסדות סאטמאר לעיקוואוד בסייעתא דשמיא.

## מיטוואָך און דאָנערשטאָג פקודי יהי׳ האות הזה – סאַטמאַר וועט אויסרופן ״גַדֵל״!

בשליחות הקודש פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, איבערגעגעבן ע״י בנו הגה״צ אב״ד ור״מ שליט״א און ע״י נאמן ביתו הרה״ח רבי שמואל המשמש בקודש שליט״א, האָט מען קלאָר געהערט דעם חובת השעה, דעם חובת המצב, אַז ס׳לא עת לחשות, נאָר מ׳מוז זיך מאחד זיין פאַר׳ן עתיד המוסדות, כי הדבר בנפשינו ובנפש דורותינו!

״אויפ׳ן פלאַץ״ האָבן זיך אנ״ש תושבי לעיקוואוד אָנגעשלאָסן מיט ריזיגע ״גאָולס״, צילן, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך אַריינצוברענגען אי״ה, בכל לבם ובכל נפשם, דורכאויס די ימי הקאמפיין הבאים לקראתינו, ווען מ׳וועט אי״ה אַרויסגיין מיט אַ מאַסיווער פאַראייניגטער כח, יעדער איינער כאיש אחד ובלב אחד, מ׳רייסט זיך אָפּ פון די געשעפטן און טעגליכע פליכטן, אַרומצורופן און אויפטרייבן די מאקסימום סכומים, און אַרויסברענגען די מאַקסימום פון סאטמאר.

אפילו כלי קודש והוגי תורה גייען אַרויס פון וועג, מיט אַן עת לעשות לה׳דיגן פייער, צו בויען אַן עתיד החינוך, צו פאַרזיכערן אַן עתיד התורה, להם ולדורותיהם, כי נפשם יודעת מאוד עד היכן הדברים מגיעים, און פארשטייען אז בלויז מיט קראַנטע, זויבערע, סטאַבילע און חובות׳לאָזע פינאַנציעלע פונדאַמענטן וועלן מיר קענען לאורך השנים הבאים לקראתינו געניסן פון אַ בליענדן עתיד פון זאָרגלאָזער וואוקס און שפרודלדיגער אויפבוי בסייעתא דשמיא!

דער ״מעסעדזש״ גייט אַרויסגיין פון צווישן די סאַטמאַרער מויערן אין לעיקוואוד און אויפטרייסלען די געוויסנס פון סאַטמאַרער חסידים בכל מקומות מושבותיהם, גדלו לה׳ אתי ונרוממה שמו יחדיו! הגיע הזמן, ס׳איז געקומען דער מאָמענט לדאוג על יפי׳ ועל קיומה ועל עתידה פון אונזערע בליענדע מוסדות אין לעיקוואוד!

אָה, ווי גליקליך וועלן זיין די אלע נדיבי הלב וועלכע וועלן ברבות הימים צוריקקוקן און וויסן – נישט בלויז וויסן, נאָר שטאָלצירן – מיט אַן אמת׳דיגע שמחה: מיר האָבן געהאַט אַ חלק אין אויפבויען אַן עתיד פון המשכת הדורות פאר הונדערטער און טויזנטער קינדערלעך בדרך ישראל סבא, ווי ס׳איז געווען משאת נפשו של רבינו הקדוש זי״ע, און דאָס וועט ווייטער אנגעהאלטן און פארברייטערט ביתר שאת וביתר עז, און מיט׳ן כח פונעם גאנצן ציבור אינאיינעם, ובשם ה׳ נעשה ונצליח, אמן.

סאַטמאַר מאָביליזירט! מיטוואָך און דאָנערשטאָג פקודי! פאַר׳ן עתיד! פאַר סאַטמאַר׳ס עתיד!

אנ"ש סאטמאר אלוועלטליך
שרייען אויס צו אחינו לדעה
אין שטאט לעיקוואוד:

# וואקסט
# און בליהט!

וְעַתָּה יִגְדַּ"ל נָא כֹּחַ:

**יעצט, אין ברען פון וואוקס, איז די צייט אַוועקשטעלן קראַנטע פונדאַמענטן צו קענען פאַראויסגיין מיט'ן אָנגייענדן בליה און דראַמאַטישע פראָיעקטן פאַר'ן עתיד הדורות.**


אומגלויבליכע ציפערן:
העכער 800 קינדער כ״י
216 כלי קודש אין די מוסדות
41 קלאַסן אין די היילינע מוסדות
2 אייגענע בנינים כבירים אפגעקויפט און אויפגעבויעט
8 באסעס קורסירן טעגליך אויפ׳ן ראוד
העכער 7 מיליאן דאלער בודזשעט
גדל
גדלו והצליחו
מוסדות סאטמאר לעיקוואוד
וואקסט און וואקסט
סאַטמאַר מאָבּיליזירט!
פאַר׳ן עתיד! פאַר סאַטמאַר׳ס עתיד!
732.592.5523
מיטוואך - דאנערשטאג פקודי

## לאמיר ארייַנבליקן אין דעם ענין

# איז סעודת 'שלישי למילה' א חיוב?

# און אויב נישט וואס איז דאס יא?

### דער מקור פון שלישי למילה און די חשיבות דערפון

די ערשטע מקור וואו מיר זעהן דעם ענין פון 'שלישי למילה' איז אין די הייליגע תורה אין פרשת וירא, ווי דער פסוק זאגט "וירא אליו ה' באלוני ממרא" - דער רבונו של עולם האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו נאכדעם וואס ער האט געטוהן דעם רצון ה' און מקיים געווען מצוות ברית מילה, און ווי רש"י ברענגט אראפ אויפ'ן פלאץ פון רבי חמא בר' חנינא, איז עס געווען דער דריטער טאג פונעם ברית, 'יום שלישי למילתו', ווען הקב"ה איז געקומען אים באזוכן און פרעגן וואס ער מאכט. שפעטער דערציילט אונז די תורה איבער די סעודה וואס אברהם אבינו האט נאכדעם צוגעשטעלט פאר די מלאכים.

דער מקור צו די ווערטער פון רש"י איז די גמרא אין מסכת בבא מציעא (דף פו:) וואו עס שטייט אז עס איז געווען דער דריטער טאג נאכ'ן ברית מילה האט הקב"ה ארויסגענומען די זון פון איר האלטער כדי נישט מטריח צו זיין אברהם אבינו מיט'ן עסק פון הכנסת אורחים אינעם יום שלישי למילה.

מיר זעהן דערפון אז די סעודה פון שלישי למילה איז נאך פארגעקומען ביים סאמע ערשטן ברית מילה, און הקב"ה בכבודו כביכול האט זיך דארט משתתף געווען.

פאלגענד וועלן מיר אראפברענגן מקורות און טעמים אין די גרויסקייט פון די נושא, לאמיר כאפן א בליק אין ספר הנהגת מהרש"ל וואס איז נתחבר געווארן דורך דער גרויסער תלמיד פון מהרש"ל, וואס איז באקאנט אלס דער מטה משה, וואס ווערט כסדר אראפגעברענגט אין מגן אברהם, וואס שרייבט (אות נ):

'מיין רבי דער מהרש"ל האט געזאגט, אז ס'איז גרעסער די סעודה של מצוה פון שלישי למילה, פון דעם יום המילה אליינס, ווייל סעודת שלישי למילה שטייט ארויס קלאר אין די תורה, אז אברהם האט געמאכט א סעודה, ווידער די יום המילה לערנט מען ארויס דורך א לימוד, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כא ח) 'ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק', און מען דרש'נט ביום ה' ג' מל, און אזוי האט ער געהערט פון זיין שווער רבי קלונימוס'.

און אין ספר טעמי המנהגים זעהט מען נאך שטארקער, ער ברעגט צו די מימרא פונעם הייליגן מהרש"ל פון ספר נגיד ומצוה מיט א לשון 'חיוב'!

וז"ל: דער מהרש"ל האט געזאגט אין נאמען פון זיין זיידן, אז עס איז א גרעסערע 'חיוב' צו מאכן א סעודת שלישי למילה, ווי א סעודת ברית מילה, ווייל אויף די סעודת ברית איז נאר דא א רמז אין די תורה, ווידער די סעודה פון שלישי למילה, שטייט ארויס בפירוש אין די תורה, ווי אברהם אבינו האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר די מלאכים, אינעם דריטן טאג פון זיין ברית מילה'.

עס כאפט התפעלות צו זעהן אזעלכע מורא'דיגע ווערטער, און דער אמת איז אז אפי' אין די מקומות וואס עס איז נישט אנגענומען געווארן אלץ א חיוב זעהט מען אויך מורא'דיגע דיבורים בנוגע דעם טאג ווי מיר וועל דא אראפברענגען ווערטער פון הייליגע צדיקים שרפי מעלה אבותינו ורבותינו הקדושים:

אין ספר דרך פקודיך פון הייליגן 'בני יששכר' שרייבט ער אז אין פיל מקומות איז דא וואס זענען 'מדקדק' צו מאכן א סעודה אויך אינעם דריטן טאג פון די מילה, און דאס האט א סמך, פון די סעודה וואס אברהם אבינו האט געמאכט פאר די מלאכים, וואס ס'איז דאן געווען דער דריטער טאג פון זיין מילה.

אזוי אויך איז באקאנט אז הגה"ק דער חידושי הרי"ם פון גור זי"ע, האט זייער מחבב געווען דעם יום שלישי למילה, ווייל ער פלעגט זאגן אז "ביים ברית מילה פון אברהם אבינו זענען נאר געווען אבימלך, שם ועבר, אבער ביי שלישי למילה איז הקב"ה אליין בכבודו ובעצמו געקומען זיך משתתף זיין!"

און דער שפעטערדיגע גערער רבי דער בעל אמרי אמת זצ"ל האט געזאגט: ביי יעדן ברית קומט אליהו הנביא, ביי יעדע שלישי למילה קומט אברהם אבינו ע"ה. (אמרי אמת, לקוטים דף צו ד"ה בכל).

אין ספר מעשה יחיאל (פ' וירא אות יג) שטייט, אז הרה"ק רבי אליעזר מאזיפאלע זצ"ל האט געזאגט אמאל, אז אויך אינעם פסוק 'ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק', וואס תוספות ברענגט דערויף דעם רמז, אז ער האט אים גע'מל'עט ביום ה"ג, וואס באטרעפט אכט, און געפראוועט דעמאלט א משתה גדול, איז אויך מרומז די סעודת שלישי למילה, 'ביום הג' - מל'.

אין ספר מנהגי קומרנא ק"י שטייט, אז אין קאמארנא האט מען זיך נוהג צו מאכן א סעודה פאר שלישי למילה, און אין ספר 'מנהגי וורמייזא' פון רבי יוזפא שמש (ח"ב אות רמג) ווערט געברענגט א מנהג איבער סעודת שלישי למילה, ווי פאלגענד: שחרית נאכ'ן ארויסגיין פון שול קומען די נשים וואשן דאס קינד, און די רעביצין שטייט אין שפיץ, דער בעל ברית מאכט א סעודה נאך חצות, און דאס ווערט גערופן 'שליש המילה'.

דער בעל שמחה רופט אליין די געלאדענטע, נישט דורכ'ן שמש, דער מנהג איז צו לאדענען דעם סנדק, דעם מוהל און טייל קרובים און שכנים. מ'פירט זיך נישט צו רופן צופיל מענטשן צו דער סעודה. מאנכע ווילן זאגן אז די סעודה האט מען איינגעפירט אויף נאך חצות אזוי ווי די סעודה וואס אברהם אבינו האט געפראוועט 'כחום היום'.

מען זעהט פון די אלע אויבנדערמאנטע מימרות פון צדיקים די גרויסע מצוה און שמחה וואס איז דא אין 'סעודת שלישי למילה' און אז אין געוויסע מקומות איז דאס געווען אנגענומען ווי א מנהג.

און עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס זענען געווען אויסגערופן מיט'ן פראווען אויף א גרויסן פארנעם די סעדות שלישי למילה. אין ילקוט אוהב ישראל שטייט אז ביים הייליגן אפטער רב זי"ע פלעגט עס געפראוועט ווערן מיט געוואלדיגע שמחה און מ'האט דערביי אפגעראכטן א סעודה גדולה און א טיש.

און פון הגאון בעל אבני נזר איז באקאנט אז ער האט זייער מחבב געווען די סעודת שלישי למילה (אוצר הברית פט"ו ח"ב)

אויף הרה"ק דער "בת עין" פון אווריטש זי"ע דערציילט מען, אז ער פלעגט ענדערש גיין צו א סעודת שלישי למילה ווי צו א ברית מילה. זאגנדיג אז ביי א ברית מילה קומט אליהו הנביא, און ביי שלישי למילה קומט דער באשעפער אליין, ווי מיר געפינען ביי אברהם אבינו (מזקנים אתבונן).

און הגאון רבי אברהם ראפאפארט זצ"ל, איידעם פון הרה"ק רבי שמואל סלאנימער זי"ע בעל "דברי שמואל" שרייבט אין א בריוו צו חסידים בשם זיין שווער אויף שלישי למילה:

כ'וועל זיי מודיע זיין וואס כ"ק אדמו"ר דער דברי שמואל זי"ע האט געזאגט אויף א ברית מילה, איבער דעם וואס הרה"ק בעל בת עין מאווריטש זצללה"ה איז נישט געגאנגען צו קיין סעדות ברית מילה נאר אויף סעודת שלישי למילה.

בס"ד

פת שחרית אין בית המדרש איז די גרעסטע פעולה פון השתדלות פאר ישועות און ממשיך זיין השפעות טובות אין אלע הינזיכטן

פארוואס?

ווי מיר ווייסן אז די גמ' אין ברכות זאגט:
'אם שגורה תפילתו בפיו ווייסט ער אז זיין תפילה איז אנגענומען
אז א מענטש זעהט זיין תפילה פארט געשמאק איז א סימן אז ער
פועל'ט אלעס גוטס

אז עס איז צוגעגרייט 'פת שחרית'
- זאגן אידן עדות - אז עס
דאווענט זיך געשמאקער

און אוודאי ווען דער איד זעהט ווער עס איז
מנדב די סעודה האט ער אים אינזינען און
ער ווערט געהאלפן מיט כל השפעות טובות

אויב ווילט איר מנדב זיין א סעודת פת שחרית אין די בתי מדרשים רופט:
646-481-8186

בס"ד

# Manfield Development

# אומגלויבליך!
## עטליכע 50 הייזער!

San Antonia Circle, Blooming Grove



GREAT LOCATION,
Center of South Blooming Grove

SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL

MK REALTY
Residential & Commercial

845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com

48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

משה שמחה קויפמאן
לייסענס# 10311206102
845.537.0475

אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס# 10401304475
845.662.3574

דוד לייב קרויס
לייסענס# 10401317322
845.274.3765

נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס# 10401300864
845.728.1429

אברהם חיים לעווי
לייסענס# 10401327281
845.238.1162

אברהם הערש גפן
לייסענס# 10401378950
845.774.9810

# רעוואָלוציאָנערישע דירות־דורכברוך אין ׳דרום קרית יואל׳ טראַנספאָרמירט נייער דירות־עפּאָכע וואָס טוישט קרית יואל אויף אייביג!

### דורכברוך אין בלומינג גראָוו אומגעגענט מיט׳ן אויפקום פון יחידים וואָס בויען שפּאָגל–נייע דירות געביידעס וואָס פאַרקויפט זיך פאר מעסיגערע פרייזן

## אַ פאַקטישער מציאות צו בויען 2 גרעסערע דירות אינאיינעם מיט 2 קלענערע דירות יוניטס אין איין סעמי–אַטעטשט געביידע אויף יעדע איינציגסטע לאַט אינערהאַלב בלומינג גראָוו

**אַ נייער קאַפּיטל עפענט זיך אין די סצענעס פון קרית יואל רבתי:**

**פריוואַטע שפּאָגל–נייע דירות, פאר מעסיגערע פרייזן! | מ׳בויט עס מתחילה אַז מ׳זאָל קענען וואוינען עקסטער אַ משפחה אויבן און עקסטער אַ משפחה אונטן | אַלעס געהערט פאר באַזונדערע ׳יחידים׳ וואָס טוט האַלטן סטאַביל די פרייזן דורך אַ אָפענע מאַרקעט**

אָט אויף דעם האָט קרית יואל געוואַרט! אַ רעוואָלוציאָנערישער מציאות וואָס איז דורכברעכנד ביז גאָר שטייט פאַר אונז כהיום יום. אַ ׳פאַקטישער׳ ברעכנדער-רעאַליטעט אינעם דירות-קריזיס, וואָס איז קיינע פּלענער, קיינע צוגעזאגעכצער, קיינע חלומות; מ׳רעדט פון אַ ווירקליכקייט וואָס קומט פאָר צופיסנס פון אַלט-קרית יואל, אַ וואָרהייט וואָס ׳האַלט שוין אינמיטן פּאַסירן׳ עין בעין יראו, וואָס דער ציבור באַגרייפט בכלל נישט וואָס דאָ שפּילט זיך אויס אין די יעצטיגע תקופה, ווייל אויב וואָלט דען דער ציבור דאס באַגריפן, וואָלט עס מער נישט געווען קיין מציאות... אַלעס וואָלט צוכאַפּט געוואָרן נאָך איידער עס אַרויסלייגן אויפ׳ן מאַרקעט.

מ׳רעדט דאָ פון דער הערליך-שפּרודל׳דיגן געגענט אין ׳דרום קרית יואל׳ אונטער דער אידישער פירערשאַפט פון ׳ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו׳, וואָס דאָרט האָט מען אין די לעצטיגע וואָכן אַריינגעטראָטן אין אַ נייע עפּאָכע, פון אַ דירות מאַרקעט פון צענדליגער פריוואַטע ׳יחידים׳ וואָס פאַרקויפן ׳שפּאָגל-נייע׳ הייזער, וואָס אַנטהאַלט אין זיך רחבות׳דיגע אָפּ-ענד-דאַונס, צוזאַמען מיט הערליכע וואָלק-אין דירות, פאר מעסיגערע פרייזן, וואָס גרייכט ביז נישט העכער ווי $300 פער ס.פ. און דער לעזונג אינעם דירות-קריזיס איז פילפאַכיג מיט אָט דער ברעכנדער-מציאות, ווי מיר ווען דאָ אויפוויקלען.

## ׳וואָכנשריפט׳ מיט איר ׳ופרצת׳ מיסיע

קרית יואל רבתי. - געווען איז עס מיט כמעט 9 יאָר צוריק, ווען מיר דאָ אינעם ׳וואָכנשריפט׳, האָבן ׳אויפגעדעקט׳ איבער דעם גאָלדן-גרוב וואָס רופט זיך ׳בלומינג גראָוו׳, ווי מ׳דאַרף מער נישט שרייען און ליאַמערן וועגן אַ דירות-קריזיס, און מ׳דאַרף אויך מער נישט טראַכטן וועגן אַראָפּברענגען די הימל-שרייענדע פרייזן וואָס קרית יואל האָט דאַן געזען - וואָס האַלט היינט ליידער פי כמה מער, און ווען איר גייט ליינען דעם אַרטיקל איז עס שוין זיכער מיט עטליכע דאָלאַר מער פער ס.פ.... - נאָר אַנשטאָט, קען מען טון צו די זאַך, און אָנהייבן אַ ׳ופרצת׳ און ׳וכבשוה׳ עפּאָכע!

נעמליך, פשוט און פראָסט, מ׳ציעט זיך אַרויס צו אַ מייל צוויי אָדער עטליכע מייל אַרויפּציה, וואו מ׳קען באַקומען הייזער פאר האַלב (!) פרייז וואָס מ׳קען באַקומען אין אַלט-קרית יואל, און נאָכדערצו מ׳קען דאָרטן געניסן פון אַ הערליכער רואיגער געגנט, נישט קיין סיטי-סטייל צוזאַמגעקוועטשטע דעוועלאָפּמענטס. און יאָ, מ׳קען דאָרטן זען מיט די אייגענע אויגן וואָס דאָס מיינט גרינע גראָז.. אַ זאַך וואָס אין אַלט-קרית יואל ווייסט מען שוין נישט היינט וואָס דאָ מיינט.

הפּנים, דאַן האָט עס אין אָנהייב אויסגעקוקט ווי אַ חלום. מאַנכע האָבן עס אפילו פּרובירט אָפּצושטעלן, האָפּענדיג און צילנדיג אַז דאָס זאל נישט שאָדן מאַכן די אויפגעשוואָלענע פרייזן פון אַלט-קרית יואל. אָבער וואָך-איין וואָך-אויס האָבן מיר אין די ׳וואָכנשריפט׳ אויפגעדעקט דער פריידיגער ׳לעזונג׳ וואָס פאַרלאַנגט זיך נישט קיין דראַמאַטישע שריט דאָס דורכצופירן. נישט מיט קיין דעוועלאָפּמענט אָדער ענליכס. סך הכל דאַרף מען זיך אַרויסציען, עטליכע משפחות אויפאַמאָל, און דאָס איבריגע וועט זיין היסטאָריע.

מיר וועלן נישט יעצט איבערגיין די מאַכטפולע דורכברוך וואָס האָט דאַן פּאַסירט, ווייל דאָס האַלט דאָך יעדער מיט עין בעין מיט אַזאַ




הערליכע סקיצעס פון פּילצאַליגע הייזער וואס ווערן שוין פאַקטיש געבויעט אין קרית יואל רבתי

קוועלנדיג-פריידיג האַרץ! ברוך השם אַז מיר האָבן געהאַט דער יד דערין, און מיט די ריכטיגע השתדלות האָבן מיר דערגרייכט אַזאַ היסטאָרישער מציאות, אַז היינט צוטאָגס זענען שוין פאָרמירט געוואָרן ארום 24 געגענטער רינגס אַרום אַלט-קרית יואל, ביז גאָר מיילן מיילן ווייט. ועל כולנה איז טאַקע דער 'נחשון' געגענט, די ריזיגע שטחים אין סאַוט בלומינג גראָוו וואָס איז זינט דאַן געוואָרן אַ טייל פון קרית יואל רבתי, אַ זאַך וואָס דאַן האָט נישט יעדער געוואָלט איינזען דער מציאות, אָבער איז שוין היינט אַ 'פאַרגעסענע' שטיק היסטאָריע אַז דאָס איז אַמאָל געווען אַ פאַרשטופטע געגענט מיט קיינע אידישע איינוואוינער.

## בלומינג גראָוו דער שפּרודל'דיגן עיר ואם בישראל

כהיום הזה דאַרף מען נישט דערציילן סודות, ווייל דאָס זעט דאָך יעדער מיט די אייגענע אויגן, ווי די שפּרודל'דיגן בלומינג גראָוו אומגעגנט איז אַזוי אומגלויבליך אויסגעשטיגן אַלס אַן עיר ואם בישראל, און איז געוואָרן געקרוינט מיט אַ טויזנט פּראָצענטיגע סוקסעס, נעמליך, ס'וואוינען שוין דאָרט היינט צוטאָגס אַריבער 400 משפחות מסלתה ומשמנה וואָס כלל ישראל פאַרמאָגט, אָפּגערעדט פון די פּאָטענציאַלן מיט נאָך 'טויזנטער' דירות וואָס וועלן בעז"ה אַרויפקומען אין די קומענדיגע תקופות נאכ'ן דורכגיין אַלע ביוראָקראַטישע פּראָצעדורן, וואָס טייל דעוועלאָפּמענטס האַלטן שוין טיף אינמיטן, און עטליכע וועלן גרייכן צו האָבן די פּערמיטן גאָר אינגיכן בס"ד.

ס'זענען שוין אויפגעבויעט געוואָרן 13 הערליכע בתי מדרשים, דורך אַלע קהלות קדושות פון קרית יואל יע"א, צענדליגער פּראַכטפולע געשעפטן, 2 ריזיגע סופּערמאַרקעטס, אַ ריזיגע זעקס-שטאָקיגע ביזנעס-סענטער, אַ העכסט-פּראָפעסיאָנאַלע עירדזשענט קעיר, און אַ ריי ביזנעסער געפינען זיך שוין סטאַנציאָנירט אינעם בלומינג גראָוו געגענט.

געניטע אויסגעשטעלטע רוטס פון די באַרימטע 'סאַוט בלומינג גראָוו שאָטל' נעמט דעם ציבור אנשים נשים וטף צו אַלט-קרית יואל עטליכע מאָל אין טאָג, צו קענען איינקויפן אין די געשעפטן וואָס געפינען זיך נאָכנישט אין בלומינג גראָוו. און דאָס זעלבע פירט דאָס דער ציבור פון אַלט-קרית יואל צו קענען אָנקומען שנעל און גרינג צו בלומינג גראָוו, צו הנאה האָבן פון די רחבות'דיגע געשעפטן און בתי מדרשים מיט וואָס דער געגענט איז באַרימט. בעז"ה מיט דער צייט, ווען דער ציבור התושבים וועט מער וואַקסן, וועלן די שאָטלס אָנהייבן מיט די 'יעדע 15 מינוט רוטס' גענוי אַזויווי דער ווילעדזש אָוו קרית יואל האָט אַדאָפּטירט מיט די הילף פון די קאַונטי וואָס שטעלן צו די פאָנדן דערויף, דאס זעלבע האָפט מען וועט מען בקרוב קענען נאָכמאַכן אינערהאַלב די גרעניצן פון ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו.

די צדקה וחסד וואָס קומט אַרויס פון אָט די הערליכע געגנט איז אַ שם דבר אומעטום. די נאָבעלע לעבנסשטייגער פון ערליכע היימישע משפּחות וואָס לעבן אַזוי באַשיידן און רואיג, הנאה האָבנדיג פון די ריינע לופט, איז עפּעס וואָס יעדער לעכצט איין טאָג דאָס צו קענען מיטלעבן. די ברידערליכע באחדות'דיגע שטימונג איז עפּעס וואָס דערהייבט יעדן יחיד מתושבי השכונה.

ס'איז מער נישט קיין רעדע אַז 'ווען דאָס גייט זיין אַ געגנט' גיי איך טראַכטן פון אַהינמופן... ווייל דאָס איז שוין היינט אַ הויפּט אונטערלאַגע פון אַלט-קרית יואל, און האָט אין געציילטע יאָרן ערוואָרבן דעם אויסצייכענונג פון 'ופרצת' אויפ'ן העכסטן פאַרנעם!

אז מען קוקט אריין טיפער און מען באַלעבט די וואונדערליכע פאָרשריט פון דער שטאָט, טוט דאס ערוועקן שטוינונג און עס לאזט זיך שווער גלייבן. א גאר אינגער שפּאָגל נייע געגענט האט אין געציילטע קאַרגע יאָרן באַוויזן זיך צו דעראָבערן אַ סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, מיט היימישע אינגעלייט וועלכע זענען אינסטרומענטאַל אין אַלע רעגירונגס פיליאלעס, און שטאַפּל נאָך שטאַפּל ווערט אויסגעטרעטן מאַכטפולע פאָרשריט אויפצובויען די שטאָט אַלס ריזן עיר ואם בישראל אין יעדן אַספּעקט.

עס בלייבט יעדער פאַרגאַפט, איבערגענומען און שפּראַכלאָז. אט דא ביי אונז אין הויף, אין סאַמע האַרץ פון בלומינג גראָוו טוט זיך אויסברייטערן די גרעניצן פון שטאט קרית יואל לימין ולשמאל. אט וואקסט עס און עס בליעט און גייט פאראויס מיט א העכערע כח און בליעט 'נוסח סאטמאר' אָן אָפּשטעל.

מיר אין "וואָכנשריפט", אַלס די אַנערקענטע שופרה של העיר קרית יואל, וועלכע שפּילט אַן אונטעגראַלע ראָלע אין הרחבת גבולי העיר ב"ה, ברענגען אייך אַצינד אַן עטוואָס ברייטערע איבערבליק איבער אַ פרישער דורכברוך-מציאות וואָס דער ציבור באַגרייפט נישט וואָס דאָס באַדייט! אָבער אַצינד וועלן מיר בעז"ה אויפוויקלען אן אומגלויבליכער רעוואָלוציאָנערישער פאַקטישער וואָרהייט וואָס מ'דאַרף נאָר הערן דערפון און אָט וועט דאָס אַריינגיין אין די נייע נאָרמע פון 'ופרצת' בתוכּכי קרית יואל רבתי.

## דער שווערער קריזיס אין אַלט-קרית יואל



# די אומגלויבליכע רעוואָלוציע דערפון איז פילפאַכיג:

**1:** אין בלומינג גראָוו ווען יחידים בויען, איז ב"ה דאָ גענוג וואַסער און סוער צו ווערן גלייך אַפּראָווד צו קענען בויען. דאָס איז בנוסף צו דעם אַז די גרעסערע דעוועלאָפּערס וואָס בויען יאָ דעוועלאָפּמענטס קויפן איין אַן אייגענע 'סוער-פּלענט' וואָס איז היינט צוטאָגס נישט קיין שווערע זאַך צו טון, וויבאַלד ס'זענען דאָ מערערע קאָמפּאַניס וואָס בויען אויף פּלענטס וואָס מ'קען איינרישן אין די דעוועלאָפּמענט.

**וואָס דאָס מיינט אַז יעדער יחיד פאר זיך וואָס האָט אַן אַלטע הייזקע, קען שנעל און גיך ווערן אַפּראָווד צו אויפבויען אַ סעמי-אַטעטשט שפּאָגל-נייע הויז מיט פיר יוניטס אין זיך.** וואָס ווי געזאָגט איז עס פולקאָם לעגאַל, און בקרוב וועט דאָס ווערן בעז"ה אַן אָפּיציעלער סעיף אין די זאָונינג געזעץ.

**2:** אַ דעוועלאָפּמענט דאַרף טאַקע דורכגיין שווערע ביוראָקראַטישע פּראָצעדורן, וואָס פאַרשלעפּן די גאַנצע פּראָיעקט. **אָבער דאָ רעדט מען פון צענדליגער צענדליגער 'פּריוואַטע' שטחים וואָס איז נישט אונטער דעוועלאָפּערס,** נאָר יעדער פאר זיך בויעט עס אויף, וואָס אויף דעם ווערט מען שנעל און געשווינד אַפּראָווד בס"ד אָן דורכגיין אַלע ביוראָקראַטישע אָפּהאַלטונגען.

וואָס באַדייט אַז אונטער אַ יאָר קען אַ הויז שטיין פּיקס פאַרטיג! און נישט נאָר אַז ס'קען, נאָר עטליכע הייזער זענען שוין פאַקטיש אויפגעבויעט געוואָרן אונטער אַ יאָר, און בעז"ה אויף דעם פסח הבעל"ט גייען עטליכע גליקליכע קונים זיך אַריינציען דערין בשעה טובה ומוצלחת.

**3: דאָ איז יעצט די רעוואָלוציע אז די דירות ווערן אויסגעשטעלט מתחילה אויף אַ וועג צו קענען וואוינען עקסטער אויף די אויבערשטע צוויי שטאָק, און עקסטער אויף די אונטערשטע שטאָק.** אויף דערווייל קען מען עס קויפן בשותפות די אויבערשטע קונה צוזאַמען מיט'ן אונטערשטן קונה (אָדער פאַרקערט) וואָס אויף דעם איז גרינג צאַמצושטעלן שותפים לדבר מקח. און בעז"ה דורך די אימערמידליכע אַרבעט פון די געטרייע עסקנים און ווילעדזש באַאַמטע האָפּט מען בקרוב בס"ד וועט ווערן אָפיציעל דער געזעץ אָן דאַרפן צוקומען צו די שותפות צו קויפן אין איין 'דיעד'.

וואָס מאַכט אַז דער פּרייז פון אַזאַ גרויסע אָפּ-ענד-דאַון הויז, קאָסט צווישן אַכט און ניין הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָס איז שוין אַ זאַך וואָס מ'קען זיך יאָ ערלויבן בעז"ה.

**4: וויבאַלד מ'בויט עס מתחילה די אויבערטשע צוויי שטאָקן פאַר זיך, באַקומט יעצט דער כולל אינגערמאַן אָדער דער נידריגע-פאַרדינער, אַ גלעצנדע אָפּציע, צו קענען אָפּקויפן די אונטערשטע 5-6 רומיגע דירה, פאַר פינף הונדערט טויזנט דאָלאַר** (לעת עתה בשותפות, און בקרוב אי"ה אין די אפיצילע געזעץ). **אַ זאַך וואָס איז נישט געווען במציאות די לעצטע 10 יאָר אין קרית יואל.**

**5: דער שפּיץ פונעם רעוואָלוציע! דאָ רעדט מען נישט פון דעוועלאָפּמענטס! מ'רעדט דאָ פון יחידים. פּינטל. וואָס באַדייט ס'איז אן אָפּענע מאַרקעט! דאָס הייסט, פּשוט פּשט: די פּרייזן הייבן זיך נישט!**

**ווער ס'ווייסט וויאַזוי די האַוזינג מאַרקעט גייט צו, זעט דאָ אַ דורכברוך שאין כדוגמתו, וואָס קרית יואל האָט נישט געזען די לעצטע 20 יאָר!**

און וויבאַלד מ'רעדט דאָ פון ענדלאָזע 'פּריוואַטע שטחים' וואָס געהערן פאר יחידים, וועלן די פּרייזן בדרך הטבע נישט שטייגן, נאר די קאמפּעטישאָן וועט זיין ווער ס'קען האָבן מער ביליגע פּרייזן....!

אָט דערפאַר זענען די פּרייזן אַצינד ב"ה מעסיג ביליג. וויבאַלד מ'רעדט דאָ פון צענדליגער יחידים וואָס יעדער פאַרמאָגט אַ לאַט אָדער צוויי.

**נאָכמער, יעדע עטליכע לאַטס ליגט ביי אַ צווייטע בראוקערידזש קאָמפּאַני וואָס לייגן עס אַרויס צום ציבור,** וואָס דאָס ברענגט אויך צו אַז קיינער 'מאַכט נישט אָפּ' קיין פּרייזן, ס'איז אַ קאָנקורענץ ווער ס'קען האָבן בעסערע פּרייזן!

יעדער ווייסט אַז אין אַלט-קרית יואל בויען זיך כהיום אך ורק גרעסערע דירות-פּראָיעקטן, ברייטערע דעוועלאפּמענטס, קאַנדאָוס מיט מערערע בנינים אינאיינעם, וואָס דאָס נעמט אַוועק די גאַנצע 'באַגריף' פון דער אָפּסטעיט ליווינג סטייל, וויבאַלד היינט צוטאָגס וואוינט מען שוין כמעט-אַזוי צוזאַמגעשטופּט ווי אין די סיטי, מיט הויכשטאָקיגע געביידעס, אָבער מיט די גרויסע דעמענד מוז מען אַזוי בויען.

שוין יאָרן לאַנג וואס עס איז מער נישט פאַרהאַנען דער מציאות צו קענען קויפן אַ לייטישע פּריוואַטע דירה, אפילו פאר העכערע פּרייזן. "פּריוואַטע" דירות, רחבות'דיגע גרויסע הייזער. נישט גרויסע געביידעס מיט פילע אַפּאַרטמענטס דערינען, נאָר שענערע און ברייטערע דירות, א שטייגער ווי מען האט געבויעט אין קרית יואל ביז מיט 15 יאר צוריק, וואָס פאַרמאָגט די אויסטערלישע מעלה פון "פּריוואַטקייט", איז שוין מער נישט בנמצא! ווער רעדט נאָך פון האָבן אַ שטיקל בעק-יאַרד אין דער זייט, איז מאן דכר שמי'.

רעדנדיג פון די פּרייזן פאַלט פּשוט אַ טרער פון די אויגן, צוזעענדיג ווי די פּרייזן שטייגן מיט יעדן טאָג אויף אַלע סייזעס דירות, און דער פּשוט'ער אינגערמאַן קען זיך פּשוט מער נישט ערלויבן צו קויפן אַ לייטישן דירה'לע אין קרית יואל, וואָס האָט אַריינגעשלעפּט די גאַנצע דירות מאַרקעט אין אַ היסטאָרישן קריזיס, סיי אַז ס'איז נישטאָ גענוג דירות אויף די מאַרקעט, און סיי מיט די הימל-שרייענדע פּרייזן וואָס דאס הארץ טראָפּט בלוט נאר הערנדיג וויפיל ס'קאָסט היינט פּער סקווער-פיס!

נאָך אַ גרויסע פּראָבלעם וואָס אַלט-קרית יואל האָט, אַז ווען איינער האָט שוין יאָ עפּעס אַוועקגעלייגט זיך צו קויפן אַ פּאַסיגן דירה, מוז ער יעצט וואַרטן עטליכע יאָר ביז ווילאַנג די דעוועלאָפּמענט ווערט פערטיג, ווייל צו קויפן אַ פערטיגע דירה קאָסט דאָך מיט עטליכע הונדערט-טויזנט-דאָלאַר מער, און ווען די דעוועלאָפּמענט איז שוין ענדליך גרייט, פאַנגט זיך אן די פּראָבלעמען צו ווערן אַפּראָווד פאר וואַסער און סוער, און פאר וואָס-ווי-ווען דארף שוין דער אינגערמאַן אַ פיל גרעסערע דירה ווי ער האָט געקלערט מיט פינף יאָר צוריק ווען ער איז אריינגעשפּרינגען צו אַראָפּלייגן דעם דאון-פּעימענט..

אָפּגערעדט אַז די אַלע יאָרן ביז ווען ענדליך ענדליך מ'קען זיך שוין אַריינציען, לעבט ער אָבער דערווייל אומגעהויער צושטופּט, ווייל אַגאַנצן צייט טראַכט מען נאָך איין יאָר.. נאָך עטליכע חדשים.. אָבער דערווייל לעבט מען מיט בעטן אין דיינינג-רום, און מיט קוים פּלאַץ צו אָטעמען.

## רעוואָלוציע טראַנספאָרמירט צו אַ גענצליך נייער מציאות!

זאָל שוין פון די ערשטע מינוט - איידער מיר גייען אַריין ברייטער אינעם מציאות - ווערן קלאָר אַרויסגעזאָגט: דאָס וואָס מיר גייען דאָ אַצינד אויפּוויקלען רעדט מען עפּעס וואָס מער איינוואוינער וועלן עס קענען בעז"ה אַפּאָרדען.

אָט לעבט מיט דער נייער דערהער וואָס שפּילט זיך שוין אויס כהיום יום, די גליקליכע אַנטוויקלונגען, וואָס טייטשן אָפּ, אין באַשיינפּערליכן זינען פון וואָרט, דעם "וירבו ויעצמו במאוד מאוד".

## אַ נייער קאַפּיטל עפענט זיך אין קרית יואל רבתי: פּריוואַטע דירות, פאר מעסיגערע פּרייזן! |

## מ'בויט עס מתחילה אַז מ'זאָל קענען וואוינען עקסטער אַ משפּחה אויבן און עקסטער אַ משפּחה אונטן | אַלעס געהערט פאר 'יחידים' וואָס טוט האַלטן סטאַביל די פּרייזן

געוויס לאַכט איר זיך אונטער. איך קען שוין די מעשיות... מ'האָט אַלעמאָל גערעדט, און יעצט ווידער..

אָבער ניין! פּלענער וועלן מיר לאָזן פאר אַנדערע. חלומות ווילן מיר לאָזן אַנדערע צו חלומ'ען און אויסטראַכטן, מיר רעדן יעצט פון אַ מציאות וואָס 'האַלט שוין אינמיטן פּאַסירן'!

נאָר מ'האָט עס נישט געהעריג אַרויפגעברענגט אויפ'ן באַוואוסטזיין ביז מיר נעמען די פעדער אין די האַנט אַריין. ס'איז אַ רעוואָלוציע אין פולן זין פון וואָרט וואָס 'טוישט' קרית יואל אויף אייביג!

## ווינטער תשפ"ד טרעט קרית יואל אַריין אין אַ דורכברעכנדע תקופה וואָס האָט נישט זיינס גלייכן ביז איצטערט!

ס'רעדט זיך טאַקע פון אָט די בליענדע דרום קרית יואל וואו ס'געפינט זיך דער באַרימטע בלומינג גראָוו געגנט, ס'האָט אַלע מעלות וואָס אַלט-קרית יואל כלפּי דער חלק אַז ס'איז הייליג און אָפּגעהיטן, ובנוסף קומט צו די מעלות אַז ס'איז הערליך שיין און רואיג, מיט קיינע סיטי-סטייל ליווינג. און אַלעס וואָס מיר האָבן שוין אויסגעשמועסט אין אָנהייב פון דעם אַרטיקל.

אין די לעצטע שטיק צייט איז מען 'אויפגעקומען' מיט אַ געניאַלן געדאַנק - אַ זאַך וואָס איז נישט מער ווי באַשערט מ'זאָל דאָס נישט האָבן באַגריפן ביז היינט - אַז יחידים וואָס פאַרמאָגן אַלטע הייזקעס וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט פאר עכט ביליגע פּרייזן מיט עטליכע יאָר צוריק, נעמען זיך דאָס אַראָפּצוּוואַרפן און מ'בויעט אויף פונדאָסניי פון 'סקרעטש' אַ סעמי-אַטעטשט הויז וואָס פאַרמאָגט צוויי גרויסע 'אָפּ-ענד-דאַונס' און צוויי קלענערע 5-6 רומיגע דירות אויף די ערשטע שטאָק.

מ'האָט גרונטליך אַריינגעטראַכט אינעם זאָונינג געזעץ, און מ'האָט באַשיינפּערליך געטראָפן דער מהלך צו קענען בויען אויף דעם אויפן אויף יעדע איינציגסטע לאַט וואָס האָט ביז היינט געהאַט איין הייזקע אויף זיך.










13 הערליכע בתי מדרשים, צענדליגע געשעפטן, 2 ריזיגע סופּערמאַרקעטס, אַ ריזיגע זעקס-שטאָקיגע ביזנעס-סענטער, אַ העכסט-פּראָפעסיאָנאַלע עירדזשענט קעיר, און אַ ריי ביזנעסער געפינען זיך שוין סטאַנציאָנירט אינעם בלומינג גראָוו געגנט.

# ׳וואָכנשריפט׳ מיט אַ גרונטליכע איבערזיכט אויף דער נייער מציאות

׳וואָכנשריפט׳ האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף די יאַרכע צו באַקומען אַ בליק פונדערנאָענט אויף די יעצטיגע דורכברוך מאַרקעט, אָט האַלט מיט דער לעכטיגער מציאות:

ס׳האַלט ׳היינט׳ ביי גאַנצע ׳49׳ לאַטס פון יחידים וואָס זענען שוין ׳פולקאָם׳ אַפּראָווד און איז שוין אין די שטאַפּלען אויפצובויען אויף יעדע איינע אַ סעמי-אַטעטשט הויז. וואָס ווי געזאָגט, יעדע געביידע פאַרמאָגט פאר זיך צוויי גרויסע און צוויי קלענערע דירות. וואָס אינאיינעם מיינט דאָס אַז בשעת איר ליינט דעם אַרטיקל זענען שוין גרייט צו בויען 98 אָפּ-ענד-דאַונס, און 98 קלענערע יוניטס.

מאַכט אַליין דעם חשבון: 196 דירות וואָס זענען ׳גרייט׳ צו ווערן געבויעט היום יום.

דאַן קומט צו נאָך ׳צענדליגער׳ לאַטס וואָס זענען כמעט אַפּראָווד, אָבער נישט מיט קיין חלומות.. מ׳רעדט וואָס זענען בדרך הטבע גרייט צו ווערן אַפּראָווד בקרב הימים ממש. פשוט זיי האָבן אָנגעהויבן די פּראָצעדור שפּעטער, זענען זיי נאָך אין די ליניע צו ווערן אַפּראָווד.

ווי אַ געטרייער עסקן - וואס האָט זיך אַריינגעלייגט אין די לענג און די ברייט אַפּירצוקראַצן יעדע יחיד׳ישע לאַט וואָס וועט בעז״ה זיין גרייט צו בויען אָט אָט ממש - גיבט איבער רעדט זיך עס פון נאָך גאַנצע 69 לאַטס, וואָס יעדע לאַט מיינט אַ סעמי-אַטעטשט הויז, וואָס וועלן בעז״ה אין גאָר נאָענטן צוקונפט ווערן אַרויסגעלייגט אויפ׳ן מאַרקעט! דאָס איז חוץ די 49 בנינים (196 דירות) וואָס זענען ׳שוין יעצט׳ גרייט אויפ׳ן מאַרקעט.

אַלעס אינאיינעם באַטרעפט עס די אומגלויבליכע ציפער פון 472 דירות וואָס גייען זיין אוועילעבל בס״ד! פיר-הונדערט-און-צוויי-און-זיבעציג דירות!

וואָס האַלב דערפון זענען גרויסע אָפּ-ענד-דאַון, און האַלב דערפון זענען קלענערע סאָרט דירות.

אָפּגערעדט פון קוקן אַביסל ברייטער, וואָס בעז״ה אין די יעצטיגע תקופה גיבן נאָך און נאָך פריוואַטע יחידים אַריין די פּאַפּירן צו קענען אויפבויען אַ סעמי-אַטעטשט געביידע אויף זייער לאַט. וואָס גייט צוברענגען ׳טויזנטער׳ ׳נייע׳ ׳גרויסע׳ (און אַזוי אויך קלענערע) ׳פריוואַטע׳ דירות אינעם גאַנצן אומגעגנט. ווי מ׳הערט זענען דאָ ׳הונדערטער׳ לאַטס וואָס שטייען גרייט אַריינצוטאַנצן דערין בקרב הימים ממש.

און דאָ רעדט מען נישט פון אָפּקויפן אַלטע דירות, אָדער צוקוועטשטע דעוועלאָפּמענט דירות! דאָ רעדט מען פון שפּאָגל-נייע תשפ״ד דירות, און איבער אַלעם אויף אַ ׳פריוואַטן׳ פאַרנעם! און נישט אין הרי אררט, נאָר אין צענטער פונעם בליענדן בלומינג גראָוו געגענט!

# אָט דאָס איז וואָס מיר האָבן אַצינד אויפגעוויקלט, אַ זאַך וואָס האַלט שוין אינמיטן טוישן קרית יואל׳ס מאַרקעט, אויף אייביג !

דאָס טוט גענצליך אָפּראַטעווען די שטאָט קרית יואל רבתי בס״ד!

טראַכט אַריין וואָס דאָס מיינט, און זאָל דאָס נאָכאַמאָל אַרויסגעזאָגט ווערן: ס׳איז קיינע חלומות, ס׳פּאַסירט שוין! מ׳קען זיך ׳יעצט׳ איינהאַנדלען איינע פון די אָפּציעס וואָס מיר האָבן דאָ ברייט אויפגעוויקלט, און מיט יעדן טאָג קומען אַרויף נאָך און נאָך שפּאָגל-נייע הייזער אויף די מאַרקעט. וואָס די ריעלטי קאָמפּאַניס לייגן אַרויס צום ציבור, אָדער דאַרף מען זיך פאַרבינדן מיט זיי צו הערן אַלע אָפּענע אָפּציעס, וויבאַלד ס׳איז פשוט נישט מעגליך אַלעס אַרויסצולייגן צום ציבור.

**אַלזאָ, ס׳איז קלאָר אַז קרית יואל איז נישט די זעלבע אין די דירות מאַרקעט, בעפאָר ווינטער תשפ״ד, ווי נאָך ווינטער תשפ״ד.**

**אַן אומגלויבליכער רעוואָלוציע פּאַסירט יעצט, וואָס ׳יעדער יחיד׳ גייט פאַרדינען דערפון: אַ פריוואַטע סטייל הויז, שפּאָגל-ניי, פאר ביליג פער ס.פ. און ביליג פער גאַנצע אָפּקויף!**















# דבּי מדרשא

והרביעי יהי' קודש:

# "חלוקת חסדי גאלדא ורבקה" פארברייטערט בכמות ובאיכות לקראת יו"ט פסח הבעל"ט!

**בנדבת לבבו הטוב פון הטפסר המרומם, מוקיר ומחזיק תורה, הרבני הנגיד ר' אברהם בנימין קרויס שליט"א, מגדולי מחזיקי תורה בעירינו בכלל ולמען לומדי כוללינו בפרט**

צום פערטן יאר זינט די חלוקה איז געווארן איינגעפעדימט מיט די נדבות אדירות פון הרבני ר' אברהם בנימין הי"ו:

## חלוקה פילפאכיג אויסגעברייטערט מיט פיל "גרעסערע פראצענטן" אין "מערערע געשעפטן" איבער די גאנצע שטאט צו פארזיכערן די הונדערטער בני תורה טרעטן אריין אין יו"ט מיט הרחבת הדעת

שטייענדיג אין א שווערע יאר פון הויכע אינפלאציע פרייזן און גאר הויכע קאסטן אויף אלע פראדוקטן באווייזט די הנהלת הכולל אראפצוברענגן די ריזיגע פסח הוצאות פאר די הונדערטער לומדים

לומדי הכולל זענען מקדיש די לימודים לע"נ הרה"ח המרומם ר' הלל דוב גאנץ ז"ל בתוך ימי האבל לפטירתו

לעילוי נשמת ר' הלל דוב ב"ר מנחם משה גאנץ זכרונו לברכה

הגאון הדומ"ץ וראש הכולל שליט"א אינאיינעם מיט די געטרייע עומדים על הפקודים בהנהלת הכולל זענען מנחם אבל ביי בנו יבלחט"א הרה"ח ר' יואל שליט"א פטרון החודש פון "חבורת מחודדים" לע"נ מורו ורבו הגה"ק רמ"א פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים בעל עטרת יהושע

# שהשמחה במעונם

בשמחה ובטוב לבב הננו
מברכים ברכת מזלא טבא
למע"כ חו"ר כוללינו לרגל
שהשמחה במעונם

## הולדת הבן

הרה"ג ר' **משה יצחק טעללער** שליט"א
ב"ר נחום מרדכי הי"ו - חתן הרב ישעי' אשר אנשיל ווייס שליט"א

הרה"ג ר' **נחום עזריאל גרינהוט** שליט"א
בן הרה"ג רבי שבתי שליט"א מו"ץ בקהלתינו וראה"ח ושננתם - חתן ר' יושע מרדכי גאלדבערגער הי"ו

הרב **חיים ראזענטאהל** שליט"א
ב"ר מרדכי ישראל הי"ו - חתן ר' יוסף קעלנער הי"ו

## הולדת הבת

הרב **יצחק האראוויץ** שליט"א
בן הרה"ג ר' יואל שליט"א - חתן הרה"ג ר' אלטר טייטלבוים שליט"א

## אירוסי צאצאיהם

הרה"ג רבי **אלטר יעקב יצחק וואגשאהל** שליט"א
הבה"ח יקותיאל יודא נ"י
עב"ג בת הרב מנשה ראזענבערגער שליט"א (מאנסי)

הרב **יואל**ברא"א **שטערן** שליט"א
עב"ג הב' יששכר נ"י ב"ר יום טוב גלויבער הי"ו (מאנסי)

## נישואי צאצאיהם

הרה"ג ר' **יואל** ברט"צ **גראס** שליט"א
ר' שמואל נ"י
עב"ג בת מוה"ר אברהם שמואל עקשטיין הי"ו (מאנסי)

# לומדי הכולל באגריסן איינקויף פון הונדערטער ספרי קודש דורך גבאי חברה קנין ספרים בביהמ"ד הגדול צו בארייכערן דעם ריזיגן אוצר הספרים

אין די לעצטערע וואכן האבן די גבאי החק"ס איינגעקויפט הונדערטער פרישע ספרי קודש צו באשיינען און בארייכערן דעם ריזיגן אוצר הספרים אין ביהמ"ד הגדול וואס באדינט די הונדערטער לומדים מיט א ריזיגן אויסוואהל פון הונדערטער ספרי קודש בכל מקצועות התורה

**די נייע ספרי קודש איז איינגעקויפט געווארן לויט די פארלאנגען פון די לומדי הכולל וואס האבן איינגעצאלט סכום קצוב פער זמן פאר די חק"ס**

# נייער "קאווע שטיבל" פולקאם אויסגעשטאפירט מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען צו די הנאה פון הונדערטער לומדים

נייער קאווע שטיבל וואס איז סטאנציאנירט אין נייעם פליגל פון ביהמ"ד הגדול, איז אין די לעצטיגע טעג איינגעריכטעט און אויסגעשטאפירט געווארן מיט אלע נויטיגע מאשינען און וועט שטיין טעגליך אין באנוץ פון הונדערטער חובשי בי מדרשא

# הנהלת הכולל באווייזט ווידעראמאל אויסצוצאלן שכירות הכולל מידי חודש בחדשו טראץ שווערע פינאנציעלע מצב; מיט די הילף פון נדבות הלב פון הונדערטער תורתי שותפים און גרעסערע נדבות פון נדיבי לב מוקירי ומחזיקי תורה

שכירות ביז חודש אדר א' אויסגעצאלט היינטיגע וואך פרשת ויקהל

**הונדערטער תורתי שותפים זעהן געוואלדיגע הצלחה במעשי ידיהם בזכות החזקת תורה**

עקסקלוסיוו צום קרית יואל וואכנשריפט:

# זעלטן היסטאריש בילד פון כ"ק הגה"צ אבד"ק סיגעט זצוק"ל זייענדיג אין בערגן בעלזן נאכן קריג

## - פארעפנטליכט צום ערשטן מאל -

שטייענדיג אין די ימי האבל צו די פטירה פון כ"ק הגה"צ רבי יקותיאל יודא מייזליש זצ"ל אבד"ק סיגעיט, האט דער מערכת ערהאלטן א היסטאריש בילד משחר נעוריו פונעם רב זצ"ל אינעם בערגן בעלזן לאגער, וואס איז מיטגעטיילט געווארן דורך הרה"ג ר' אברהם בלויא שליט"א פון בראזיל-בני ברק (בעמח"ס "נחלת אבות").

רבי אברהם שליט"א איז ביים וועלט קריג געווען א קינד פון צוויי יאר אלט. ר' אברהם איז געבוירן אינמיטן קריג בשנת ת"ש אין די געטא. בעפאר האבן זיינע עלטערן געוואוינט אין בודאפעסט. נאך די קריג האט ער זיך צוריק פאראייניגט מיט זיינע עלטערן. בשעת די קריג האט מען גענומען זיין טאטע הרה"ג ר' משה בלויא ז"ל אין די אונגארישע מיליטער, רבי משה איז געווען א תלמיד פון מונקאטשער רב בעל מנחת אלעזר זי"ע.

זיין מאמע מיט די קינדער זענען געבליבן אין אונגארן. ביים קריג אויסברוך זענען אלע אינאיינעם אריין אין געטא וואו דארט איז רבי אברהם שליט"א געבוירן געווארן בגיא צלמוות. ביי די טויט-מארשן זענען זיי געגאנגען אינאיינעם די מאמע מיט די קינדער, אינמיטן איז אריבערגעפארן א באן, איז די באבע פלינק צוגעגאנגען צו די קינדער און אראפגעריסן זייערע געלע לאטעס און ארויפגעשפרינגען אויפן באן און אזוי געראטעוועט געווארן. די משפחה (בלויא) האט געהאט בלאנדע האר און בלויע אויגן וואס האט זיי געגעבן די מעגליכקייט זיך אויסצומישן צווישן די ארומיגע רייזנדע.

הרה"ג רבי משה איז נאכן קריג צוריקגעקומען און זיך פאראייניגט מיט די משפחה און איז געווארן אויפגענומען צו דינען לשרת בקודש אלס רב און מנהיג פון יענע אידן אין שטאט באדרייכנהאלט דייטשלאנד, דאן איז דייטשלאנד געווען צוטיילט צווישן עטליכע לענדער.

אין יענער תקופה האט זיך געמאכט א שמחת החתונה, ביי וועלכן דער רב ר' משה איז געשטאנען גרייט צו שטעלן די חופה,


RABBI H. MEISELS

צבי הירש מייזליש



אבער צוליב די ארימקייט איז פשוט נישט געווען קיין 'רינגל' צו געבן פאר די כלה צו מאכן דעם קנין. האט די רעבעצין מרת ברכה ע"ה אוועקגעגעבן איר אייגענע רינגל און דאס מקנה געווען פאר'ן חתן צו קענען גיין אונטער די חופה. די משפחה איז געווען ממש א זעלטנהייט ווען אלע קינדער אינאיינעם מיט די עלטערן האבן איבערגעלעבט דעם קריג מיט אויסנאם ניסים.

יענע חלק דייטשלאנד איז דאן געווען אונטער די אמעריקאנער הערשאפט, און פון דארט האט מען געקענט באקומען וויזעס קיין אמעריקא, אבער רבי משה וועלכע האט ענדערש געוואלט גיין קיין ארץ ישראל, איז ער אריבער די דייטשע גרעניצן פון אונטער אמעריקאנער שליטה צו די אנדערע טייל פון דייטשלאנד אונטער די שליטה פון די בריטישע.

אנקומענדיג אהין האט ער געפליכטעט קיין בערגן בעלזן וואו דארט איז געווען א הייפעלע אידן משארית הפליטה און דארט האט ער אנגעקניפט א נאנטע קשר מיט הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל וואס איז געשטאנען דארט פאר די אודים מוצלים מאש ווי א געטרייער טאטע, ווי מ'קען זען אויף די דרוקסארט: צבי הירש מייזליש אב"ד ור"מ שארית ישראל, מלפנים ניימארק-ווייצען-בערגן בעלזען ורב הראשי באיזור הבריטי.

דארט איז געווען אסאך שאלות פון עגונות ביי וועלכן דער ווייצענער רב רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל האט געשטעלט א בי"ד דן צו זיין און טרעפן היתר עגונות אין יענע פינסטערע תקופה נאך אזא גייסטישע און פיזישע חורבן. דער ווייצענער רב זצ"ל האט דארט געהאט מיט זיך זיין זון הגה"צ רבי יקותיאל יהודה זצ"ל אב"ד סיגעיט און אויך די אנדערע זון רבי יוסף משה זצ"ל אבד"ק ווייצען מיט זיין טאכטער הרבנית שפעטער'דיגע א"ח פון הגה"צ רבי אברהם לייטנער זצ"ל ממאנטעווידיעא.

רבי משה האט געהאלטן גאר א נאנטע קשר מיט אלע ארטיגע אידן, איבערהויפט האט ער אנגעקניפט א הארץ קשר מיט די קינדער דארט אין לאגער וואס איז געווען אין יענע תקופה א יקר המציאות. אזוי אויך זיין זון רבי אברהם שליט"א האט פארברענגט מיט די קינדער דארט אין יענע תקופה וואס מען האט זיך דארט אויפגעהאלטן. ס'איז געווען דאן אין רוב שטעט בטל געווען פאר לאנגע יארן דער מנהג 'שמחת תורה' פון 'כל הנערים' נאך וואס די רשעים האבן ליידער אויסגע'הרג'ט אזויפיל מיליאנען קינדער. דארט אין לאגער פלעגן אידן קוקן אויף די קינדער און זיך מיט דעם געטרייסט, און דערביי געהאט א נקמה אין די נאציס ימ"ש.

שפעטער איז הרה"ג רבי משה בלויא אינאיינעם מיט זיין משפחה ווייב און קינדער געפארן קיין פראנקרייך, און פון דארט גענומען א שיף קיין ארץ ישראל.



**דער היסטאריש בילד פון די הארציגע געזעגענען ביי די באן אין בערגן בעלזן:**

רעכטס: הגה"צ אב"ד סיגעיט זצ"ל, אינמיטן: הרה"ג ר' אברהם בלויא שליט"א פון בראזיל-בני ברק (בעמח"ס "נחלת אבות") לינקס: דער ברודער רבי יוסף משה בר"צ מייזליש זצ"ל ווייצנער רב.

בעפארן אפרייזן מיט די באן זענען געקומען אידן פון בערגן בעלזן באגלייטן רבי משה מיט זיין משפחה צו זייער ווייטערדיגע רייזע זיך צו אוועקשטעלן מיט שלוה און עפענען א נייע קאפיטל אין די שטורעמישע לעבן פון די משפחה.

צווישן די באגלייטער זענען דאן מיטגעקומען די קינדער פונעם ווייצענער רב זצ"ל, דאן רב אין בערגן בעלזן, אריינגערעכנט הגה"צ אבד"ק סיגעיט זצ"ל מיט זיין ברודער הגה"צ אבד"ק ווייצען זצ"ל. מיט שווערע הערצער האבן זיך געזעגענט די קינדער צווישן זיך נאכן זיין אינאיינעם אינאיינעם אונטער אזעלכע אומשטענדן. אט פון יענעם געזעגענען איז פאראייביגט געווארן דעם היסטארישן בילד וואו מען זעט רעכטס: הגה"צ רבי יקותיאל יהודה זצ"ל אב"ד סיגעיט, אינמיטן: הרה"ג ר' אברהם בלויא שליט"א פון בראזיל-בני ברק (בעמח"ס "נחלת אבות") לינקס: הגה"צ רבי יוסף משה מייזליש זצ"ל ווייצנער רב

נאך די חתונה האט זיך רבי אברהם שליט"א געצויגן קיין בראזיל און עוסק געווען בחינוך ילדי ישראל אינאיינעם מיט זיין חשוב'ע עקרת הבית מרת רבקה תחי' וועלכע איז געשטאנען אין שפיץ פון די מיידל שולע און געדינט אלס מנהלת. לעצטנס האט זיך רבי אברהם שליט"א געצויגן קיין בני ברק. רבי אברהם איז פון די ערשטע תלמידים אין ישיבת חכמי לובלין אין בני ברק תלמיד פון הרב וואזנער זצ"ל, דער חזון איש האט געהאט איבערגעפלאנצט די ישיבות פון דער אלטער היים אריבער קיין ארץ ישראל. און האט באפוילן פאר הרב וואזנער וואס איז געווען פון די גרעסטע תלמידים אין ישיבת חכמי לובלין אין פוילן אז ער זאל עס ווידערגרינדן אין בני ברק. רבי אברהם שליט"א איז דאן געווען די ערשטע יאר פון די עשרה ראשונים אין די ישיבה.

רבי אברהם שליט"א האט מחבר געווען דעם ספר 'נחלת אבות' מיט א פירוש אויף נ"ך וואס איז באקרוינט מיט א הסכמה פון רבו ומאורו הרב וואזנער זצ"ל.

תשואות חן פאר הרה"ג ר' אברהם בלויא שליט"א פון בראזיל-בני ברק (בעמח"ס "נחלת אבות") פארן ברענגען אזא אוצר בלום פאר די רעדאקציע אין צוגאב מיטצוטיילן די פרטים פון זייער לעבנס געשיכטע פאר די טויזנטער וואכנשריפט לייענער אלוועלטליך. ויהא חלקו ממזכי הרבים ועוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים.




טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש):
845-774-6234 #6

פעקס:
845-501-0246

פאָסט:
POB 113, Monroe ny 10949

אימעיל:
Letters@kyweekly.com

## אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא

איך האב געוואלט מיטטיילן א געוואלדיגע השגחה פרטית מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט פאריגע וואך ווען נאך וואכזאמקייט פון א חשוב'ער תושב העיר האט מען באוויזן אפצוהאלטן א נפטר פון קומען לידי בזיון און ברענגן צו קבר ישראל.

ס'איז געווען פארגאנגענע וואך ווען א חשוב'ער תושב דא אין קרית יואל, הבה"ח יואל אפעל הי"ו, האט געהערט נאכזאגן פון א נישט אידישער מיטארבעטער אין "פרעסטידזש אויטא באדי" (שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער נישט אידישער מיטארבעטער איז גאר עפ"י הלכה א ריכטיגער איד פון אידישן אפשטאם) וואס האט אין די ארבעט געלאזט וויסן אז זיין מאמע איז אוועק און דעריבער נישט קענען קומען.

ער האט געהאט מיטגעטיילט אז די משפחה פלאנט אויף 2:00 דורכצופירן א פראצעדור צו רח"ל פארברענען דעם קערפער וואס איז שטארק איינגעפירט אין די גוי'אישע וועלט. הערנדיג דאס האט ר' יואל תיכף זיך אינטערעסירט, און שוין האבנדיג אמאל געהערט אז זי שטאמט מעגליך פון אידן, האט ער זיך ארייגעלייגט דערין און טאקע באשטעטיגט אז זיין מאמע איז א כשר'ע איד.

דא האט ער זיך ארייגעלייגט און זיך געוואנדן צו אים מיט א ביטע אז ער זאל קודם אפרופן די באשטימטע צייט פון 2 נאכמיטאג ווייל מען גייט פרובירן דורכפירן א געהעריגע לוי' כדת וכדין.

דאן האט ער זיך פארבינדן מיט הר"ר יעקב ווייזער הי"ו און הר"ר שלמה צוויבל הי"ו פון די חברה הצלה אין קרית יואל. נאך א קורצע פארש ארבעט האט מען זיך דערוואוסט אז אויך איר מאן איז געווען א געהעריגער איד און ער ליגט אין ביה"ח 'אהבת שלום' וואו ער האט אויך געקויפט א חלקה פאר זיין בני בית, און ווי מען האט געזען אויף זיין מצבה איז שוין דער איד נפטר געווארן מיט 50 יאר צוריק.

דאס איז געווען א געוואלדיגע בשורה פאר די עסקנים אז די לוי' און חלקה גייט גארנישט אפקאסטן, סיידן אביסל טירחא דגופא און אנדערע טעכנישע פרטים מיט צייט וואס מען האט אוועקגעגעבן פאר די זעלטענע מצוה

דאן האבן די עסקנים פון קרית יואל ר' יעקב ווייזער און ר' שלמה צוויבל דורכגעפירט א געהעריגע לוי' מיט די הילף פון חסד של אמת דארט אויפן פעלד אין ביה"ח אהבת שלום און ר' שלמה האט געמאכט א 'קל מלא רחמים' וואס האט נאכגעפאלגט מיט א קדיש דורך הב' הח' יואל אפעל הי"ו, ארייגכאפנדיג א זעלטענע מצוה פון ברענגן א מת מצוה א געהעריגע איד לקבר ישראל און אפראטעווען א אידישע נפטר פון ניבול המת רח"ל.

י. ש.

*

## די שווערע מצב אין ניובורג

צו די רעדאקציע פון דער 'קרית יואל וואכנשריפט'.

איך האב געזען פארלאפענע וואך ביי די לאקאלע באריכטן איבער די פלענער פון 'ארענדזש קאונטי מאטאר וויהיקעל' ארויסצורוקן זייערע אפיסעס פון די ניובורג עריע, צוליב די הויכע פארברעכנס און שוואכע צושטאנד פון די גאנצע געגענט דארט.

זעענדיג איבער דעם אין 'וואכנשריפט' האב איך געוואלט מעורר זיין אינגעלייט אינוועסטירער וואס זוכן ארייננצוטאנצן אין א גרינג געשעפט, וואס איך האב שוין בעבר מיטגעהאלטן ווי אינגעלייט וואס האבן אינוועסטירט אין ניובורג מיינענדיג אז מען קען מאכן א גרינגן דאלאר האבן שאדן געהאט גאר אסאך געלט.

די באאמטע אין ניובורג זענען זייער נישט סימפאטיש ווען עס קומט צו קאנסטרוקציע וכדומה. אזוי אויך אויב קויפט מען א אלטע הויז און מען שטעלט אריין א טענענט מאכט זיך זייער אפט שווערע שאדנס פון די דארטיגע נידריגע באפעלקערונג. ארייגגייענדיג אין יענע געגענט זעט אויס ווי די 'הארלעם' גאסן מיט די נידריגסטע כוליגאנעס.

אמאל אויב מאכט זיך אז מען וויל ארויסזען א שווערע טענענט איז נישט מעגליך זיי ארויסצוזען ווען די גאנצע סיסטעם און ביוקראטיע איז אויף דעם פארברעכער'ס זייט. דעריבער בעפאר מען אינוועסטירט דארף מען זיך גוט נאכפרעגן ביי ערפארענע און אידן מיט עקספיריענס אויף דעם פעלד כדי נישט זיך אפצובריען אזוי ווי אנדערע.

התורה חסה על ממונם של ישראל.

ש.ט.

*

## דירות אין קרית יטב לב

בנוגע די בילדער אין קרית יטב לב וואו עס איז געשטאנען אז די שטאט האלט אינמיטן קאנסטרוקציע אויף קרוב צו טויזנט נייע הייזער, האב איך געוואלט מעיר זיין אז ביי די בילדער איז געווען געברענגט בלויז פון איין פראיעקט ווי דארט גייט אויפגעבויעט ווערן אומגעפער 450 הייזער.



בנוסף צו דעם פראיעקט זענען פארהאן פילע צענדליגער אנדערע פראיעקטן גרעסערע און קלענערע וואס זענען אינמיטן די ארבעט פון אויפבויען נאך דירות נאכצוקומען די גרויסע פארלאנג וואס שטייגט אין אלע חרד'ישע געגענטער בליעה"ר.

**ע. ברייער**
**קרית יטב לב**

*

## עמערדזשענסי טעלעפאנען אין גרויסן ביהמ"ד

צו די רעדאקציע

ביטע ארייגלייגן ביי די בריוון, אז דער ביהמ"ד איז געווארן אויסגעשטאט מיט אן עמערדזשענסי טעלעפאן באזונדער פאר יעדע פון די 6 שטאק אין גרויסן ביהמ"ד. ס'איז וויכטיג צו וויסן אין פאל פון אן עמערדזשענסי דארף מען נישט אראפגיין אונטן נעבן די חדרי התפלה, ס'איז געווארן אינסטאלירט איינס אויף יעדע שטאק באזונדער, מיט א דירעקטע קנעפל צו חברים, הצלה, מצילי אש.

מיט פיל דאנק

**א.ש.**

*

## דרך הלימוד כמסורת אבותינו

אל כבוד מערכת קרית יואל וואכנשריפט.

זעענדיג פאריגע וואך צווישן די בילדער אנגעכאפט די נושא פון דרך הלימוד בדרך הלצה, וויל איך מעורר זיין אז עס איז בכלל נישט קיין נושא צו מאכן דערויף ווערטל.

עס איז ממש צום שטוינען ווי אזוי אין רבי'נס שטאט קרית יואל האט זיך א מוסד דערוואגט צו טרעטן קעגן ספה"ק ויואל משה און איינגעפירט א נייע דרך הלימוד אין חומש רש"י וואס רביה"ק זי"ע דרוקט זיך אויס מיט א געוואלדיגע התנגדות אין זיינע ספה"ק, ואין פוצה פה ומצפצף.

מי מלל ומי פילל אז ס'זאל אזוינס קענען פארקומען און מען זאל זיך נישט באזינען ווי מען קומט אן און ווען מען הייבט אן זיך דערקלערן אלס חכם ונבון קעגן אלע פריערדיגע צדיקים וקדושים וואס האבן אויסגעדרוקט זייער קלארע דעת קדשם קעגן אזא סארט דרך הלימוד, ואין צווחה ברחובותינו.

ס'איז באקאנט די פארכטיגע רייד פון מרן רביה"ק זי"ע ווען דער רבי האט שארף ארויסגעטרעטן קעגן די מתחדשים און רשעי הדור "וואו קאן מען זאגן אז דער רשע האט בעסער צוגעטראפן ווי אלע פריערדיגע צדיקים הקודמים" וואס שפילט זיך ליידער איבער בזמנינו ווען 'אלה פוסל את הראשונים' און מען טרויעט זיך צו נעמען אזא רעיון וואס שטאמט פון די מזרחי קרייזן און פון פרעמדע מקורות און מען אדאפטירט עס גאר אלס דער 'ריכטיגער' דרך הלימוד. "וואו קאן מען זאגן אז די רשעי הדור האט בעסער צוגעטראפן ווי אלע פריערדיגע צדיקים הקודמים"!

דער שרעקליכער פירצה בעירינו ווייטאגט יעדן איד אשר לה' קורא, און פון אלע שיכטן קוקט מען ארויס להסיר המכשול אז מען זאל תיכף ומיד צוריקשטעלן די לימודים ביי די תינוקות של בית רבן, שלא טעמו טעם חטא, אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם דרך הסלולה, וואס מרן רביה"ק זי"ע מייסד העיר האט אוועקגעשטעלט זיינע הייליגע מוסדות זיך צו פירן אזוי עד ביאת הגואל.

**ש. ט.**
**פה קרית יואל יע"א**

*

## סעיפטי-טעקסי מיסיאנערישע נעץ

צו די וואכנשריפט

ביטע ארייינשטעלן דעם בריוו לציבור להיזהר.

איך בין געפארן די וואך מיט די נייע "סעיפטי-טעקסי" וואס איז 'נישט' אונטער אידישע בעה"ב, (נישט פארמישן מיט 'קאר-סעיף' וואס איז יא א היימישע קאמפעני אונטער שטרענגע אידישע בעה"ב וועלכע האלטן אן עינא פקיחא) איך בין געפארן מיט די 'טעקסי' אין חדר אויף בני יואל דרייוו. אנקומענדיג דארט, אויפן וועג ארויס זאגט מיר דער דרייווער אז א רייזענדער האט דא איבערגעלאזט א ספר, און מיר עס געגעבן איך זאל אפירזוכן דעם בעה"ב.

אריינקוקנדיג דערין האב איך צו מיין שוידער געזען אז דאס איז א מיסיאנערישער ביכל אנגעפיקעוועט מיט אלע כפירה און מינות, און שפעטער ווען איך האב מיר נאכגעפרעגט האב איך געהערט אז זיי האבן געטון די זעלבע שפיל אויך פאר אנדערע רייזענדע ה"י.

די בילדער אין וואכנשריפט ווי איינער גייט ארום קלעבן סטיקערס פאר די טעקסי איז מיר שוין דאן געווען גאר אויפפאלענד אבער דאס מיטלעבנדיג אויף די אייגענע הויט האב איך געזען אז דאס איז נישט בלויז פארדעכטיגט נאר זענען דא מיט שעדליכע און בייזע צילן רח"ל.

ועל הציבור להיזהר!

**(--)**
**מרביץ תורה במוסדות בני יואל ד'סאטמאר**


# For sale by owner

4 Beds – 2 Baths
1,488 sqft - 1.5 Acres

**888 Silver Lake Scotchtown Road, Middletown, NY 10941**

Available immediately




Please contact
**845-344-7006**



# זכרון
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

# לוח הלימודים
## פרשת פקודי

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא
פטרון מסכת מנחות
הרבני הנגיד התורני מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | צד. | צא: | פד. |
| יום ב' | צד: | צב. | פד: |
| יום ג' | צה. | צב: | פה. |
| יום ד' | צה: | צג. | פה: |
| יום ה' | צו. | צג: | פו. |

בחינה ז' במס' חולין • יום א' פ' תזריע
לימודי החודש: צ"א. - ק"א: - חזרת החודש: פ"א. - צ:

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | סימן קי"ד | ד - ו | ו - ט |
| יום ב' | סימן קי"ד | ז - ט | י - יב |
| יום ג' | סימן קי"ד | ט | יג - יד |
| יום ד' | קט"ו קט"ז קי"ז ס' א' | | א |
| יום ה' | קי"ד | א | ב |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' פקודי
לימודי החודש: מסימן ק"ו עד אחר סימן קי"ד סעיף ג'
חזרת החודש: מסימן צ"ב עד אחר סימן ק"ה

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרון • 718.387.1010



**FOR SALE**

**Schinas Veyoel Moshe**
7.5 room apartment on top floor with attic ready to move in



**FOR SALE**

**3 Holland - Prestwick area**
Rare opportunity! Brand new, Custom house. 4 Bed, 4 Baths, walkout Basement, many upgrades, ready to move. Asking $1,199,000



**FOR SALE**

**105 high St – Smith Gardens area** 3,000 sq ft, brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income.



**FOR SALE**

**Schinas Veyoel Moshe**
7 room apartment available on the 1st 2nd 3rd and 4th floor ready to move in

**FOR SALE**

- 4 room basement apartment on Van Buren
- 5 room walk in apartment on Stropkov Ct. tenant occupied
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment in section 1 tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg tenant occupied
- 5 ½ room apartment on Lemberg top floor
- 6 room apartment in SVM top floor
- 6 room apartment in SVM tenant occupied
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 8 room apartment in Atzia Temorim walk in private entrance
- 9 room apartment in SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Private house in Woodbury Villas

**FOR RENT**

- One bedroom furnished apt on Quickway Rd. long-term lease
- One room apartment on Quickway Rd. good for a single not for a couple
- 3 room apartment walk in SVM
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in Woodbury Villas
- 7 room apartment in SVM first and second floor private entrance
- 7 room Apartment in SVM third floor
- 7 room apartment in SVM fourth floor
- 7.5 room apartment in SVM third floor
- 4 Bedroom renovated house in Blooming Grove
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView
- Private house in Blooming Grove
- 2,000 sq ft unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- 1500 sq ft office space on Rovna Ct.
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com




וואונדערקינד

צו הערן אויסצוגן רופט:
718-517-8310 ext #9

וואונדערקינד
**אדר ב'**

# תענדער און שיעשע

אין אלע געשעפטן און אויף

אלע קינדער קאטשן זיך פאר געלעכטער פון דעם פריילעכן אדר'דיגן שמועס מיט **תענדער** און **משה איטשע** אין די וואונדערקינד פון חודש אדר ב'.




## אפשר הערט מען אויף צו לאכן אזויפיל דארט?...

צו הערן און צום לאכן, פול מיט שמחה פאר קינדער פון אלע יארגענג.

סיינט אייך היינט אויף פאר א סובסקריפשאן

VINDERKIND.COM | 718.517.8310

טרעק 1

## פלאש פלאש

ר' **פלעשל מעפלאשקע לוסטיג** נעמט אונז מיט אויף א פורים'דיגע רייזע **אלץ א פלאש וויין**, וועלכער אבזערווירט דעם גאנצן **פורים סומאטוכע**, ביז ווען... אה ניין!!!

טרעק 2

## דער ערשטער קעניג

א רייך קאפיטל אין כלל ישראל'ס **היסטאריע**, ווען דער **ערשטער קעניג** אין כלל ישראל, שאול המלך, איז געווארן געקרוינט אין זיין פאזיציע

טרעק 3

## פריפעטשיק

הר"ר **אבא ווינקלער** מוטשעט זיך צוזאמען מיט הר"ר **חיים הערש גלאנצער** און הר"ר **שמעון יואל קליין** צו פארציילן א **פריפעטשיק**, אבער אין ענדע האט זיך עס געענדיגט

טרעק 4

## גראגערי

הר"ר **וועלוול פעלדמאן** און הר"ר **יעקב יוסף לאנגזאם** האבן צו **גראגערן** אין **די אויערן** אריין, מיט זייער היסטאריע און פארשידענע סודות וויאזוי צו אהערשטעלן **קנאקעדיגע קאמעדיע** און משמח זיין אידן א גאנץ יאר פריילך!

טרעק 5

## פארשלעפטע קרענק

וואס געשעט ווען **תֶענְדֶער** און **שִׁיטְשֶׁע** פראוועגען א **שבת אין די הרי החושך?** קומט מיט און לאכט אביסל צוזאמען מיט די הני תרי בדחני אויף **פריש-געבאקענע טשולענט!**

טרעק 6

## שלעפער

הערט א **לאכעדיגע** און **המואריסטישע** ניגון וואס דער **וועקער דזייגער** האט צו **זינגען**, צוזאמען מיט זיינע **מאדנע קאלעגעס**

טרעק 7

## דער פארשטעלטער טעראריסט

מיר באגלייטן דער באקאנטער בעל מספר הרב **מתתי' גרין** וואס דרייט זיך ארום נישט ווייט פון א **פארשטעלטער טעראריסט** אין ירושלים פורים, וועט אים געלונגען דורכצופירן א **שרעקליכע טעראר אטאקע?**

טרעק 8

## ונהפוך ליד

פריילעכער **ונהפוך ליד שפיל** וואס **מען שפילט אויפן טעקע בשעת'ן הערן** די אנווייזונגען אויף די קאסעטע, און מ'הערט נישט אויף צו לאכן...

**צו הערן אויסצוג רופט:**

**718-517-8310 ext #9**

וואונדערקינד

די פרישע 'וואונדערקינד' פעקל פון חודש אדר ב', וואס אנטהאלט א רייכע USB קאסעטע פון אריבער 2 שעה מיט רייכע געשמאקע און קאלירפולע אינהאלט פאר קינדער פון 5 ביז 13 יאר, מיט די רייכע טעקע פול מיט אינטערעסאנטע קאלומס, ארטיקלען און געימס, איז שוין אין די געשעפטן!

אן ען
אויף
דער
פרשה
במשנתו
של
רבינו:

# פרשה זו
# בהקהל
# נאמרה



געקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן
רבינו"ק ז"ע איבער דעם ענין פון

## אחדות

הוצאת נחלת רבותינו סאטמאר

מערכת נחלת רבותינו

קען זיין פשט אין זוהר, ויקהל משה, ער האט צוזאמגענומען דעם עולם - מען זאל זיי מפריד זיין פונעם ערב רב. איך זאג אסאך מאל, דאס איז צוויי געוואלדיגע יסודות, אויף דעם שטייט די וועלט, אויף דעם שטייט דער קיום התורה, דער גאנצער כח היהדות, דער כח התורה - שטייט אויף די צוויי זאכן, עס איז שני הפכים.

א] מען זאל זיך נישט אנגעהערן מיט די וואס מען דארף נישט - די וואס זיי האבן דיעות נפסדות, [דארף מען מאכן] א פירוד. ב] ווידעראום צווישן אידן וואס מען קאן זיין התחברות - וואס זענען אויף איין שיטה - **למען הרחמים מוז זיין גרויס קירוב לבבות, בעוה"ר פירוד לבבות דאס מאכט חרוב, עס איז דער גרעסטער חורבן, ווי דער רבי ר' אלימלך זאגט - שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם**, 'חברינו' דעם וואס איך קאן מיט אים זיך מחבר זיין, זאל מען זען מעלות נישט חסרונות. דערווייל איז בעוה"ר פארקערט, אויף די אידן וואס מען וואלט זיך געדארפט מחבר זיין - זעט מען חסרונות, און דארטן וואו מען מוז אנטלויפן - עס איז נישט חברינו - דארטן זעט מען גאר מעלות, בעוה"ר.

דאס איז צוויי געוואלדיגע יסודות, דער בעל דבר פארלייגט זיך אויף דעם, א] צווישן אידן וואס עס וואלט נישט געדארפט זיין קיין פירוד, אידן וואס זענען נאמנים לה' ולתורתו, בעוונותינו הרבים פארלייגט זיך דער בעל דבר אויף פירוד לבבות, און מען פאלט אריין, מען וואלט געקאנט אויפבויען וועלטן - ווען דאס ביסל אידן זאלן האבן התחברות - נישט קיין פירוד לבבות - וואלט מען געקאנט גובר זיין אלדינגס - וואלט מען געקאנט אראפשטעלן יסודות קדושה. ב] און די וואס זיי ווילן זיך מחבר זיין מיט מינים מיט אפיקורסים, נוצן זיך אויף מיט דעם - דארטן נוצט מען אויף דעם ואהבת לרעך כמוך. און פארקערט ווידעראום פאר אידישע אידן דארט נוצט מען אויף דעם משנאיך ה' אשנא, פונקט דעם היפוך פירוד לבבות, בעוה"ר די צוויי זענען תרתי דסתרי.

אבער מען דארף האבן א כח אמיץ, א איד דארף וויסן אלעס איז שווער, אז מען וויל טון דעם רצון הבורא ב"ה באמת, און מען וויל נאכגיין דאס וואס דער בורא כל עולמים האט ליב, וואס דער בורא כל עולמים וויל, אלעס וואס מען טוט, איז מען מקושר אין דיא ביידע זאכן אויפאמאל, דארטן [צווישן ערליכע אידן] **זאל זיין כל מגמתו, זוכן אהבה מיט התחברות מיט קירוב לבבות**, און דארט וואו מען ברויך נישט, ברויך מען כל מגמתם זיין אויף התרחקות, משנאיך ה' אשנא ובתקוממיך אתקוטט.

כאטשיג אז מען גייט דעם דרך פאלט מען אריין דארט וואו מען ברויך נישט, עס פירט אריין, איינס קלאפט דאס אנדערע, אבער אזוי איז דער גאנצער קיום התורה, דארף מען זיך פלאגן אזוי, מען דארף זיך מתאמץ זיין אויף מדות הפכיות, ווי דער זרע קודש זאגט אלץ אז מען דארף האבן מדות שבורות, די מדות דארף מען האבן אויף צוויי אופנים, יעדע מדה דארט וואו מען ברויך, ברויך מען זיך באנוצן דערמיט.

דאס איז דער פשט וואס דער זוהר הקדוש זאגט, ויקהל משה, אפשיידן פון ערב רב, האב איך געפרעגט די קשיא, ער וואלט געדארפט זאגן ויפרד, זאגט ער אבער ניין, מען האט געמוזט איינפרעגן [מען זאל זיך] אפשיידן פונעם ערב רב, [און] אז מען גייט דעם וועג מוז מען האבן א גרויסן כח פון 'ויקהל' אז מען דארף האבן התחברות, ווייל אז מען וועט גיין דעם וועג וועט מען אריינפאלן, און מען וועט דאס אויסנוצן דארט וואו מען ברויך נישט, טאקע בפנים אפילו צווישן אידן אליין, נישט ביים ערב רב, פירט אריין דער בעל דבר, און זאגט אז דאס איז אין דעם כלל, איבערדעם מוז דאס זיין, טאר מען נישט פארגעסן, אויפאמאל אז עס איז געווען א 'ויפרד' האט געמוזט זיין א 'ויקהל', איינס אן דעם אנדערן טאר מען נישט, דאס מוז מען שטארק אינזין האבן, דעם ויקהל מיט דעם ויפרד, דאס איז איינס.

איבערדעם ברויך טאקע צו זיין, באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים (ריש מס' שקלים), דער מהר"ש אלקבץ זאגט דאך - שקלים ווייזט אויף אחדות, א מחצית השקל, מען טאר נישט זיין [אליין], מען מוז זיך מחבר זיין מיט יענעם, אבער פונדעסטוועגן מוז מען אנזאגן על הכלאים, אזוינס וואס עס איז מין בשאינו מינו טאר מען נישט אויסמישן די ביידע אינאיינעם.

דער בורא כל עולמים זאל העלפן מען זאל גיין אין דרך האמת, במהרה זאלמיר זוכה זיין צו כל מיני ישועות טובות, זאל מיר זוכה זיין צו זען בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

(לשון רבינו ס"ג ויקהל תשכ"ז)

## דרשו את שלום:

## דער רבי פאדערט אויף די בני הקהלה זיך צו האלטן בשלום ובאחדות

שב"ק פר' נשא שנת תשי"ב, איידער דער רבי האט זיך געריישט צו פארן קיין ארץ ישראל, האט דער רבי געזאגט פאר קריאת התורה א "געזעגענונגס דרשה" פאר עדת צאן מרעיתו אין אמעריקע, ביי וועלכן דער רבי האט מאריך געווען צו מעורר זיין דעם ציבור זיך צו האלטן בשלום ובאחדות.

דער רבי האט ביי זיינע דברות קודש מאריך געווען איבער די שיינקייט פון מדת השלום און די גנות פון מחלוקת צווישן ערליכע אידן, און ווי אזוי דער שטן פארלייגט זיך צו מהפך זיין קערה על פיה צו מרבה זיין שלום מיט די רשעים און כופרים, און ווידער אנצוזייען פירוד לבבות און מחלוקת צווישן ערליכע אידן וואו עס דארף הערשן אהבה ואחוה ושלום וריעות.

*

פאלגנד איז א ציטאט פון די מעמוארן פון הרה"ח ר' ברוך בערקאוויטש ז"ל וועלכער האט מיטגעהאלטן די פייערדיגע דברות קודש פון רבי'ן בעפאר קריאת התורה:

אין יענער תקופה איז אָנגעגאַנגען געוויסע חילוקי דיעות צווישן עטליכע פון די חברי הקהילה, און דאָס האָט זייער ווי-געטון פאַר'ן רבי'ן. דעריבער האט דער רבי געהאלטן די דרשה איבער דעם ענין.

דער רבי האָט אין זיינע ווערטער זיך מתחנן געווען ביי זיינע תלמידים וחסידים בזה הלשון: **איך האָב דאָך אַזוי שווער געהאָרעוועט צו אויפבויען די קהילה, איך האָב אַריינגעלייגט אַסאַך מיה און פלאָג ביז מ'האָט באַוויזן בסייעתא דשמיא אָנצוקומען צו וואָס מ'איז ב"ה אָנגעקומען. דעריבער בעט איך אייך זייער, מ'זאָל דאָס ח"ו נישט צוברעכן.** מיט יעדע קליינע מחלוקה'לע קען מען אַלעס צוברעכן. איך בעט אייך זייער אַז ווען איך קום צוריק פון ארץ ישראל מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף זאָל איך אַלעס טרעפן אַזוי ווי בעפאָר, מ'זאָל ח"ו נישט אָנזייען קיין חורבנות...

דער רבי האָט דעמאָלט געגעבן קורצע דברי הדרכה פאַר'ן עולם וויאַזוי מ'זאָל זיך צוזאַמענהאַלטן אינאיינעם בדרכי שלום, ווי צ.ב.ש. האָט דער רבי פאָרגעשלאָגן אַז מ'זאָל אָרגאַניזירן אַ מנין מיוחד יעדן צופרי אין אַ צייט וואָס איז שווה לכל נפש. א.א.וו. האָט דער רבי שטאַרק אויפגעפאָדערט דעם עולם מ'זאָל

זען צו פאַרמיידן אַ יעדע מחלוקה, און עס זאָל בלויז הערשן אהבה ואחוה שלום וריעות.

*

הרה"ג ר' שמואל זאנוויל כהנא זצ"ל שילדערט אין זיינע זכרונות ציטאטן פון דעם רבי'נס דברות קודש (באילנא דחיי ח"א עמ' תקנ"ח):

איידער דער רבי איז געפארן קיין ארץ ישראל האט דער רבי שטארק מורא געהאט אז מיט'ן פארלאזן דאס פלאץ אויף עטליכע חדשים איז עלול אז עס זאלן געשאפן ווערן פארשידענע מחלוקת'ן צווישן די חברי הקהילה, דעריבער האט דער רבי ארומגערעדט א לענגערע צייט און אויפגעפאדערט דעם עולם אז מ'זאל זיך האלטן באחדות, און ח"ו נישט אויפפלאקערן קיין מחלוקת וואס איז בכח צו פאראורזאכן א טאטאלן חורבן און מהרס זיין די גאנצע יגיעה וואס ער האט אריינגעלייגט מיט'ן התייסדות הקהילה. דער רבי האט זיך דעמאלט אויסגעדריקט: "איך האב געבויעט די קהילה מיט בלוט, איך בעט ענק זייער, היטס אפ אויף דעם".

דער רבי האט אין זיינע ווערטער געטייטשט דעם מדרש (ילקוט פר' שמיני) "זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, אותו יצה"ר העבירו מלבבכם ותהיו כולכם בעצה אחת וביראה אחת וכו'" - "אותו יצר הרע", מיינט מען דעם באקאנטן יצר הרע וואס איז מסית דעם מענטש צו זיין אן עומד על דעתו, און ער לייגט עס נאך אריין אין אידישקייט, טענה'נדיג אז "זה הדבר אשר צוה ה' תעשו", נאר ער ווייסט וואס עס איז גוט פאר אידישקייט. "אותו יצר הרע" - האט דער רבי געזאגט - "דער יצר הרע ווייסט שוין געווי וואס עס איז די שליסל צו צוברעכן דעם גאנצן כח הקיום פון דער קהילה הק', וואס דאס איז דורך מחלוקת און חילוקי דיעות צווישן איינעם מיט'ן אנדערן. אט דעם יצר הרע 'העבירו מלבבכם', זאלט איר אינגאנצן מבטל זיין, און דעמאלט וועט זיין 'ותהיו כולכם בעצה אחת וביראה אחת'".

*

נאך איבערדעם דערציילט הרה"ח ר' חיים פסח גאלדשטיין שליט"א: ביי דער דרשה האט דער רבי שטארק מעורר געווען דעם עולם אז מ'זאל זיך האלטן בשלום ובאחדות אן קיין מחלוקת און פירוד לבבות.

בתוך הדברים האט דער רבי געזאגט, אז מטבע העולם וויל טאקע יעדער איינער עס זאל הערשן שלום און אחדות, אבער דער פראבלעם איז נאר אז יעדער האלט זיך ביי זיינ'ס און ער וויל נאר אז דער חבר זאל מאכן שלום, און דערויף האט דער רבי ממליץ געווען דאס וואס עס שטייט אין יענע וואכעדיגע סדרה (פר' נשא) 'וישם לך שלום', לכאורה איז דער 'לך' איבריג, עס וואלט גענוג געווען עס זאל שטיין 'וישם שלום', נאר דער פסוק וויל טאקע מדגיש זיין, אז דו אליין זאלסט צוברענגען דעם שלום, און נישטווארטן אויפ'ן חבר ער זאל שלום מאכן.

זע אין דברי יואל פר' נשא עמ' קצח, עטליכע אויסצוגן פון יענע דרשה פון רבי'ן זי"ע וואָס איז געבויעט אויף דעם מדרש (במדבר, פי"א, ט"ז) ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום, שלום בכניסתך שלום ביציאתך, שלום על כל אדם. ע"כ. בתוך הדברים שמועסט דער רבי אויס אז די הויפט סיבה וואָס ברענגט צו מחלוקת צווישן ערליכע אידן און יראי ה' איז, וויבאַלד די מיינונגען פון די מענטשן זענען דאָך נישט גלייך איינער צום אַנדערן, יעדער איינער האָט אַן אַנדערן מיינונג, אָבער דער פּראָבלעם איז אַז יעדער מיינט אַז אַזוי ווי זיין מיינונג אַזוי מוז זיין, און קיינער איז נישט גרייט זיך צו בייגן פון זיין אַנטשלאָסענע מיינונג, און דערצו לייגט מען דאָס נאָך אויך אַריין אין אידישקייט אַז זיין מיינונג דאָס איז דער דעת תורה וכדו', און פון דעם ווערט פאַראורזאַכט אַ פירוד און מחלוקת צווישן אידן. און דער רבי טייטשט דערמיט אויס דעם מדרש ילקוט אין פר' שמיני זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, אותו יצה"ר העבירו מלבבכם ותהיו כולכם בעצה אחת וביראה אחת וכו', אותו יצה"ר מיינט מען דעם יצר הרע וואָס איז מסית דעם מענטש צו זיין אַן עומד על דעתו מיט די טענה אַז 'זה הדבר אשר צוה ה' תעשו' אַז דאָס איז נאָך דער דעת תורה.

## שלא יהא לבך חלוק על המקום:

## "ווען עס איז דאָ אחדות איז דאָ גענוג פּלאַץ"

עס דערציילט הרה"ח ר' נח קליין הי"ו:

דורכאויס די ימי החנוכה פלעגט דער רבי אַראָפּקומען צום צינדן בבית מדרשו בביתו נאוה קודש. וויבאַלד עס איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם צום רבי'נס צינדן, דאַרונטער פילע רבנים און תלמידי חכמים וואָס זענען געקומען מיטהאַלטן די טיפזיניגע דברי תורה וואָס דער רבי פלעגט זאָגן יעדע נאַכט נאָכ'ן צינדן, פלעגט אַלץ זיין אַ געדרענג אינעם קליינעם ביהמ"ד.

אין איינע פון די נעכט פון חנוכה, ווען דאָס גאַנצע בית המדרש איז געווען איבערגעפולט מיט מענטשן, איז אינמיטן ערשינען אין ביהמ"ד אַ חשוב'ער רב. מען האָט פּרובירט אים צו מאַכן פּלאַץ אויפ'ן אויבן-אָן אָבער עס איז זייער שווער געגאַנגען. דאַן האָט זיך דער רבי אָנגערופן בדרך צחות אַ טרעפליך וואָרט, אויף די גמרא אין ברכות (דף כ"ח ע"א) אַז ווען רבי אלעזר בן עזריה איז געוואָרן נשיא האָט מען צוגעלייגט נאָך בענק צום בית המדרש, וויבאַלד דער פריערדיגער נשיא רבן גמליאל האָט אַריינגעלאָזט אין ביהמ"ד נאָר אַזאַ תלמיד וואָס איז געווען תוכו כברו, און ווען רבי אלעזר בן עזריה איז אויפגענומען געוואָרן אַלס נשיא האָט מען צוריק אַריינגעלאָזט יעדן איינעם.

האָט דער רבי געזאָגט: עס קען זיין אַז דער פשט אין די גמרא איז נישט אַז מען האָט ממש צוגעלייגט נייע בענק, נאָר וויבאַלד מען האָט יעדן אַריינגעלאָזט אין בית המדרש, האָט זיך קיינער נישט געהאַלטן גרעסער פון זיין חבר, און דאָס האָט גורם געווען אַז מען האָט זיך ליב געהאַט איינער דעם צווייטן, און ווען עס הערשט אַן אהבה צווישן זיך דעמאָלט איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר יעדן, און מען האָט ניטאַמאָל געדאַרפט צוברענגען נאָך בענק.

## פארוואס איז דא מחלוקת צווישן די חסידים?

עס האט דערציילט הגה"צ רבי משה יאזעפאוויטש זצ"ל אב"ד צלותא דשלמה:

אין איינע פון די שמועסן, האט דער רבי זי"ע מיר אמאל ערקלערט פארוואס ביי חסידים איז פארהאן אזויפיל מחלוקת, און ווידער ביי די אנדערע, זעט מען נישט עס זאל זיין אזויפיל מחלוקת.

דער רבי האט עס מיר ערקלערט מיט די ווערטער פון תוס' (פסחים קיג: ד"ה שראה בו דבר ערוה), אז ווען איינער האט פיינט א בעל עבירה, וואס עס איז דא א מצוה אים פיינט צו האבן, דעמאלט הייבט דער בעל עבירה אויך אן אים פיינט צו האבן, ווי עס שטייט (משלי כז) "כמים פנים אל פנים כן לב האדם לאדם". אזוי ארום, ווערט דורך דער רעאקטיווער שנאה פונעם בעל עבירה יעצט געשאפן צוריק א "תוספת שנאה" צום ערשטן, און דורך דעם קומט מען אן צו א "שנאה גמורה", עס ווערט צווישן זיי א פערזענליכע שנאה, מער ווי די עצם שנאה אויף דעם וואס יענער פירט זיך נישט כהוגן. און אויף דער שנאה וואלט מען באמת געדארפט זיין א כופה את יצרו (עיי"ש בתוס').

לויט דעם האט דער רבי ערקלערט, אז היות ביי חסידים פארשווייגט מען נישט - בדרך כלל - קיין עוולה, עס טוט זיי ווי דאס הארץ זעענדיג עבירות פון אנדערע מענטשן, און זיי זענען מוחה דערויף כדת של תורה, באקומט יענער נאטירליך א שנאה צו אים, וואס דורך דעם ווערט געשאפן א פערזענליכע שנאה און




בית הוראה

קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# רשימת מורי הוראה דקהלתינו

## העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

הגאון הדומ"ץ שליט"א
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd .#302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

הרה"ג רבי יצחק ברייזל שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

הרה"ג רבי משה זאב שווארטץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
8 Austra Pkwy #405
היים: 845.799.1988 סעל: 347.486.1199

הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
15 Garfield Rd. #202
היים: 845.783.7325 סעל: 845.238.7199

הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
5 Leipnik Way #102
היים: 845.782.0492 סעל: 845.662.1545

הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Kalev Way. #102
היים: 845.782.9252 סעל: 845.537.9173

יכולין לשמוע הטעל נום. ואדרעסן של הדיינים וכן להתקשר
עם הדיינים על ההוראה ליין 5# 845-783-0546

לשכת בית הוראה:
6 גארפילעד רד. 013#
24 שעה על ההוראה ליין:
845.783.0546


מחלוקת, והבערה ללהב יצאת.

משא"כ ביי די נישט-חסידים, וואס קענען אסאך מאל פארשווייגן אן עוולה, איז דעריבער נישט פארהאן אזויפיל פירוד לבבות און מחלוקת, וואס געשעט געווענליך ווען מ'טוט פארדאמען א בעל עבירה.

אן ענליכע בחינה ברענגט דער רבי זי"ע אראפ בספרו הק' דברי יואל אין די וואכעדיגע סדרה (ויקהל עמ' שמ"ח) וזל"ק:

...החתם סופר זלה"ה תמה תמיהה גדולה מדוע שכיח פירוד הלבבות בקרב ישראל הרבה יותר מאשר בקרב האומות, ובת"ח צדיקים יותר מבשאר עמי דארעא, והלא ישראל מתיחסים כאוהבי שלום ות"ח מרבים שלום בעולם, עיי"ש מה שהאריך ליישב, ועדיין אינו מסיק בדבריו יסוד מוצק להבין ענין זה לאשורו.

ואני אמרתי בפשטות כמה טעמים בדבר... כי הנה פשוטי העם קלי הדעת בטח אשר יחפצו להתאחד ביחד, כדי להגיע אל איזה מטרה אשר הציבו לעצמם, זה דרכם כסל למו, שאין הם מקפידים ובוררים מי נעשה חבר בסיעתם, וכשר בעיניהם להתחבר אפילו עם רשעים העוברים כל עבירות שבתורה, כי זה כל חפצם שילכו עמהם בדעה אחת, להוציא אל הפועל את התכלית הנרצה להם, ומה להם לבקר את מומיהם ולהתגרות בהם, הרי כל כוונתם להגיע אל המטרה שלמענה הקימו את האיחוד, ועל כן אין פירוד ומחלוקת ביניהם.

אמנם לא כן הדבר כאשר מתחברים יהודים כשרים, שמטרתם היא להרים קרן התורה ולחזק בדקי הדת, כי בריש כל מראין עליהם להזהר להתאחד אך ורק עם יהודים כשרים ההולכים בדרך התורה, והם בעלי מדות טובות ולא עולתה בהם, ומבלעדי זאת אין מציאות לפעול לחיזוק הדת, שהרי לא יתכן לעשות פעלים לתורה אלא אם כן כנים ואמתיים ללא זיוף. ועל כן כאשר נעשה חיבור ואיחוד בין יהודים כשרים, והמצא ימצא ביניהם איש אשר לא כן הוא, מיד מבקרים את מומיו, ואמור יאמרו לו לא טוב הדבר אשר אתה עושה, ולעומת זאת גם הוא כאשר הוא מרגיש שאינו נוהג כשורה, ובאים להוכיחו על פניו, ירצה להצטדק ולהטיל מום בעמיתיו, באמרו הרי לא טוב אתה ממני. ומזה יוצא שמתנצחים אחד עם חבירו וכאן מצא הבעל דבר מקום ללבות אש המחלוקת, ולהביא לפירוד לבבות, נמצא כי הקהלה ואיחוד שעושין לצורך דבר טוב עלול להביא לפירוד, עכל"ק.

דער רבי ברענגט דארט נאך צוויי בחינות צו פארענטפערן די תמיהה, און ער פירט אויס: "וישנם עוד כמה בחינות לישב תמיהת החתם סופר זלה"ה אך אין כאן מקום להאריך".

(באילנא דחיי ח"א עמ' פ"ב)

## איש את רעהו חיים בלעו

נאך א מערקווירדיג ווארט האט איבערגעגעבן הגה"צ רבי משה יאזעפאוויטש זצ"ל וואס האט געהערט מפ"ק פון רבי'ן זי"ע בענין זה:

געוועז איז דאס איין יאר, ווען דער רבי זי"ע האט געוויילט אין די זומער-וואכן אין שעראן-ספרינגס. איך בין דעמאלט געפארן אינאיינעם מיט ידידי הגה"צ ר' נתן יוסף מייזעלס ז"ל אויף שבת קודש פר' ראה קיין שעראן ספרינגס, צו וויילן במשכ'ן שבת בצל הקודש פון רבי'ן זי"ע.

פארנדיג אין וועג, איז דאן ארויפגעקומען דער שמועס צווישן אונז איבער די הייליגע ווערטער פונעם "מאור ושמש" אין דער וואכעדיגער סדרה, וואו ער שמועסט אויס דעם ענין, אז דורכדעם וואס מ'פארט צו א צדיק, מיט א דיבוק חברים, ווערט יעדער נכנע פאר'ן אנדערן איינזעענדיג דעם אנדערנ'ס מעלות, און עס ווערט געשאפן א געוואלדיגע אהבה פון איינעם צום אנדערן, אזוי ווייט אז יעדער וויל ממש אריינגיין אין דעם אנדערן פון גרויס ליבשאפט. דער "מאור ושמש" דריקט זיך דארט אויס צוויי מאל מיט'ן ענליכן וואונדערליכן לשון: "ורצונו וחשקו לכנוס ממש בכל אחד ואחד מחמת שמחה ואהבה".

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין שעראן ספרינגס, זענען מיר באלד געגאנגען שלום נעמען פונעם רבי'ן. דאן האבן מיר איבערגעזאגט פאר'ן רבי'ן, אז אונטערוועגנס האבן מיר ארויפגעברענגט דעם וואונדערליכן לשון וואס דער "מאור ושמש" שרייבט די וואך בענין פון דיבוק חברים וואס ווערט געשאפן ביים פארן צו א צדיק, אזוי ווייט אז יעדער וויל ממש אריינגיין אין דעם אנדערן פון גרויס ליבשאפט.

דערויף האט דער רבי רעאגירט מיט א שמייכל: "היינט צו-טאגס איז עס נאך אויך פארהאן, איינער וואלט אריינגעגאנגען אין דעם אנדערן - אים אויפצועסן..."

(באילנא דחיי ח"א עמ' פ"ג)

## פרשה זו יפה נדרשת

עס האט דערציילט הרה"ח ר' יחזקאל שרגא אייזדארפער ז"ל:

שב"ק פרשת קרח, ראש חודש תמוז תרצ"ו, האט דער רבי געוויילט אין דער שטאט סוואליעווע, און איך האב דארט אויך אנטיילגענומען. פרייטאג צו-נאכטס, איידער דער רבי איז אריינגעקומען צום טיש, האט דער רבי ווי שטענדיג עוסק געווען בתורה ביי זיך אין צימער. ווען דער גבאי, הרה"ח ר' פייבוש אשכנזי ז"ל הי"ד, איז אריינגעגאנגען דערמאנען דעם רבי'ן אז מ'דארף שוין אריינקומען צום טיש, האט אים דער רבי געבעטן וואסער זיך צו וואשן די הענט. ווארשיינליך האט דער רבי געכאפט דעמאלט א קורצן דרימל, און דעריבער האט ער געבעטן וואסער זיך צו וואשן.

שבת נאכמיטאג האט דער רבי, ווי געוועינליך, געהאלטן א דרשה. איך געדענק, ווי דער רבי האט אנגעהויבן די דרשה זאגנדיג בדרך צחות, אז געוועינליך ווען א רב קומט אין דער פרעמד ווייסט ער נישט וואס צו זאגן פאר'ן עולם, ווייל ער ווייסט דאך נישט וועלכע ענינים עס דארפן ביי זיי א תיקון. אבער "פרשה זו יפה נדרשת", די פרשה פון קרח, נעמליך דער ענין פון מחלוקת, איז איבעראל "יפה נדרשת", און מען קען רעדן דערפון אומעטום, אין אלע שטעט. דער רבי האט זיך מיט די ווערטער באצויגן צו עפעס א מחלוקה וואס איז יענע צייט פארגעקומען דארט אין שטאט.

(באילנא דחיי ח"ה עמ' ת"ג)

## מחלוקת אונטער א שלייער פון קנאות

עס האט דערציילט הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל



דער שטאטישע שוהל אין שעראן ספרינגס

משב"ק (בספר עזר בקודש עמ' ר"ד):

זומער תשי"ד זענען די תלמידי הישיבה צום ערשטן מאל געפארן צו א זומער-קעמפ אינעם שטעטל 'ברעדלי'. וויבאלד עס איז דעמאלט געווען דאס ערשטע מאל וואס די בחורים האבן זיך געפונען א לענגערע צייט מחוץ לעיר, זענען געווען אזעלכע וואס האבן זיך געשפירט אביסל פריי און דארט אפגעטון מעשים אשר לא יעשו אונטער א שלייער פון קנאות, און דאס האט געברענגט א קריגעריי צווישן די בחורים.

אין איינע פון די טעג האט מיר דער רבי געלאזט רופן און געבעטן אריבערצופארן אין קעמפ און רעדן צו די בחורים עטליכע ווערטער אין זיין נאמען. דער רבי האט באטאנט אז מיט די בחורים וואס זייער גאנצע כוונה איז בלויז צו אנווירטשאפטן מחלוקת און אנזייען חורבנות, איז בכלל נישט כדאי צו רעדן און זיך מטפל צו זיין, ווייל עס וועט סיי-ווי גארנישט העלפן.

ווידער צו די אנדערע בחורים האט מיר דער רבי געבעטן אז איך זאל זיי מסביר זיין וואס איז דאס אמת'ע קנאות און וואס איז פאלשע קנאות. דער רבי האט מיר דאס ערקלערט ווי פאלגענד: עס זענען פארהאן מענטשן וואס זענען קנאים און זענען מוחה איבער געוויסע פירצות וכדו', אבער אין דער זעלבער צייט ווען מ'רירט זיי אן זייער אייגענעם כבוד, דעמאלט שרייען זיי אויך מיט די זעלבע מאס קנאות ווי ביי אנדערע אידישקייט ענינים. דאס איז א הוכחה אז זייער קנאות קומט פון שלעכטע מידות און שלעכטע נאטורן. א ריכטיגער קנאי הייסט איינער וואס פירט זיך אויף בנחת עם הבריות, ער טוט צדקה וחסד מיט אנדערע אידן, אבער ווען עס קומט צו כבוד שמים דעמאלט שוינט ער נישט זיין אייגענעם כבוד און ער איז מוחה כדת של תורה.

דער רבי האט דערמיט געטייטשט וואס דוד המלך זאגט אין תהלים (קאפיטל קל"ט): 'הלא משנאיך ה' אשנא ובתקוממיך אתקוטט, תכלית שנאה שנאתים לאויבים היו לי'. יעדער זאגט טאקע אז ער האט פיינט די משנאי ומנאצי ה' בתכלית השנאה און אז ער איז א ריכטיגער מקנא קנאת ה', אבער דוד המלך ע"ה זאגט דערויף: 'חקרני קל ודע לבבי בחנני ודע שרעפי', מ'דארף גוט חוקר זיין און בוחן זיין צי זיין קנאות קומט טאקע ווייל עס טוט אים וויי דעם כבוד שמים, צי עס קומט גאר חלילה פון שלעכטע מידות. וויאזוי קען מען דאס וויסן? זאגט ווייטער דוד המלך ע"ה: 'וראה אם דרך עוצב בי', צי איז ער א אנגעצויגענער און נערוועזער מענטש וואס שלאגט זיך שטענדיג מיט די ארומיגע, וואס איז א הוכחה אז זיין קנאות קומט פון נישט גוטע מידות, אדער ער איז א בחינה פון 'ונחני בדרך עולם', אן ארנטליכער און רואיגער מענטש וואס פירט זיך שטענדיג מיט דרך ארץ ובסבר פנים יפות, וואס איז א הוכחה אז זיין קנאות קומט טאקע פון אמת'ע קנאות פאר'ן כבוד שמים.

## בעסער א קראנקער שלום ווי א געזונטער מחלוקת

עס דערציילט הגה"צ רבי מרדכי שטיין שליט"א אבד"ק פאלטישאן:

איך האב אמאל מיטגעהאלטן א פאל פון א "שלום בית" פראבלעם ביי א געוויסע משפחה, נאכדעם וואס די פאר-פאלק איז געווען צוטיילט, און צווישן די משפחה איז געווען א מיינונגס פארשידנהייט צי מ'זאל צוריקגיין, אדער זיך גט'ן ח"ו.

די משפחה האט מיר דאן געבעטן איך זאל אנפרעגן דעם רבי'ן דערוועגן. איך האב טאקע פארגעלייגט פאר'ן רבי'ן די אלע צדדים לכאן ולכאן וועלכע דער רבי האט צוגעהערט מיט גרויס אינטערעסע.

דאן האט מיר דער רבי א פרעג געגעבן: "און וואס זאגט דער אינגערמאן אליין?". האב איך געענטפערט אז דער אינגערמאן מצדו וויל צוריקגיין, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט: "עס איז בעסער א קראנקער שלום, ווי א געזונטער מחלוקת..." דער רבי האט אויסטערליש הנאה געהאט פונעם אויסדרוק, און האט זיך אנגערופן בלשון קדשו: "יא, יא! עס איז אמת, עס איז אמת!". דער רבי האט טאקע אנגעוויזן אז מ'זאל זען זיך צוריק צו פאראייניגן, און אזוי האט מען טאקע געטון.

## והבאת שלום בין איש לאשתו:
## שלום בית הושענא רבא פארטאגס

ווי באקאנט האט דער רבי זיך זייער אסאך אפגעגעבן בהבאת שלום בין איש לאשתו. מיט זיין גרויסע אהבת ישראל, האט זיך דער רבי אראפגעלאזט מן ההר אל העם, און ברוב חכמתו האט ער פרובירט אויף פיל ערליי וועגן צוריקצושטעלן דעם שלום בית אין אידישע שטיבער. דער רבי האט געטון אלץ וואס מעגליך אז מ'זאל זיך אויסגלייכן און פארמיידן א טיילונג ח"ו.

עס איז געגאנגען אויף אזוי ווייט, אז אפילו הושענא רבה ביינאכט, די פארנומענסטע נאכט אין יאר, האט דער רבי עוסק געווען בהבאת שלום בין איש לאשתו.

ווי עס האט דערציילט אחד מחשובי אנ"ש הרה"ח ר' שרגא פייוול ווייס ז"ל:

איין יאר הושענא רבה ביינאכט ווען איך בין געגאנגען זיך געזעגענען ביים רבי'ן, אינאיינעם מיט א גרויסן עולם וואס האבן געווארט אריינצוגיין, האט דער רבי אויפאמאל אפגעשטעלט דאס געזעגענען.

ווען דער רבי האט שפעטער צוריק אנגעהויבן אויפנעמען דעם עולם, האב איך ווי אויפגעמערקט אז איך האב זייער לאנג


געווינער פון פאריגע וואך

פרשת כי תשא:

NEW YORK *** 4995 EXCELSIOR
ר' שלום אלימלך פאלקאוויטש

NEW YORK *** 2255 EXCELSIOR
ר' יושע פריעדמאן

NEW YORK *** 8270 EXCELSIOR
זיך נאכגעשט געמאלדן

NEW YORK *** 4912 EXCELSIOR
זיך נאכגעשט געמאלדן

NEW YORK *** 4496 EXCELSIOR
משפי' שטערן

ספאנסאר פון פרשת כי תשא:

CarSafe
845.512.5555

'היטשעט' און 'געווינט'
845.288.3880

## קאמפיין ספאנסארס:

PRO DECKS
845.352.DECK

MEN'S CORNER
845.782.6756

QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733

פלייש

MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
845.287.4190

נר שעה
ליב גליק

Peppermint supermarket
mintleaf Kosher Market

carsafe
845.512.5555

צדקת הע"ס

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880


געווארט אריינצוקומען. דער רבי האט זיך ווי פארענטפערט און געזאגט: "ביי מיר איז אויך ערב יום טוב, אבער איך האב יעצט געהאט א שטיקל הכנה צו די הושענות; איך האב זוכה געווען צו מאכן שלום בין איש לאשתו". - די ווערטער האט דער רבי געזאגט מיט גרויס התרגשות.

ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט, איז צום רבי'ן דעמאלט אריינגעגאנגען א איד מיט א קוויטל און צווישן אנדערן דערמאנט אז ער איז אנגעוויזן אין א ישועה איבער שלום בית. דער רבי האט תיכף אפגעשטעלט דאס געזעגענען און געבעטן אריבערצורופן זיין בני בית מיט די עלטערן פוןביידע צדדים. דער רבי האט אויסגעהערט די טענות ומענות פון ביידע צדדים, און נאכ'ן רעדן א לענגערע צייט אויסגעגליכן די פראבלעמען און צוריקגעשטעלט דעם שלום בית.

נאך דערציילט ר' פייוול ז"ל: איך האב געהאט א ידיד ביי וועם דער שלום בית האט היבש אונטערגעהינקט, און איך געדענק ווי דער רבי האט אין די פארטאגס שטונדן נאכ'ן טיש הושענא רבא ביינאכט געלאזט אריבעררופן דאס פארפאלק. דער רבי האט געלאסן אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים, יעדער מיט זיינע טענות און תביעות. דער רבי האט אויפמערקזאם אויסגעהערטביידן און דאן פרובירט אויסצוגלייכן דעם סכסוך און צוריקשטעלן דעם שלום.

שפעטער האב איך געהערט פון א איד וואס האט געהאט אן ענליכע איבערלעבעניש ביי זיינעם א קרוב משפחה, וועלכער האט זיך אויך געמוטשעט מיט'ן שלום בית, אז דער רבי האט אריבערגערופן דאס פארפאלק הושענא רבא שפעט ביינאכט און געארבעט אויסצוגלייכן די צדדים.

ווי עס שיינט האט דער רבי געהאט אן ענין עוסק צו זיין אין דעם ענין הושענא רבא ביינאכט. בדרך אפשר קען מען לערנען פשט אין דעם רבי'נס כוונה, לויט ווי עס ווערט געברענגט פון זוהר הקדוש (וואס מ'זאגט הושענא רבא ביינאכט אז שמיני עצרת איז א טאג פון 'יחוד' און 'זיווג העליון' פונעם אויבערשטן מיט די אידן. ווער ווייסט, אפשר האט דער רבי מכוון געווען צו מאכן א 'פועל דמיוני', ווי באקאנט פון ספרים הקדושים, און דערפאר דעמאלט זיך אפגעגעבן מיט'ן איינשטעלן דעם שלום בין איש לאשתו. (זע נאך דערוועגן אין ספר עזר בקודש עמ' תקמ"ח).

## "שלום בית" — דורכ'ן רעדן און וויסן וויאַזוי צו רעדן

עס האט דערציילט הרה"ח ר' חיים משה שטויבער ז"ל: איך בין אַמאָל אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן אינאיינעם מיט אַ בחור אַ בעל-תשובה, וועלכער האָט געהאַט שוועריגקייטן מיט'ן רעדן. ער איז שוין נישט געווען קיין אינגער בחור, און עס האָט זיך אים דעמאָלט גערעדט אַ שידוך מיט אַ מיידל וואָס איז אַ שטומע ל"ע. היות עס האָט זיך אים דערווייל נישט געמאַכט קיין אַנדערע שידוכים, איז ער געקומען פרעגן דעם רבי'ן צי ער זאָל טאָן דעם שידוך.

דער רבי האָט אים געפרעגט פאַרוואָס עפּעס דאַרף ער נעמען אַ שטומע מיידל? וועלנדיג זיך פאַרענטפערן האָט ער געזאָגט פאַר'ן רבי'ן, אַז אפשר איז דאָס נישט קיין חסרון, אויב זי קען נישט רעדן וועט מען זיך כאָטש נישט קריגן, עס וועט זיין גוטע שלום בית... דער רבי האָט זיך צושמייכלט און זיך אָנגערופן צום בחור מיט ליבשאַפט: "נישט קענען רעדן, איז נאָך נישט קיין סגולה פאַר שלום בית... מ'דאַרף קענען רעדן און וויסן וואָס און וויאַזוי צו רעדן..."

## השם שלום:
## מונע זיין מחלוקת ביים געבן א נאמען

עס דערציילט הרה"ח ר' משה אברהם דעססער שליט"א מחשובי אנ"ש אין קרית יואל:

ווען עס איז מיר געבוירן געווארן מיין עלטסטער זון בין איך געווען אין א פארלעגנהייט וואספארא נאמען צו געבן פאר'ן רך הנולד. מיין שווער האט געוואלט איך זאל א נאמען געבן נאך זיין זיידן (הרה"ח ר' יהושע אשר זעליג נייפעלד ז"ל) וועלכער איז נפטר געווארן אינדערהיים פאר'ן קריג און עס איז נאכנישט געווען א נאמען נאך אים אין דער משפחה. ווידער מיין טאטע האט געוואלט איך זאל א נאמען געבן נאך זיין אייגענעם טאטן, וויבאלד ער האט נאך אויך נישט געהאט קיין נאמען נאך אים. כאטש וואס אייגנטליך לויט'ן מנהג העולם קומט צוערשט דעם נאמען פאר'ן צד פונעם שווער, דאך האב איך געקלערט אז ביי דעם איצטיגן פאל איז אנדערש, וויבאלד מיין שווער וויל בסך הכל א נאמען געבן נאך א זיידן, ווידער מיין טאטע וויל א נאמען געבן נאך זיין אייגענעם טאטן.

זייענדיג אין א דילעמע בין איך אריין אל הקודש פנימה צום רבי'ן און פארגעלייגט די צדדים. דער רבי האט מיר אויסגעהערט און דאן מיר געענטפערט ווי פאלגנד: דער גאנצער ענין פון געבן דעם ערשטן נאמען נאך שווער'ס צד איז א לעצטערע זאך, אמאל האט מען געגעבן דעם ערשטן נאמען נאכ'ן טאטנ'ס צד!. אבער דאך, כדי צו מונע זיין מחלוקת זאלסטו געבן דעם נאמען נאכ'ן שווער'ס צד.

ווען עס איז מיר געבוירן געווארן א צווייטער זון בין איך אריין אל הקודש פנימה און פארגעלייגט פאר'ן רבי'ן אז איך רעכן א נאמען צו געבן 'חיים' נאך מיין שוויגער'ס פאטער הרה"צ בנש"ק רבי חיים ליפשיץ זצ"ל הי"ד (דומ"ץ בק"ק קליינווארדיין), און וויבאלד ער איז אומגעקומען אויף קידוש ה' אין אוישוויץ האב איך געוואלט צולייגן דעם נאמען 'דוד אריה' נאך זיין פאטער (הגה"צ רבי דוד ארי' בריזל זצ"ל פון ירושלים). האב איך געפרעגט דעם רבי'ן וואספארא נאמען זאל איך שטעלן צום ערשט; דער נאמען 'חיים', אדער דער צוגעלייגטער נאמען 'דוד אריה'?, האט מיר דער רבי געענטפערט: "אזויווי דיין בני-בית גלייכט בעסער, אזוי זאלסטו טון!..."

אן אנדערע מאל האב איך באקומען א הוראה פון רבי'ן אנבאלאנגט דעם ענין פון צופרידן שטעלן די בני-בית. געווען איז דאס אין א צייט ווען מיר האבן אנגעהויבן צו קלערן איבער זיך ארויסצוציען פון וויליאמסבורג קיין מאנסי. מיין ב"ב שתחי' האט אבער נישט געהאט קיין חשק זיך צו ציען קיין מאנסי, בין איך אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה און דאס איבערגעשמועסט מיט'ן רבי'ן. דער רבי האט מיר דאן געזאגט בזה הלשון: "אויב די בני-בית האט נישט קיין חשק, קען מען נישט!. וועסט דעמאלט גיין, ווען זי וועט האבן חשק!..."

## שלום-בית איז דער גרעסטער "חיוב"

עס האט דערציילט הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ז"ל הי"ד משמש דקהלתינו:

איינמאל איז געווען א איד וואס האט געהאט יארצייט נאך זיין שווער און האט געבעטן מ'זאל אים געבן אן עלי'. דאקעגן זענען יענעם שבת געווען אין ביהמ"ד פילע אנדערע חיובים, און עס זענען נישט געווען גענוג עליות פאר אלע חיובים. ווען מיר זענען איבערגעגאנגען מיט'ן רבי'ן די חיובים, האבן מיר דערמאנט אויך יענעם איד, וואס האט יארצייט נאך זיין שווער. האט זיך דער רבי אנגערופן: "אוודאי זאל מען אים געבן אן עלי'. ביי אים איז דאס אן ענין פון 'שלום בית', און שלום בית איז דער גרעסטער 'חיוב' מער ווי אלע אנדערע חיובים..."

(באילנא דחיי ח"א עמ' שס"א)

# ה' יברך את עמו בשלום:
# שלום – נאר צווישן ערליכע אידן

עס האט דערציילט הגה"ח ר' יודל סלאנים ז"ל זון פון הגה"ק רבי מאטל סלאנים זצ"ל איבער די ערשטע די סעודת הודאה כ"א כסליו שנת תש"ו וואס דער רבי האט געפראוועט אויף אן ענגן פארנעם בביתו נאוה קודש אין ירושלים עיה"ק, ביי וועלכן דער רבי האט געזאגט די פאלגנדע דברי תורה:

דער רבי האָט נאָכגעזאָגט אַז ער האָט געהערט אַ טייטש אויף די גמרא אין מסכת זבחים (דף קטז.): בשעה שנתן הקב"ה את התורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם עד סופו, וכל מלכי אומות העולם אחזתן רעדה בהיכליהן וכו' נתקבצו כולם אצל בלעם הרשע וכו', אמר להם חמדה טובה יש לו בבית גנזיו שהיתה גנוזה אצלו תתקע"ד דורות קודם שנברא העולם וביקש ליתנה לבניו שנאמר ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום.

מ'קען אפשר מסביר זיין די גמרא, בהקדם וואָס עס ווערט מבואר אין די ספרי חסידות ומוסר אַז די מדת השלום איז פון די גרעסטע און וויכטיגסטע מדות וועלכע אידן שומרי תורה ומצוות דאַרפן זיך אויסצייכענען. אָבער אויף דעם זעלבן אופן וואָס מ'דאַרף מרבה זיין שלום צווישן אידן, אַזוי דאַרף מען אויך זיך מרחק זיין אינגאַנצן פון די וועלכע ווילן צושטערן די תורה הק', און די וועלכע זענען זיך מתחבר מיט זיי און זיי לעבן מיט זיי בשלום, איז די סכנה זייער גרויס, וויבאַלד דאָס וועט צוברענגען אַז מ'זאָל ח"ו נמשך ווערן נאָך זיי.

דאָס קען זיין, ווען דער באַשעפער האָט געגעבן די תורה פאַר די אידן איז געפאַלן אַ גרויסער ציטער אויף די אומות העולם, מורא האָבנדיג אַז דורך דעם וואָס די אידן וועלן מקיים זיין תורה ומצוות וועלן זיי נתבטל ווערן און וועלן נאבד ווערן פון די וועלט, און ס'וועט נישט בלייבן פון זיי קיין שריד ופליט. איבערדעם האָבן זיך צוזאַמגענומען די מלכי אומות העולם צו טראַכטן עצות וויאַזוי אָפּצוהאַלטן די אידן פון מקיים זיין תורה ומצוות. האָט זיי בלעם געזאָגט אַז ער זעט נישט קיין שום עצה ותבונה וויאַזוי צו שטערן די אידן פון קיום התורה ומצוות, וויבאַלד די אידן זענען עזים שבאומות און ס'איז זייער שווער זיי מבטל צו זיין. ה' עו"ז לעמו יתן, דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר די אידן אַן עזות דקדושה צו קענען שטיין קעגן אַלע נסיונות. אידן זענען אַ שטאַרקע און פעסטע פאָלק וועלכע האַלטן די תורה ומצוות מיט אַ פעסטקייט נישט נאָכצוגעבן קיין קוצו של יוד. און אויף דעם האָבן די אומות העולם געזאָגט "ה' יברך את עמו בשלום", דורך דעם וואָס די אידן וועלן שטענדיג זוכן מרבה צו זיין מדת השלום קענען זיי פאַרפירט ווערן צו וועלן מאַכן פשרות און וויתורים אין די חוקי התורה והמצוות, און זיך מתחבר זיין און שלום מאַכן מיט די רשעים און פושעים. דאָס וועט חרוב מאַכן דעם גאַנצן כח התורה און אַזוי אַרום וועלן די אומות העולם שוין מער נישט דאַרפן מורא האָבן.

מיט דעם יסוד קען מען אפשר מסביר זיין – האָט דער רבי ממשיך געווען – דעם מדרש אין פרשת בראשית (ב"ר פ"ח ס"ה) בשעה שרצה הקב"ה לברוא את העולם נעשו מלאכי השרת כתות כתות וכו' אמת אמר אל יברא מפני שכולם שקרים וכו', שלום אומר אל יברא דכוליה קטטות, מה עשה הקב"ה נטל אמת והשליכו לארץ וכו'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: מילא דעם אמת האָט דער אויבערשטער שטיל געמאַכט מיט'ן אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד, אָבער וואָס האָט דער אויבערשטער געטאָן מיט די מדת השלום. און אויב האָט דער אויבערשטער נישט אַראָפּגעוואָרפן די מדת השלום צוליב איר ריכטיגע טענה, נו, אויב אַזוי פאַרוואָס האָט טאַקע דער באַשעפער נישט אָנגענומען איר טענה.

נאָר לויט ווי מיר האָבן געשמועסט קען אפשר זיין בדרך צחות, אַז אויב וואַרפט מען אַראָפּ דעם אמת אויף דער ערד וועט שוין ממילא ווערן שלום, און ס'וועט ממילא בטל ווערן די טענה פון מדת השלום שכולו קטטות... דער וועג פון די צבועים, די כת המשקרים פון אונזער דור, איז דאָך שטענדיג צו זאָגן און צו שרייען אויף ערליכע אידן די אמת'ע מקנאי קנאת ה' אַז זיי זענען מרבה מחלוקת אויף די וועלט, און נישט דאָס איז דער דרך התורה, נאָר דרכיה דרכי נועם און נאָך פאַרשידענע מאמרי חז"ל וואָס איז שגור על לשונם. און די רודפי השלום, כביכול, זענען מוותר אויף פאַרשידענע מצוות און זענען זיך מתפשר מיט די פושעים נאָכגעבנדיג פאַרשידענע קולות, מיט די טענה אַז מ'ברויך דאָך מרבה זיין מדת השלום. נו, אַ רשע האָט דאָך פיינט אַ פרומען איד, אויב אַזוי וואָס איז דער וועג צו קענען ווערן שלום מיט זיי, מ'גיט אַביסל נאָך פון די תורה ומצוות, נישט קיין סאַך, אַזוי אַרום איז מען מקיים בתכלית השלימות די מצוה פון מרבה זיין שלום צווישן אידן. קומט אויס אַז נאָך וואָס מ'וואַרפט אַראָפּ דעם מדת האמת דאַרף מען שוין מער נישט אַראָפּוואַרפן דעם מדת השלום, ווייל זיין טענה 'שכולו קטטות' ווערט אויס טענה, וויבאַלד עס איז שוין מער נישט פאַרהאַן קיין מחלוקת אויף דער וועלט.

מיין טאַטע האָט זייער הנאה געהאַט פון דעם רבי'נס וואָרט, און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל: "קומט גאָר אויס אַז די רשעים זיי האָבן אַראָפּגעברענגט די מדת השלום אויף דער וועלט"... און דער רבי מיט מיין טאַטן האָבן צוזאַמען געשמייכלט.




צדקת העיר
הקופה למען נצרכי קרית יואל והגלילות

שטאטישע חסד
הייבט זיך אן ביי
שטאטישע קאסע

עירך פורימ"ך קודמין...

שטעלט אייך אפ, נעמט אים אויף,
ווען...?
יעדן 'היטשער' און 'גבאי צדקה'...

אלטר משה קליין
מנכ"ל 'צדקת העיר' רבתי

CAMPAIGN SPONSOR Week #9



# שאלת חכם

אקטועלע און אינפארמאטיווע שמועסן, באגלייט מיט
יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט א אידישן בליק

געענטפערט דורך
הרה"ג רבי **נחום אבראהאם** שליט"א
דומ"ץ במאנסי

# סוגיא דכלל ופרט וכלל

## ווי אזוי שטעלט מען צוזאם דאס פערזענליכע לעבן מיט דעם ציבור'ישע לעבן?

### שאלה:

**לכבוד דער חשוב'ער דיין שליט"א.**

**איך ליין מיט גרויס אינטערעסע יעדע וואך דעם 'שאלת חכם', עס ברענגט א געוואלדיגע הנאה און תועלת אויף למעשה. אצינד וויל איך פארלייגן א פראגע:**

**איך בין א משמש אין א בית המדרש ווי דער ציבור ווערט קיין עין הרע גרעסער פון וואך צו וואך צוליב די נייע געגענטער וואס קומען ב"ה צו, אבער אין די זעלבע צייט ווערט די מצב פון זיך פארטראגן און צופרידנשטעלן יעדן איינעם שווערער און שווערער. מענטשן באליידיגן זיך ווען זיי קלערן אז מ'האט זיי נישט געהעריג מכבד געווען אדער גאר בעוול'ט. איך דארף א שטיקל קורס צו וויסן פאר מיר אליין און צו קענען מסביר זיין פאר אנדערע, אז מ'קען נישט פירן א בית המדרש לויט יעדן איינעם'ס משוגעת'ן און מ'מוז געטרויען די הנהלת בית המדרש, און איך דארף א שטיקל הדרכה פאר מיר אויך ווי אזוי בעסער צו באהאנדלען דעם ציבור, און ווען מ'דארף מעורר זיין מענטשן נישט צו ברענגען קליינע קינדער אין שול וואס מאכן א גרודער, אדער אז זיי אליין זאלן נישט שמועסן, ווי אזוי טוט מען דאס אז זיי זאלן זיך נישט באליידיגן.**

**איך ווייס אז ס'איז נישט מעגליך יעדן צופרידן צושטעלן און מ'דארף קענען ליידן און שלינגען, אבער דאך איז גוט צו וויסן וואס איז די בעסטע מהלך.**

**ביטע אויב מ'קען דאס קלאר אויסשמועסן. מיט פיל דאנק.**

### תשובה:

פאר אלעם דארף מען מקדים זיין א יסודות'דיגע ענין וואס איז וויכטיג פאר יעדן צו פארשטיין: ווי אזוי באלאנסירט מען און מ'ארבייט אויס אז דער פרט מיטן כלל זאלן זיך פארטראגן און קאפערירן איינס מיטן צווייטן. פארוואס מ'מוז האבן די צוזאמשטעל פוןביידע, און וואס איז די אויפגאבע פון יעדע חלק באזונדער.

אין דעם סדר פון טאג טעגליכן לעבן ביי יעדן מענטש, שטעלט זיך אויס צוויי פארשידנארטיגע סארט הנהגות און יסודות: איינס הייסט דאס ציבור'ישע (סאוש"ל) לעבן - זאכן וואס האט צו טון מיטן כלל - געמיינדע, דאס צווייטע איז די פערזענליכע און פריוואטע יחיד'ישע לעבן יעדער פאר זיך אין זיין שטוב. און מ'דארף וויסן ווי אזוי צו האנדלען יעדע איינע פון זיי מיט די ריכטיגע כלים.

אין פריוואטן פערזענליכע לעבן זארגט ער זיך פאר זיינע געברויכן אין חינוך אין פרנסה א.א.וו. ער שטעלט ער אויס זיך מיט זיין שטוב לויט ווי ער האט מקבל געווען פון זיין טאטן און רבי'ן, און לויט זיינע השגות אין עבודת ה' און דיקדוקי מצוות. אויף דעם ארבייט ער און אויף דעם שטרעבט ער. אבער ווען ס'קומט צום ציבור דארף ער געדענקען אז דא שפילט נישט קיין ראלע זיינע פריוואטע פערזענליכע געברויכן. ער איז נישט א זאך פאר זיך. דא איז ער נאר א רינגעלע אין דעם גרויסן לאנגן קייט וואס רופט זיך ציבור. און די רינגעלעך מוזן קאפערירן איינס מיטן צווייטן כדי די קייט זאל בלייבן א קייט.

ווען ס'קומט צו הנהגת הציבור דארף דאס געפירט ווערן לויט די אלגעמיינע הנהגה וואס ס'איז אייביג געווען איינגעפירט ביי דעם ציבור, דער יחיד קען נישט אריינמישן זיינע פריוואטע נגיעות און אפילו נישט זיינע גוטע הייליגע השגות, וואס קען זיין זייער גוט פאר אים, אבער ס'שטימט נישט מיט'ן מהות און געברויך פון דעם סארט ציבור. צב"ש אז ער האט ליב צו דאווענען פסוקי דזמרה פערציג מינוט און נארמאל איז אויסגעשטעלט פון הודו ביז ברכו 12-13 מינוט (אינדערוואכן), קען ער נישט פארלאנגען אז מ'זאל

> **ווען ס'קומט צום ציבור דארף ער געדענקען אז דא שפילט נישט קיין ראלע זיינע פריוואטע פערזענליבע געברויכן. ער איז נישט א זאך פאר זיך**

זיך צו אים צושטעלן. אדער אז ווען ער איז אנגעקומען שפעט האט ער טענות פארוואס מ'שטעלט זיך אזוי פונקטליך, אבער ווען ער איז פונקטליך וויל ער מ'זאל אנהויבן און צייט און זיך נישט רעכענען מיט די שפעטיגערס. ער פארשטייט נישט אז מ'קען נישט פירן לויט זיין גוסטע ווייל ער האט אדאפטירט דעם כלל פון בשבילי נברא העולם. (מן הסתם איז דאס דער זעלבער וואס אין גראסערי שטופט ער זיך אריין אין די רייע פארנט אפילו ווען ס'איז דא מענטשן וואס ווארטן שוין פאר אים, און ער איז אויך יענער ווילדער דרייווער וואס יעדער מוז זיך אוועקריקן פאר אים אויב זיי ווילן נישט כאפן א קראך אין זייער קאר, והוא באחד ומי ישיבנו, ומי יאמר לו מה תעשה, ער זאגט 'מיט מיר זאל זיך קיינער נישט אנהייבן'.)

השי"ת האט אזוי אויסגעשטעלט די וועלט אז איינס אן די אנדערע ארבייט נישט. צב"ש אויב מענטשן וואלטן געלעבט נאר פאר זיך און בכלל נישט געווען אינטערעסירט אינעם ציבור'ישע לעבן, וואלט געווען א בחינה פון שלי שלי ושלך שלי, אלעס איז נאר פאר מיר, איש את רעהו חיים בלעו, מ'וואלט נאר געקוקט אויף זיך און זיך בכלל נישט גערעכנט מיט א צווייטן, ס'וואלט געווען א כאאס אין די וועלט נאך ערגער ווי ביי די פארצוקענדע חיות, ווייל מ'וואלט נאך גענוצט דאס מענטשליכע שכל אויך דערצו.

רש"י (בראשית מו, כו) ברענגט פון מדרש אז ביי עשו רעכנט די תורה אויס נאר זעקס מענטשן און ער רופט זיי נפשות א לשון רבים, ווידעראום ביי יעקב רעכנט ער אויס זיבעציג מענטשן און ער רופט זיי נפש א לשון יחיד, ווייל ביי אידן ווען זיי נעמען זיך צוזאם האבן זיי אלע נאר איין כוונה: צו דינען דעם איינציגן באשעפער און ארויסברענגען כבוד שמים! אידן קאנצענטרירן זיך נישט אויף דעם חלק הגוף וואס מיט דעם איז יעדער אפגעטיילט פונעם צווייטן, נאר זיי זענען קאנצענטרירט אויף דעם חלק הנשמה וואס מיט דעם זענען מיר אלע פון איין זעלבע מקור נשמת ישראל וואס איז פון גאר א הויכע הייליגע פלאץ וואס ווערט גערופן כנסת ישראל אדער שכינה הקדושה, וואס מצד דעם זענען מיר ממש איינס, ווי רש"י זאגט אויפ'ן פסוק

(דברים לג, יט) עמים הר יקראו 'כולם עובדים לאלקי אחד' וכו', משא"כ די גוים אפילו ווען זיי טוען גוטס זענען זיי א עלמא דפרודא, יעדער מיינט זיך, 'כל טיבו דעבדין לגרמייהו עבדין' אפילו ווען זיי טוען גוטס מיינען זיי נאר זיך, אזוי ווי דער דור הפלגה איינמאל זיי האבן נישט קאפעריִרט האבן זיי געמוזט צושיידט ווערן, מ'קען נישט אזוי ארבייטן צוזאמען. דער פסוק זאגט 'ואהבת לרעך כמוך אני ה'' - נאר ווען מ'מיינט דעם רבש"ע דעמאלט איז שייך דער ענין פון אהבת חברים, אבער ווען מ'מיינט זיך איז דאס אהבת עצמו נאר ער נוצט דערצו זיין חבר, ווי מרן רבינו הקדוש זי"ע האט געזאגט (דברי יואל קהלת, בהתייסדות התאחדות אברכים) אז ביי יעדע ארגאניזירונג, אויב איז דאס נישט אויף צו קענען דינען השי"ת ווי ס'דארף צו זיין, איז דאס ממש הבל הבלים ווי שלמה המלך זאגט 'הבל הבלים אמר קהלת'. רש"י (ברכה עה"פ ויהי בישורון מלך) זאגט אז ביי יעדע פארזאמלונג פון אידישע קינדער דארף מען מקבל זיין עול מלכות שמים, נאר דעמאלט רוהט דארט דער אור אין סוף פון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

דאס זעלבע פארקערט: וואלט געווען נאר א ציבור'ישע לעבן און נישט די פריוואטע לעבן, וואלט קיינער נישט געהאט קיין שטרעבונג און א דראנג צו טון עפעס. אויב ער וואלט זיך נישט געשפירט ווי א יש, נאר אזוי ווי נאך א נומבער פונעם ציבור, ווער וואלט דען געוואלט עפעס טון? ווער וואלט געמאכט א גראסערי און זיך געפלאגט צו פארשאפן פאר מענטשן עסן און שטיין א גאנצן טאג אויספאקן באקסעס און פארקויפן פאר מענטשן, ווען ער פארדינט גארנישט דערפון? (נאר ווען ער טוט דאס שוין פאר זיך קען ער אויך אינזין האבן די טובת הציבור און טון געוויסע זאכן נאר פאר זיי.) אזוי ווי דער בין וואלט נישט אויסגענאגט די זיסע האניג פון די בלעטער נאר כדי מענטשן זאלן האבן האניג, נאר ער טוט דאס פאר זיך און ממילא האבן מענטשן הנאה.

און די גאנצע בריאה האט השי"ת אזוי אויסגעשטעלט אז יעדער דארף אנקומען צום אנדערן. א מענטש קען זיך נישט באגיין אליין. דער שוסטער דארף אנקומען צום שניידער, און דאס זעלבע פארקערט. א מענטש זאל אויסרעכענען וויפיל זאכן ער נוצט יעדן טאג וואס יעדע זאך האט פארשידענע חלקים וואס יעדע חלק קומט פון א אנדערע קאמפאני, און וויפיל הענט ס'גייט אדורך ביז ס'קומט אן צו אים, און צו וויפיל קאמפאניס דארף מען אנקומען נאר צו מאכן א קאר מיט אלע חלקים ביז צו קענען נוצן, צו וויפיל קאמפאניס דארף מען צוקומען נאר צו אהערשטעלן זיין עסן, קליידונג, און אנדערע אלע צרכי הגוף. צו וויפיל קאמפאניס דארף מען אנקומען נאר צו צושטעלן אלע סארט מאכלים וואס ער געניסט דערפון נאר אין איין וואך, אנגעהויבן פון די מאכלים זעלבסט, ביז צו די כלים מיט וואס מ'מאכט זיי, ביז צו די טעלער, לעפל, גאפל, טיש, טישטוך, און בענקל אויף וואס ער עסט.

אזוי ווי א גרויסע מאשין וואס איז צוזאמגעשטעלט פון טויזנטער חלקים קענען נישט די קליינע חלקים פארלאנגען אז מ'זאל זיך רעכענען נאר מיט זיי, אפילו ווען ס'איז נישט די טובה פאר די גאנצע מאשין, אבער אין די זעלבע צייט

**פארדעם שטעלן זיך צוזאם קהלות, מ'מאכט בתי מדרשות, מ'דאווענט און מ'לערנט צוזאמען, מ'לערנט זיך אויס ווי אזוי דורכצוקומען מיט אנדערע באטש די שינויים אין נאטור צווישן איינעם און צווייטן**

מוז מען זיך אויך רעכענען מיט יעדע פריוואטע סקרול פון די מאשין ס'זאל זיין גוט געמאכט ווייל אז נישט איז די גאנצע מאשין א פראבלעם. און אזוי ווי ווען איינע פון דעם מענטשנ'ס חושים ארבייטן נישט גוט ווערט דער גאנצער מענטש אפעקטירט, אבער ווען ס'איז א סכנה פאר די גאנצע גוף וועט מען מוותר זיין אויף איינע פון די חושים, ווען מ'דארף אפערירן ח"ו אראפצונעמען א פינגער כדי צו ראטעווען דאס לעבן פונעם מענטש קען מען זיך נישט רעכענען מיט דעם פינגער, דאס זעלבע איז ביי דער יחיד און דער ציבור: מ'רעכנט זיך טאקע מיט יעדן מתפלל, אבער אויב איז ער מזלזל אין קדושת ביהמ"ד, ער איז מחלל כבוד השכינה מיט שמועסן ביים דאווענען אדער ליינען, אדער ביי אים איז דאס ביהמ"ד א בעיביסיטינג פלאץ מיט ברענגען קליינע קינדער וואס שטערן, קען נישט דאס גאנצע ביהמ"ד ליידן וועגן אים, זאל ער זיך געזונטערהייט גיין. ס'איז דא געוונג בתי מדרשים. אדער זאל ער דאווענען אינדערויסן און צוהערן קדושה מיט קדיש. הגם לכבוש המלך עמו בבית? דער פסוק שרייט 'אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו' - מ'קען בויען א פענסי בית המדרש פאר מיליאנען, אויב פארטרייבט מען די שכינה פון דארט האט מען זיך אומזיסט געפלאגט דערויף.

געוויינליך ענטפערט די הנהלת ביהמ"ד אז מ'האט שוין פרובירט און מ'קען זיך מיט אים נישט קיין עצה געבן. די שאלה איז נאר וואס וואלט געווען ווען ער וואלט צובראכן די פענסטער פון בית המדרש אד"ג, דעמאלט וואלט מען שוין גאנץ גוט געטראפן א וועג זיך א עצה צו געבן מיט אים... נאר וואס דען דאס איז ליידער ביי זיי נישט אזוי וויכטיג, ס'אהרט זיי נישט אזוי שטארק, דעמאלט פארוואס זענען זיי פון די הנהלת ביהמ"ד?

די שאלה איז נאר פארוואס טאקע האט השי"ת אזוי באשאפן די וועלט אז מ'זאל דארפן אנקומען איינער צום אנדערן, און זיך נישט קענען באגיין אליינס? מ'מוז זיך צוזאמשטעלן א ציבור, מ'מוז חתונה האבן און אויפשטעלן א שטוב צוזאם מיט די בני בית, פארוואס איז דאס אזוי? די חיות און בהמות דארפן נישט אזוי שטארק אנקומען צו אנדערע, זיי באגייען זיך על פי רוב אליינס, כל שכן אז זיי האבן נישט קיין ציבור'ישע פלעצער ווי זיי קומען זיך צוזאם דריי מאל א טאג?

די סיבה דערצו איז ווייל א מענטש איז באשאפן געווארן בצלם אלקים, און זיין תכלית איז צו מקיים זיין ולדבקה בו הדבק במדותיו. פונקט ווי השי"ת דארף נישט די וועלט, 'אתה הוא עד שלא נברא העולם אתה הוא משנברא העולם' - השי"ת איז דער זעלבער פארדעם און נאכדעם, נאר 'מדרך הטוב להיטיב' - דאס גוטס וויל גוטס טון, האט ער באשאפן א וועלט להיטיב לבריותיו - צו טון גוטס. עולם חסד יבנה. אזוי אויך דער מענטש איז באשאפן געווארן צו טון חסד און צוהעלפן צום ישוב העולם אויך פאר אנדערע, הן ברוחניות והן בגשמיות, מזכה זיין דעם רבים, מרבה זיין כבוד שמים. פארדעם שטעלן זיך צוזאם קהלות, מ'מאכט בתי מדרשות, מ'דאווענט און מ'לערנט צוזאמען, מ'לערנט זיך אויס ווי אזוי דורכצוקומען מיט אנדערע כאטש די שינויים אין נאטור צווישן איינעם און צווייטן, און מ'דולט יענעמ'ס טבעיות אפילו ס'איז נישט פאר מיין גוסטע, ווייל איך טו דאס נישט פאר מיר.




יואל קרויס
סופר סת"ם
7 Siget Ct.
#201
718.757.0477

מובחר הסת"ם
סת"ם למהדרין ביותר
בנהלת
הר"ר שלמה לאנדא שליט"א

מיט גרויס שמחה טוען מיר מעלדן פאר'ן ציבור המהדרים, אז אויך הייאר האבן מיר בעזהשי"ת
אריינבאקומען
א הערליכע אויסוואהל פון
גאר שיינע מגילות
פון היימישע חשוב'ע סופרים יראי השם

צוליב דעם האט השי"ת אויסגעשטעלט די וועלט אויף אזא סדר אז דאס מענטשליכע מין זאל זיין צוטיילט אויף איינצעלנע פארשידנארטיגע מענטשן מיט אנדערע סארט נאטורן און אנדערע רצונות, יעדער זאל זיך שפירן א מציאות פאר זיך וואס כאטש ער מוז זיך נישט צושטעלן צו זיין א חלק פונעם כלל, דאך טוט ער דאס ווייל ער שפירט א חיוב צו זיין א חלק פון א ציבור און שעפן דורך דעם א כח הקדושה פון א רבים פון כל בי עשרה שכינתא שריא, פון דעם ברוב עם הדרת מלך, ס'זאל זיין ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם - יעדער זאל קענען אהיימנעמען צו זיך אהיים פריוואט דעם כח הקדושה, און פון די צווייטע זייט זאל יעדער יחיד זיך אוועקגעבן און מנדב זיין די כוחות הפרטיים פארן ציבור צו מאכן זיכער אז דאס דאווענען איז טאקע ווי דער רצון הקב"ה דער נותן התורה, ווי אזוי ער וויל ס'זאלן זיך צוזאמשטעלן די פרט מיט'ן כלל.

אין די כללים פון י"ג מדות שהתורה נדרשת בהם איז דא א פרט וכלל, וואס דעמאלט איז 'אין בפרט אלא מה שבכלל' - א מענטש (דער פרט) ווערט נתחזק פון דעם כח הכלל. נאכדעם איז דא א כלל ופרט, 'אין בכלל אלא מה שבפרט' - דער כלל מוז אנקומען צו די כוחות הפרטיים וואס יעדע רינגעלע גיבט צו צו דעם לאנגן קייט. און ווען מ'שאקלט די קייט שאקלען זיך אלע רינגעלעך, יעדער איז א חשוב'ע חלק פון דעם קייט, אן אים איז דער קייט נישט די זעלבע, אבער מ'דארף געדענקען אז 'כלל ופרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפרט' - דער כח הפרט ווענדט זיך זייער שטארק אין די פרטיים ווי שטארק זיי ווילן באמת ס'זאל זיין א כבוד שמים און דאס דאווענען זאל זיין ווי ס'דארף צו זיין, און אז יעדער זאל קומען אין ביהמ"ד מיט חשק און מיט געפיל און נישט שפירן ווי די אריכות התפלה איז אן עול און א משא, אדרבה ס'זאל זיין א דערקוויקעניש און יעדער זאל נושא בעול זיין און מוותר זיין פון זיך פארן כבוד שמים, נישט שמועסן אדער ברענגען אין שול קליינע קינדער וואס מאכן א גרודער, די פוסקים זענען שטארק מחמיר דערין. ווער איז דען גרייט צו נעמען אויף זיך אזא גרויסע אחריות?! דאס איז א שרעקליכע זילזול אין כבוד התפלה, אין כבוד בית המדרש, (דער ספר שתי ידות מהר"ם די לינזאנו זאגט אז ס'איז זייער נישט מסוגל פאר דעם קינד וואס דורך אים איז געשטערט געווארן כבוד ה' עיי"ש).

פונקט ווי יעדער פארשטייט אז ווען מ'גייט צו די ארבייט אין אפיס ברענגט מען נישט מיט א קינדער גארטן, אויך ווען ער גייט צו א קארט אדער לויער אד"ג קען ער דאס נישט טון אפילו אויב די בני בית דארף זיך אפרוען, דארף מען האבן כאטש דעם זעלבן געפיל לגבי כבוד התפלה. אויך זאל מען געדענקען אז מיט דעם איז מען מצער אנדערע אידן וואס ווילן דאווענען רואיג און געשמאק און נישט געשטערט ווערן, איז ער א מזיק את הרבים ומונע אותם מדבר מצוה וואס דאס איינע פון די זאכן וואס איז מעכב את התשובה (ווי דער רמב"ם רעכנט אויס אין הל' תשובה). א בית המדרש איז נישט קיין בעיביסיטינג! דער וואס פארשטייט דאס נישט איז אן אומאחריות'דיגער קאלטער און פארגרעבטער מענטש. יעדער איז מחוייב מעורר צו זיין דערויף, און איינער וואס איז נישט ממונה דערויף קען נאך בעסער מעורר זיין וויבאלד ס'קומט נישט עמטליך, און מ'זאל זיך נישט דערשרעקן אויב יענער ענטפערט חוצפה'דיג...

צוריק צו די צוויי יסודות אין הנהגת העולם: כלל ופרט, מ'זאל נישט אויסמישן די צוויי זאכן, איינער וואס טוט פארן ציבור דארף געדענקען אז ער האט אויך בני בית און קינדער אין שטוב וואס דארפן א מאן און א טאטע. זיי אינטערעסירט נישט דאס וואס דו ביסט א רב, אדער א מגיד שיעור, ראש הקהל, אדער עסקן אד"ג, דאס טוט נישט ערזעצן דיין אויפגאבע אלס פריוואטער מענטש.

> **א גבאי דארף וויסן אז ווען איינער איז אויפגערעגט און גיסט אויס זיין בעס געוויינליך איז דאס נישט צוליב די זאך וואס ער שיסט, ער האט עפעס אנדערש וואס ליגט אין האלז, וואס ער קען נישט אויסגיסן אינדערהיים גיסט ער דאס אויס אין בית המדרש ווי ער שפירט זיך אביסל פריי.**

דאס זעלבע פארקערט: איינער וואס טוט פארן ציבור דארף בשעת מעשה מיינען נאר די טובה פונעם ציבור און נישט אריינמישן זיינע פריוואטע אינטערעסן אין דעם. דאס מיינט צב"ש אויב מ'דארף שטעלן א מגיד שיעור אין זיין ישיבה און ער האט אן אויסוואל פון צוויי מגידי שיעור, איינער זייער א טויגליכער אבער ס'איז נישט זיין זון אדער איידעם, וועט ער ענדערש אים אויסקלויבן, און ער וועט נאר נעמען זיינס א נאענטער אויב ער טויג באמת צו די פאך און ער האט נישט בעסערס.

דאס זעלבע ווען דער ממונה אויפן ציבור האט פריוואטע פראבלעמען אין שטוב אדער אין פרנסה, אויב וועט דאס איבערנעמען זיין ציבור'ישע לעבן, ער וועט פארלירן זיין מוט און אמביציע, איז ער מער נישט ראוי צו זיין א מנהיג. די גרויסקייט פון די מנהיגים איז אז נישט קיין חילוק וואס ער מאכט מיט אין פריוואטן לעבן האט דאס נישט קיין אפעקט אויף די כח ההנהגה זיינע. דער כח פון מנהיג איז אז ער האט נישט קיין פראבלעם מודה צו זיין אז ער האט געמאכט א טעות, ווייל ער מישט נישט אריין זיין אייגענע כבוד און פרעסטידזש אין זיין הנהגה. ער איז נישט דא צו באקומען כבוד, ער איז דא כדי צו געבן פארן ציבור. א גבאי פון א בית המדרש אדער אפילו א רב און א רבי וואס ווערט ברוגז ווען איינער פארשעמט אים און ער פארשעמט צוריק איז נישט קיין מנהיג. ער האט אריינגעמישט זיין אייגענע נגיעות. און ער האט אויך א טעות, ווייל ער ווערט אסאך מער געזעצט ווען יעדער זעט אז ער איז א בעל מדות און ער קוקט נישט אויף זיין כבוד, ער פאדערט נישט אז דער ציבור זאל אים אנערקענען אלס געהויבענער מענטש. פארשטייט זיך אז ער


אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**

**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**



# זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:

**845.783.0546**

לשכת בית הוראה:

**6 גארפיעלד רד. #013**

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג **רבי מרדכי דוד יוראוויטש** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג **רבי משה זאב שווארץ** שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג **רבי שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג **רבי מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג **רבי מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג **רבי יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג **רבי יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג **רבי שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג **רבי שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

מוז האלטן דעם כח המנהיגות און נישט לאזן ס'זאל זיין א הפקר וועלט אז יעדע זאל קענען באלעבאטעווען אויפן עולם, אבער אלעס נאר אזוי לאנג וואס ער מישט נישט אריין זיינע פריוואטע געפילן און מדות, נאר ס'איז כולו לשם שמים לטובת הציבור בלבד.

ביי די מעשה העגל ווען משה רבינו האט געזאגט 'מחני נא מספרך' זאגט דער מדרש: פון עוה"ז און עוה"ב. דאן האט השי"ת מבטל געווען די גזירה און נאכגעגעבן פאר משה רבינו אלעס! די גזירה איז בטל געווארן! ווייל אז מ'האט אזא מנהיג וואס גיבט זיך אינגאנצן אוועק און איז מפקיר אלעס צוליב די אידן, האבן זיי א תיקון אפילו אויפן ערגסטן פאל, זיי זענען נישט פארפאלן, (איתפשטותא דמשה בכל דרא, יעדער מנהיג און יעדער טאטע אין שטוב, דארף זיך דערין אנכאפן).

שטייט אין דברי יחזקאל (האזינו עה"פ קל אמונה) בשם דעם הייליגן רוזינער: מ'זאגט שבת ביי נשמת 'בפי ישרים תתרומם ובשפתי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתקדש ובקרב קדושים תתהלל', נאכדעם וואס מ'האט אויסגערעכנט די אלע מדריגות פון ערליכע אידן איינס העכער די אנדערע מיט פארשידענע לשונות ווי אזוי זיי לויבן השי"ת, פירט מען אויס 'ובמקהלות רבבות עמך בית ישראל יתפאר שמך מלכנו', דאס מיינט אפילו די פשוט'ע המון עם וואס האבן א גאר פשוט'ע השגה אין תפלה, און זיי זענען נאכנישט אויף קיין איין מדריגה פון די אלע לשונות וואס מ'האט אויסגערעכנט, אבער מיט איין זאך זענען זיי אלע אייניג, דאס אז זיי קומען אין שול מיטן זעלבן ציל אז ס'זאל ארויסקומען דעם 'יתפאר שמך מלכנו' - א כבוד שמים, א שבח והודאה פארן הייליגן בורא כל עולמים וואס האט אונז אויסגעוועלט און געגעבן די זכיה אז מיר זענען מער ווי די מלאכים (מיט דריי זאכן: מיר לויבן יעדן טאג, מיר זאגן דעם שם נאך צוויי ווערטער, די מלאכים קענען נישט אנהייבן שירה פאר אידן, חולין צא:) מיר קומען נישט אין בית המדרש זיך צו טרעפן מיט חברים, און נישט אויף צו שמועסן וויכטיגע זאכן, און נישט פאר קיין שום אנדערע צוועק, נאר פאר די איינציגע זאך. דאס דארף מען געדענקען און האלטן שטענדיג אין די מחשבה, מ'זאל דאס נישט פארגעסן.

א ממונה אין א בית המדרש (א גבאי א רב אד"ג) דארף וויסן אז ווען איינער איז אויפגערעגט און גיסט אויס זיין כעס איז דאס נישט באמת צוליב די זאך וואס ער שיסט, ער האט עפעס אנדערש וואס ליגט אין האלז, וואס ער קען נישט אויסגיסן אינדערהיים ווייל דארט איז ער שמאטע, די בני בית האט אים אונטערן טיש אדער אויפן בוידעם, אויך ביי די ארבעט האט ער מורא צו רעדן א ווארט ווייל מ'האט אים שוין איינמאל געוויזן די טיר, גיסט ער דאס אויס אין בית המדרש ווי ער שפירט זיך אביסל פריי, ווייל דארט באציט מען זיך צו אים איידל און מ'איז געצוואונגען צו ליידן פון אים. אבער דער ממונה דארף נישט נתפעל ווערן. ער קען אים זאגן: ביסט גערעכט, אבער דא אין דעם בית המדרש איז דא א תקנה לטובת הציבור און מ'קען פון דעם נישט אוועקגיין, די הנהלת הקהלה שטייט זייער פעסט אויף דעם, אפשר אין א אנדערע בית המדרש וועסטו זיך געפונען בעסער, ס'איז דא גענוג בתי מדרשים.

רש"י זאגט (כתובות ח.) אז מ'מאכט א ברכה שהכל ברא לכבודו ביי א שבע ברכות וויבאלד מ'קומט צו טון חסד מיט דערפרייען דעם חתן, איז דאס דער כבוד פון באשעפער וואס האט אויך עוסק געווען מיט חסד ביים באשאפן די וועלט. אויב אזוי איז דאך זיכער אז ווען מ'איז עוסק אין חסד מיט'ן העלפן אהערשטעלן א בית המדרש באופן אז ס'זאל זיין לטובת הציבור מ'זאל קענען געהעריג אויסגיסן דאס הארץ פאר השי"ת און פועל'ן אלעס גוטס, איז נישט פארהאן א גרעסערע כבוד ה' ווי דאס. אויף דעם זאגט דער פסוק תהלתו בקהל חסידים - ווען אידן וואס זוכן שלימות ביים דאווענען, זיי נעמען זיך צוזאם צו דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, איז דאס א לויב פאר השי"ת. ח"ו דאס פארקערטע אויב מ'מאכט פון דעם דאווענען אייער שפייז, איז דאס ווייט פון א כבוד. ס'איז ענדערש א בזיון. צוליב דעם איז א חיוב אויף ערליכע אידן אז זיי זאלן כאפן דעם ברעטל כדי נישט צו צולאזן די יעגערס. יעדע בית המדרש דארף מאכן תקנות וויפיל ס'דארף געדויערן צום וויינציגסטנס באופן מ'זאל קענען זאגן מלה במלה נישט געיאגט.

נאך א טעם פארוואס ס'איז מוז זיין ביידע הנהגות סיי דער פרט יעדער פאר זיך און סיי דער כלל דאס ציבור'ישע לעבן, ווייל די מעלה פון דעם כלל איז נאר ווען מ'איז צווישן א ציבור וואס גייען אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג פון די תורה, אבער אויב איז דאס א ציבור וואס איז נישט אויסגעהאלטן, דארף יעדער יחיד זיך האלטן פרטיות'דיג. און מיט דעם זאל ער נישט נמשך ווערן נאכן כלל. און דאס זעלבע איז פארקערט אויב דער יחיד וואס איז דער ממונה אויפן כלל טויג נישט, דארף דער כלל זיך האלטן ערליך און נישט נמשך ווערן נאך דעם פרט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות דער כח הציבור און כח התפלה וואס איז במקום קרבנות זאלן מיר זוכה זיין צו קיבול תפלות ברצון אכי"ר.





#54

די תפיסה

ווענט פארציילן...

# וויאזוי אידן זענען זיך מחזק מיט בטחון צווישן די גראטעס אין דער שווערער תפיסה

רירנדע שילדערונגען און בריוו פון האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה וועבערמאן שליט"א

אנאָנטער חבר און קרוב האט מיר געבעטן ביי א באזוך אַז איך זאל שרייבן וועגן דעם צער וואָס איך גיי אַריבער, איידער איך שרייב מיינע דברי תורה. איך האב למעשה געטראכט דערוועגן און איך האב באשלאסן נישט צו שרייבן מיינע שוועריגקייטן און מיין ווייטאָג. איך גיי נאר שרייבן די דברי תורה, נישט וואס האט מיר צוגעברענגט צו שרייבן די אַלע דברי חיזוק.

די סיבה דערצו איז וויבאַלד איך שרייב דאך די דברי תורה פאר מיינע קינדער און פאר אידן, אַז זיי זאָלן נעמען חיזוק דערפון. אבער אויב איך וועל שרייבן די צער וואָס איך גיי אריבער, קענען זיי בלייבן מיט דעם געפיל פון ווייטאג און נישט באַקומען די חיזוק. ווייל אמאל האבן די נאָנטע מענטשן פון א קרבן מער ווייטאג ווי דער ליידנדער אַליין. זיי קענען נישט טון גאָרנישט צו העלפן און זיי ווילן זיך נישט מחזק זיין אויפ'ן חשבון פון זייער נאָנטן אין טורמע אדער אַנדערע צרות.

אַלזאָ מיינע פריינד, איך וועל בלייבן פאָקוסירט אויף די פּאָזיטיווע זאַכן, און איר וועט דאַרפן אליינס זיך פאָרשטעלן די אַנדערע חלקים...

דער פסוק זאָגט אין פרשת כי תשא: "ויאמר ה' אל משה פסל לך שני לוחות אבנים כראשנים וכתבתי על הלחת את הדברים אשר היו על הלחת הראשנים אשר שברת".

רש"י אויפ'ן פלאַץ ברענגט אַראָפּ וואָס די גמרא זאָגט אין מסכת נדרים (דף ל"ח ע"א) אַז "משם נתעשר משה". דער אויבערשטער האָט אים געוויזן אַ "סנפירינון" שטיין אונטער זיין געצעלט און ער האָט אים געזאָגט "פּסל לך" - די פסולת פון דעם שטיין זאָל זיין דיינס! די לוחות זענען געוואָרן אויסגעשניצט פון אַ טייערן שטיין און די איבערבלייבעניש דערפון איז געווען גאָר ווערטפול, פון דאָרט איז משה רבינו געוואָרן זייער רייך.

אַזוי זאָגט די תורה אויך אין פּרשת עקב: "בעת ההוא אמר ה' אלי פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים". די הייליגע חכמים לערנען אַלעמאָל אַרויס אַ לימוד פון יעדע איבריגע אות אין דער תורה. אויך דאָ לערנען זיי אַרויס פון דעם וואָרט "לך", אַז דאָס מיינט צוזאָגן אַז די לוחות ווערן אויסגעשניטן פאר משה אַליין - פּסל לך. די גמרא לערנט אַרויס דערפון אַז משה רבינו האָט באַקומען די פסולת פון די צווייטע לוחות. אַלע איבערגעבליבענע פסולת איז געווען זיינס. 'פּסל' איז די זעלבע לשון ווי 'פּסולת'. פון אָט די איבערגעבליבענע אָפּפאַל איז משה רבינו געוואָרן זייער רייך!

***

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז פּשט דערפון?! איז דאָס געווען אַ געשעפט אָפּמאַך אַז משה האָט אויסגעשניטן די צווייטע לוחות און דערפאַר האָט ער באַקומען אַ חלק דערפון?! ס'איז לכאורה אַ דבר פלא אַז משה רבינו זאל פאַרדינען געלט פון די הייליגע לוחות, אויב השי"ת האָט געוואָלט אַז משה רבינו זאל ווערן רייך האָט דער אויבערשטער געקענט געפינען אַסאַך אַנדערע וועגן, און נישט אַז ער זאָל דאַרפן באַקומען זיין געלט פון די שטיין וואָס ס'איז געשטאַנען דערויף די עשרת הדברות.

אויסערדעם, פארוואס האט משה אפילו געדארפט דאס געלט? ער איז געווען אין מדבר אַלע שפּעטערדיגע יאָרן, וואו מען האָט באַקומען אַלע באדערפענישן גלייך פון השי"ת, האָט ער דען געדאַרפט האָבן איבריג געלט צו שפּארן 'סעווינגס' פאר אַ רעגנדיגע טאָג, ווי מיר פירן זיך צו טון?...

אָקעי, גענוג קשיות געפרעגט. מיר דאַרפן גראָבן אין די טיפקייט פון דער תורה. די תורה איז אַסאַך טיפער פון וויפיל מיר קליינע מענטשן טראַכטן אַז ס'איז. די תורה איז אזוי טיף און געטליך אז מיר קענען אפילו נישט אנהייבן צו פארשטיין וואס איז די מעסעדזש פון השי"ת.

***

דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן די הייליגע תורה, וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט זיך משתעשע געווען דערמיט אַסאַך דורות פאר בריאת העולם. אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו!

תורה גיט אונז אַ רייכקייט און אַ מלכות. מיט 3400 יאָר צוריק האָבן מיר אידן באַקומען אַ מתּנה וואָס האָט טראַנספאָרמירט אונזער לעבן און גורל. די תורה האָט אַרומגענומען דאָס אידישע לעבן מיט דעם כבוד פון תכלית און מיט דאָס גרויסקייט פון אייביגקייט.

די תורה מאַכט זאַט יעדן מאָמענט מיט אַן אמת'ע נצחיות'דיגע באַדייט; עס גיט פאר יעדע אידישע הארץ, יעדע אידישע היים, יעדע אידישע געמיינדע, רייך ווי אָרעם, אַ געפיל פון הימלישע גן עדן.

אָבער די רייכקייט וואָס מען פאַרדינט פון אַ תורה'דיגע לעבן, איז בלויז די 'פסולת' פון דער תורה. דאָס איז די איבערגעבליבענע שיריים. עס טוט נישט אָנכאַפּן דעם מהות פון תורה.


בס"ד

אחיעזר

מקדמים אנו בברכה את פני הני מוסרי נפש הלא המה המנהלים החשובים אשר באו מהתם להכא לכתת רגלם לקיום וביסוס חינוך הטהור בארה"ק

הרב עקיבא שטערן שליט"א

בית חינוך לבנות תורת אמך באופקים

סוג: בני תורה

הרב אברהם קאהן שליט"א

גני בנות ע"י קהילת אהל משה במערב בני ברק

סוג: בני תורה

אנ"ש תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע

בואו והשתתפו בהמוניכם לחזק הני מוסרי נפש אשר עזבו משפחה ובאו לדרך רחוקה רק כדי לקיים את התורה בארה"ק שלא להנות מצפרני רשעים אפי' בזוז כל שהוא

הנהלת אחיעזר קרית יואל

M. 6 Van Buren Dr. #102
Monroe NY 10950

P. 845.637.7778

E. office@achiezerky.org

וואָס איז יאָ די מהות פון תורה און מצוות?

דאָס איז די געטליכקייט וואָס ליגט אין די תורה, די אייביגע אמת פון תורה, וואָס דערהייבט זיך העכער אלע געשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע בענעפיטן פון דעם עולם הזה און אפילו פון עולם הבא.

תורה איז אַ געלעגנהייט צו אָנרירן דאָס געטליכקייט! דורך תורה קענען מיר אָנקומען העכער אַלע סאָרט באַגרענעצונגען און מיר קענען זיך פאַראייניגן מיט'ן אויבערשטן!

די אַלע רייכקייט וואָס די תורה גיט פאר אונזער לעבן, די סטאבליטעט, טיפע באדייטונג, תכלית, געהויבנקייט, איננספּיראַציע, דיסציפּלין, טיפעניש, תשוקה, אמונה, איבערצייגונג, הארץ, א.א.וו. האָט אָבער נישט קיין ווערד קעגן דעם פאַקט אַז די תורה ערמעגליכט אונז צו גיין העכער פון די גאַנצע בריאה און כביכול אנרירן דעם באשעפער אַליין!

די רייכקייט פון תורה ווערט באָלס אין פארגלייך צו די קערנדל פון אמת וואָס ליגט דאָרט. די עשירות פון תורה איז די אַלע בענעפיטן אויף דער וועלט און אויף יענע וואָלט, אָבער וואָס פאַראַ ווערד האָבן די אַלע זאַכן קעגן דעם אייביגן אמת, וואָס הייבט אונז אויף אַזוי הויך?! (צמח צדק, פּרשת נח).

**דאָס פסולת פון דיין לעבן ברענגט דיך די גרעסטע עשירות!**

יעצט קומען מיר צו די טיפע דערהער וואָס שטייט אין די ספרים הק':

די צווייטע לוחות זענען דאָך געווען אַנדערש ווי די ערשטע לוחות. די תורה פאַרציילט אונז אַז די ערשטע לוחות איז געוואָרן אויסגעהאַקט דורך השי"ת אַליין, אָבער די צווייטע איז שוין געווען דורך אַ מענטש. משה רבינו האָט אויסגעשניצט דעם שטיין פאר לוחות און דערנאָך האָט דאָרט השי"ת אַריינגעשריבן די עשרת הדברות.

די צוויי לוחות טוט רעפלעקטירן די חילוק צווישן אידן בעפאָר די מעשה מיט'ן עגל און נאָך די מעשה מיט'ן עגל.

צוערשט זענען אידן געווען הימליש, לויטער און ריין. דעריבער זיי זענען ראוי צו באַקומען הימלישע לוחות אויסגעשניטן דורך דעם אויבערשטן אַליין. אָבער נאָכדעם וואָס זיי האָבן פאַרזוכט דעם חטא און זיי האָבן געהאַט א רוחניות'דיגע דורכפאַל, קענען זיי נאר באַקומען די צווייטע לוחות, וואָס איז מעשי ידי אדם, זיי זענען שוין נישט ראוי פאר די ערשטע.

נאָכדעם וואָס מיר פאַלן דורך און מיר פּרובירן זיך צו דערהייבן, דאַרפן מיר שוין קאָנפראָנטירן אונזערע שוואַכקייטן און אונזערע טונקעלערע חלקים. מיר זענען שוין נישט אַ ריינע ציכטיגע זאַך, מיר האָבן שוין פאַרשידענע 'פסולת', שמוץ און פּראָבלעמען צו האנדלן דערמיט.

קומט די הייליגע תורה און לערנט אונז אַ מורא'דיגע לימוד אין לעבן.

דוקא די 'פסולת' פון די צווייטע לוחות, פון דאָרט האָט משה רבינו באַקומען זיין גרויסע פאַרמעגן!

די ערשטע לוחות האָבן טאַקע נישט געהאַט קיין שום 'פסולת' און קיין שום אָפּפאַל. אין די הויכע הימלישע מדריגות עקזיסטירט נישט קיין ווייטאָג פון דורכפאַל. דאָרט איז נישטאָ קיין שמוץ און קיין איבערבלייבענישן פון דורכגעפאַלענע מצבים.

אָבער דאַקעגן, די צווייטע לוחות, האָבן שוין געהאַט אַסאַך 'פסולת', דאָס שפּיגלט אָפּ אונזערע מלחמות און ראַנגלענישן מיט עדיקשאַן, בושה און פּראָבלעמען.

משה רבינו איז געווען אַ רייכער מאַן אָבער זיין אמת'ע רייכקייט איז געקומען בלויז פון די צווייטע לוחות. זיין עשירות איז געקומען פון די ליכטיגקייט און אמת וואָס ווערט פאַבריצירט ווען מיר מוטשן זיך מיט אונזער 'חשכות' און מיר טראַנספאָרמירן דאָס צו ליכטיגקייט.

ווען מיר נעמען אונזערע 'פסולת' און מיר מאַכן דערפון געטליכע לוחות, דורכדעם וואָס מיר ראַנגלען זיך מיט אונזערע אינערליכע יצר הרע, דעמאָלט באַקומען אַ רייכטקייט פון די טיפסטע אמת!

אָט אַזוי קענען מיר נעמען אונזער נייגונג צו דעפּרעסיע, פאַרצווייפלונג, קאַפּיטולאַציע, און עס נוצן אַלס אַ 'שפּרינג ברעטל' פאר אויפוואַכונג, מיר קענען דורכדעם וואַקסן און אנדעקן

בס"ד

די וועסט נישט ווילן

פארפאסן 'קיין איין טאג' פון מתמידים!

קענסט אויך זיין א חלק

ענדיג משניות מסכת פסחים אויף פסח!

התחלת המסכתא פרשת פקודי אי"ה

בהנהלת הר"ר
דוד יודא אראן
שליט"א

רופט איינצושרייבן: 347-786-4786

די אינערליכע עשירות וואָס איז נישט בנמצא אין די הימלישע ריינע הייליגע ערשטע לוחות וואָס ה' האָט געגעבן פאַר ריינע לויטערע מענטשן!

אודאי קענען מיר זיך נישט פאַרגלייכן צו די קדושה פון משה רבינו'ס נשמה. אָבער מיר זען אַז זיין גרויסע רייכקייט איז געקומען טאַקע פון האַנדלען מיט די 'פסולת', פון די פראָבלעמען פון זיין פאָלק.

דאָס איז די חכמה און די טיפקייט פון די 'פסולת' אין אונזער לעבן, דאָס איז די תועלת פון די אינערליכע מלחמה וואָס מיר דאַרפן דורכפירן!

אלס ערוואַקסענע מענטשן טאָרן מיר קיינמאָל נישט אַנטלויפן פון אונזער אינערליכע מלחמה. מיר דאַרפן זיך לערנען פון משה רבינו אַז אונזער עשירות וועט קומען דוקא ווען מיר וועלן אַנטפּלעקן און אַרויסציען די פונקן וואָס איז באַהאַלטן אין אונזער 'פסולת'.

מיט אַסאַך תפלה קענען מיר דאָרט אָנקומען און דער אויבערשטער וועט זען אונזער אָנשטרענגונג און אונז העלפן דורכאויס דעם פיינפולן וועג!

## אַ בטחון מעשה מיט מיין חבר ר' יוסף פון תפיסה...

מיין טייערע קאַזין, איך רעספעקטיר דאך אלע גוטע זאכן וואס דו טוסט, און אין דיין זכות וועל איך מיטטיילן א פאזיטיווע מעשה וואס איז געשעען מיט מיין חבר דא אין טורמע, וואס ווייזט אז אלעס האט א פלאַן פון אויבן, און אַז וואָס דער רבוש"ע וויל איז בלויז אַז מיר זאָלן גלייבן אין אים, און אים דינען.

דאָ אין תפיסה איז דאָ אַ איד מיט'ן נאָמען ר' יוסף, אַ שומר תורה ומצוות, וועלכער ליידט ליידער פון דער אומ-יוסטיץ סיסטעם דאָ אין אַמעריקע.

אסאך אסאך איז אַריבער אויף אונזער חבר, יוסי, אריגינעל פון בארא פאַרק. אין 2 יאָר ארום גייט ער זיך נאָכאַמאָל שטעלן פאַרן באָרד און אויב ער וועט ער האָבן זיין געווינס צוגעגרייט און האָבן אַ גוט מזל וועלן זיי אים באַפרייען, אבער ער דאַרף אסאך סייעתא דשמיא, ווייל אַסאַך מענטשן טוען זיי אָפּזאָגן אַן קיין סיבה און זיי בלייבן אין תפיסה פאר פילע מער יאָרן רח"ל.

ר' יוסף איז באַזאָרגט און גייט ארום מיט א גרויסע דרוק אויף זיין קאָפּ נישט וואוסנדיג וואס צו טאָן אין זיין פאַל. זינט ער האט נישט קיין שום צוטרוי אין דעם 'סיסטעם', איז ער שטאַרק באַזאָרגט און מ'זעט עס אויף זיין פּנים. ער איז טרויעריג און אַנגעצויגן. מיר האָבן אים פרובירט צו מחזק זיין: "זארג נישט אַזויפיל, דער אויבערשטער וועט דיר העלפן". אָבער זיין טבע האָט אים נישט געלאָזט בלייבן רואיג, ער שפּירט אַז: "איך דאַרף עפעס טון".

> "זאָרגן איז א סימן אז מען האט נישט קיין פולקאָמע צוטרוי אין גאָט".

ראַבײ טאַבאַק איז א באקאנטער נאָמען ביי אונז אין טורמע, ער העלפט שוין אידן אין טורמע פאר איבער 40 יאָר, האט געזאָגט פאַר יוסי: "אַן ערליכער איד טאָר זיך נישט ווייקן אין פּראָבלעמען און מ'מעג זיך נישט זארגן וועגן די עבר הוה עתיד! האָב אמונה אין השי"ת!".

אָבער די אַלע געדאַנקען וואָס מיר האָבן אים געגעבן, זיך צו מחזק זיין און נישט ווערן קראַנק פון זיינע דאגות וואָס פאַרניכטן אים, האָבן נישט געאַרבעט. מיר האָבן כסדר גע'חזר'ט מיט יוסי אַז דער רבוש"ע איז מיט אים און פירט אַלע זיינע שריט.

איין טאָג בין איך אינאיינעם מיט יוסי אַריבערגעגאַנגען די גאַנצע תורה און תהלים און אַרויסגענומען יעדע פסוק וואָס רעדט וועגן בטחון. יוסי האָט דאָס אַנגעהויבן זאָגן יעדן טאָג כדי ס'זאָל ווערן אַ חלק פון אים.

מיר האָבן אים געקויפט דעם ספר חובת הלבבות מיט ר' אביגדור מילער'ס ביאורים. ער האָט דאָס געלערנט און ער האָט געאַרבעט דערויף און אונז געפרעגט שאלות ביי יעדע פרק. ער האָט זיך גוט צוגעהערט אבער למעשה האָט ער נאָך אַלס נישט געגונג שטאַרק אַריינגענומען די מעסעדזש וועגן אמונה און בטחון. גאָרנישט האָט אים געהאָלפן ער האָט אַגאַנצן צייט געפרעגט: "וויאַזוי קענסטו אַרומגיין אַזוי רואיג?". די זאָרגן עסן אים אויף לעבעדיגערהייט.

איין טאָג קומט ער צו אונזער שיעור שמייכלנדיג און פרייליך.

"וואָס האָט פּאַסירט יוסי?!"

דערציילט ער אַזוי:

"איך האב געהאט א קורצע שמועס מיט אונזער תפיסה אויפזעער. יוסי האָט געהאַט אַ שמועס מיט אים וועגן א מעגליכע 'קלעמענסי' רעקאָמענדאַציע. יוסי האָט אים פאַרציילט אַז ער האָט געשיקט א בריוו פאר די באָורד און באַזאָרגטערהייט האָט ער געבעטן די רעקאָמענדאַציע פון דעם אויפזעער.

יוסי איז געשטאַנען אין זין צעל מיט זין באַזאָרגטע פּנים און דער אויפזעער האָט אים געפרעגט: "ביזט באַזאָרגט?!" האָט יוסי געענטפערט אַז יא. דער גוי גיט אים אַ קוק אן און זאָגט: "זאָרגן איז א סימן אז מען האט נישט קיין פולקאָמע צוטרוי אין גאָט".

יוסי איז געווען אַזוי שאָקירט אַז ער האָט געקענט רעדן. ער האָט צום ערשטן מאָל ריכטיג דערהערט אַז מען קען לערנען תורה, מען קען מען דאַווענען, אָבער דאָס איז נאָכנישט גענוג, אויב מען האָט נאָכנישט אַ פולקאָמע צוטרוי אין דעם אויבערשטן! יוסי איז געבליבן אָן קיין לשון. ער האָט אויסגעדרייט און געקוקט אויף זיין טלית און תפלין און אויף זיינע ספרים אויפ'ן טיש. רבוש"ע! פונקט פון אַ גוי דאַרף איך דאָס הערן?!

דער אויפזעער האָט אים ווייטער געזאָגט: "אויב דו וועסט ווערן באַפרייט דאָס יאָר אָדער קומענדיגע יאָר, די אַלע זאַכן האָט נישט מיט מיר, ס'האָט בלויז מיט גאָט! איך גיב דיר אַן אויפגאַבע. איך וויל אַז דו זאָלסט מיר שרייבן א בריוו וועגן צוטרוי אין גאָט, איך וויל באמת אַז דו זאָלסט דאָס טאָן. שיק מיר א בריוו וועגן צוטרוי אין גאָט".

די איינציגסטע ווערטער וואָס יוסי האָט געקענט אַרויסזאָגן פון מויל איז געווען: "יעס סיר, איך וועל עס טון".

יוסי זאָגט אונז: "דער אויבערשטער האָט מיך געשיקט הרב טאַבאַק, הרב גראָס, הרב פריינד, ר' דוד זינגער, נחמי' וועבערמאַן, אָבער איך האָב נישט געכאַפּט דעם מעסעדזש, ביז דער רבוש"ע האָט געשיקט אַ גוי וואָס זאָל מיך גוט אויפשאָקלען"...!

זינט דאַן האָט יוסי זיך געגצליך געטוישט, ער גייט אַרום שמייכלענדיג, זאָגענדיג אַלע ווערטער און פסוקים פון בטחון, מער איז נישטאָ קיין דאגות אויף זיין פּנים. ער זאָגט: "נישט קיין חילוק וואָס די עתיד ערוואַרט מיך, וועל איך אַלעמאָל האָבן אמונה און בטחון".

דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף' ברענגט פון דעם בעש"ט הק' אַז אַסאַך מאָל ווען אַ גוי זאָגט אונז עפּעס איז דאָס אַ מעסעדזש פון הימל וואָס מיר דאַרפן גוט צוהערן. א גוי האט אַמאָל געבעטן פון דעם בעש"ט הק' הילף צו אַרויפליפגן עפּעס אויף זיין פערד, האָט אים דער בעש"ט געזאָגט "איך קען נישט". האָט דער גוי געשריגן: "שרוליק, דו ווילסט נישט, דו קענסט!". יאָרן שפּעטער האָט דער בעש"ט הק' דאָס גע'חזר'ט פאר אַ מוסר השכל: "שרוליק, דו קענסט אדער דו ווילסט נישט!"

דוכט זיך אַז קאָמענטאַרן זענען איבריג אויף דער מעשה.

אַלעס וועגדט זיך אויף אונזערע מעשים טובים, לימוד התורה, דאַווענען ערליך, אָפּהיטן די מחשבות.

אַ פריילעכן שבת.

נחמי'.




**יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!**

זייט מתפלל אז **נחמי' צבי בן דינה** זאל באַפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב


בעזרת השם יתברך
ל
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון ■ וקול שמחה ■ קול חתן ■ וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי״ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים
הבחור החתן המופלג בתוי״ש
שמעון נ״י
עב״ג
הכלה הבתולה המהוללה
אסתר הינדל תחי׳
שתתקיים אי״ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א׳ לס׳ ״ויברך אתם משה״ (פקודי)
א׳ דר״ח אדר ב׳ שנת תשפ״ד, ולמס׳ Mar. 10
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
באולם גינת קליין
14 Ratzfert Way, Monroe, NY 10950
ידידיכם המחכים לבואכם לשלום
הורי החתן
חיים לאנדא וב״ב
קרית יואל יצ״ו
הורי הכלה
אברהם מאיר מיללער וב״ב
קרית יואל יצ״ו
העלי׳ לתורה תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת ויקהל
בבית המדרש ישמח משה
33 Dinev Rd.
קידושא רבא אחר התפלה
*
שבת שבע ברכות תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת פקודי
באולם גני קליין (קומה א׳)
14 Ratzfert Way


בעזהשי״ת
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
ר
בשבח והודאה להשם יתברך על כל הטוב אשר גמלנו,
כן יעזור ה׳ עוד להלאה לבל יעזוב חסדו הגדול מאתנו,
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו ידידינו וסכירינו,
לבוא ולהשתתף בעת שמחת אפריון כלולת צאצאינו,
הבחור החתן המופלג בתוי״ש
אברהם נ״י
עב״ג
הכלה הבתולה המהוללה
רבקה לאה תחי׳
אשר נחוג בעזהשי״ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א׳ פרשת פקודי הבעל״ט
לס׳ והנה עשו אותה כאשר צוה ה׳ כן עשו ויברך אותם משה
ל׳ אדר א׳ (אדר״ח אדר ב) שנת תשפ״ד לפ״ק (ולמס׳ Mar. 10)
באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnai Yoel Dr., Highland Mills, NY
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
ואי״ה בעת תת ה׳ שמחה בטעונכם ישמח לבנו גם אנו
המחכים לקראת בואכם לשלו״ם ולקבל פניכם בשמחה
הורי החתן
בנציון סענדר יאקאבאוויטש
וב״ב
הורי הכלה
ישראל גליק
וב״ב
העלי׳ לתורה תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת ויקהל
באולם בנין קויפמאן
156 Acres Rd.
קידושא רבא אחר התפלה – גם לנשים
*
שבת שבע ברכות תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת פקודי
באולם ביהמ״ד אהל מרדכי דטאהש
34 Satmar Dr.


פ
בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו
הבחור החתן המופלג בתוי״ש
כמר יששכר בעריש נ״י
עב״ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת חוה העניא תחי׳
שתתקיים אי״ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד׳ לסדר ״ויברך אותם משה״ (פקודי) הבעל״ט
ג׳ אדר ב׳ שנת תשפ״ד לפ״ק, ולמס. Mar. 13
קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30
באולם בית רחל פאראדייס
5 Israel Zupnick Dr. Monroe, NY
ונקווים שאי״ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידכם המחכים לקבל פניכם
הורי החתן
ירחמיאל זאב פריעד וב״ב
קרית יואל יצ״ו
הורי הכלה
אברהם ישעי׳ קויפמאן וב״ב
חתן הרה״ח ר׳ יצחק שווארטץ ע״ה
קרית יואל יצ״ו
העלי׳ לתורה תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת ויקהל
בבית המדרש אבני צדק
13 רוזין רד.
קידושא רבא אחר התפלה
*
שבת שבע ברכות תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת פקודי
באולם שאפינג סענטער
51 פארעסט רד.


בעזהשי״ת
נעלה את ירושלים
על ראש שמחתינו
בסימן טוב
ובמזל טוב
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון
קול חתן
מזל טוב
וקול שמחה
וקול כלה
בשבח והודאה להשי״ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את כבוד קרובינו וידידינו
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו
הבחור החתן המופלג בתוי״ש
ישראל חיים נ״י
עב״ג
הכלה הבתולה המהוללה
פיגא רבקה תחי׳
שתתקיים בעזהשי״ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג׳ לסדר ״ויעש להם בתים״ (פקודי)
ב׳ אדר ב׳ שנת תשפ״ד לפ״ק הבעל״ט
ולמס׳ March 12
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnai Yoel Dr. Monroe N.Y.
אי״ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל״נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה
הורי החתן
יואל הירש וב״ב
חתן הרה״ח ר׳ יודא לייביש ענגיל שליט״א וב״ב
קרית יואל יצ״ו
הורי הכלה
נתן נטע משה פארקאש וב״ב
קרית יואל יצ״ו
העלי׳ לתורה תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת ויקהל
בבית המדרש באדאישל
7 Getzil Berger Blvd.
קידושא רבא אחר התפלה
קידוש לנשים
10 Getzil Berger Blvd. #204
*
שבת שבע ברכות תתקיים אי״ה
בשבת קודש פרשת פקודי
באולם שע״י ביהמ״ד חרדים
2 Van Buren Drive


THURSDAY
3:00 PM-12:00 AM
Spend $50
and get a
FREE
CHOLENT
FRIDAY
Spend $50
and get a
FREE
DIP
of your choice
Sandwiches | Chicken | Meat | Finger Foods | Side Dishes | Salads | Leil Shishi | Full Shabbos Menu
Delicatessen™
by
mintleaf
Kosher Market
5 Mangin Road, (Cor. Rt. 208) Blooming Grove
845.492.8777 | orders@mintleafkosher.com




## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 54 Oxford Springs Road | $848,000 | 5 | 4 | 4850 | 3 |
| 3 Seely Road | $649,000 | 5 | 3 | 2208 | 0.6435 |
| 4 Camelback Road | $1,100,000 | 4 | 4 | 4854 | 3.8 |
| 15 Primrose Lane | $1,299,000 | 4 | 4 | 4306 | 2.5 |

## Village of S. Blooming Grove

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 242 Prospect Road | $899,000 | 3 | 2 | 1734 | 1 |
| 39 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 2 | 1987 | 0.4956 |
| 6 Arlington Drive | $1,175,000 | 6 | 4 | 3658 | 0.47 |
| 41 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 3 | 1104 | 0.7071 |
| 215 Prospect Road | $2,900,000 | 4 | 3 | 2234 | 5 |
| 6 Strawberry Lane | $799,000 | 4 | 3 | 1630 | 0.5998 |
| 17 Mangin Road | $799,000 | 4 | 2 | 1672 | 0.475 |

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 4 Gregory Lane | $749,999 | 4 | 3 | 2590 | 0.468 |
| 34 Dogwood Drive | $475,000 | 3 | 3 | 2140 | 0.6156 |
| 115 Brigadoon Blvd | $850,000 | 4 | 4 | 3791 | 0.62 |
| 17 Sunny Lane | $795,000 | 3 | 2 | 1277 | 0.2152 |
| 268 Bakertown Road | $899,000 | 3 | 2 | 1072 | 0.37 |
| 27 Catskill High Rail | $1,034,000 | 4 | 2 | 3575 | 0.69 |
| 44 Country Hollow | $699,000 | 4 | 3 | 2006 | 1.1 |
| 16 Dunderberg Road | $480,000 | 2 | 2 | 1290 | 0.6359 |
| 41 Central Valley Line | $1,499,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |
| 39 Central Valley Line | $1,549,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |

זייט דער ערשטע צו וויסן ווען א נייע הויז קומט ארויף אויף די מארקעט

text your email address to:
**845-204-8067**

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 86 Cromwell Hill Road | $379,000 | 3 | 1 | 1421 | 0.1148 |
| 39 Center Hill Road | $463,000 | 3 | 3 | 1356 | 0.2388 |
| 26 High Ridge Road | $480,000 | 3 | 2 | 1694 | 0.3489 |
| 3 Mid Oaks Drive | $549,900 | 3 | 2 | 1784 | 0.264 |
| 34 Cromwell Road | $575,000 | 3 | 3 | 2742 | 3.3 |
| 43 Park Avenue | $599,000 | 4 | 3 | 2083 | 0.1671 |
| 29 Chatham Road | $689,900 | 4 | 3 | 1888 | 0.2152 |
| 158 Rye Hill Road | $700,000 | 4 | 4 | 2088 | 0.6862 |
| 2 Chimney Ridge Drive | $775,000 | 4 | 3 | 2800 | 0.5379 |
| 603 Stage Road | $799,000 | 4 | 3 | 2560 | 0.759 |
| 314 Harriman Heights | $1,000,000 | 4 | 3 | 2764 | 3.4 |
| 10 Kasch Court | $1,100,000 | 4 | 4 | 3582 | 0.1877 |
| 3 Holland Road | $1,199,999 | 4 | 4 | 3200 | 0.4405 |
| 8 Forest Avenue | $1,389,000 | 5 | 4 | 3323 | |

## Blooming Grove (town) Washingtonville

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 170 Prospect Road | $690,000 | 3 | 1 | 1800 | 2 |
| 119 Helms Hill Road | $475,000 | 3 | 2 | 1700 | 1 |
| 2785 Route 94 | $513,000 | 3 | 3 | 2618 | 1.5 |
| 75 Horton Road | $699,900 | 3 | 3 | 2224 | 3.2 |
| 101 Mtn Lodge Road | $3,999,999 | 4 | 5 | 4461 | 38.1 |
| 75 Horton Road | $799,900 | 3 | 3 | 2224 | 3.2 |
| 101 Mtn Lodge Road | $3,999,999 | 4 | 5 | 4461 | 38.1 |

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

The REALTY BLUE group

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186

# הרחבת גבולי הקדושה ביהמ"ד הגדול קרית יואל

**אלטע שטיגן צום בית מדרש הגדול קרית יואל באזייטיגט, גארפיעלד פארטש דעמאלישט, שמחה קיך אויפן ערשטן שטאק אויסגעריסן, ספרים שענק רע-פלאצירט אינעם ניי-אלט פארעסט פליגל, ארבעט זעצט פאר אויסצושאלטערן ווענט פון עלעקטריק ווייערס, אנגעהויבן גראב ארבעט אראפצולייגן די יסודות פאר די ביימס אונטערצוהאלטן נייע געהעכערטע פאדלאגע אין בנין ביהמ"ד, גארפיעלד פענסטערס ארויסגענומען, אלס סאמע ערשטע פאזע פון די ארבעט פון נייעם גארפיעלד פליגל, צו קענען פאראויסגיין להרחיב גבולי הקדושה בגאון ובעוז בעיר קרית יואל יצ"ו**



ערשטע ארבעט מיט עלעקטריק זעג צו באזייטיגן רעילינגס



טראקטאר פארקירט פארלאפענע וואך אן קיין שום שהיות





ניצוץ אחד יוצא: פינקען פייער און ברענעדיגע גרייטקייט פאראויסצוגיין מיט אלע פעולות חובקות אהערצושטעלן דעם בית רם ונשא מיטן גאנצן פראכט בס"ד

# הרחבת גבולי הקדושה - ביהמ"ד הגדול קרית יואל



היסטארישער טויש אין שטאט




קהל יטב לב קרית יואל אונטער כסדר'דיגע קאנסטרוקציע



דאך פון גארפיעלד פארטש ווערט דעמאלישט



סולם מוצב ארצה צו גרייכן די ווייטערדיגע ארבעט



ביים אויסרייסן, שענק, טיילס, שיטראק,
פענסטער, און דאך ביז די עלעקטריק ווייערס



ביהמ"ד ווירבלט ווייטער בג' עמודי עולם מיט גרויסע ציבור פארקירט אויף די ארומיגע גאסן



גרויסע גארפיעלד פארקינג שטח וואס וועט נתאחד ווערן אלס איין ריזיגער היכל

# הרחבת גבולי הקדושה - ביהמ"ד הגדול קרית יואל



סותר ע"מ לבנות בית גדול וקדוש



ארבעטער מיט עלעקטראנישע געצייג אוועקצושניידן אלטע דאך



הרה"ח ר' שלמה גליק שליט"א בשליחות אביו הגאון הישיש רבי יחזקאל גליק שליט"א ביים זיך אומקוקן אויף די בוי ארבעט וואס ווערט געבויעט בנדבת לבו נאך אסטראנאמישע נדבה לבנות בית ה' ביהמ"ד הגדול קרית יואל



עליוועיטאר פארענדיגט... שטיגן באזייטיגט...



מערקט פראזוועזארישער עליוועיטאר וועלכע איז געבויעט געווארן צום דינסט פון משמש בקודש הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל אלס מתפלל קבוע אין גרויסן ביהמ"ד



ביים אויסגראבן ערשטע לעכער צו גיסן די יסודות אונטערצוהאלטן נייע היכל ביהמ"ד פאדלאגע

# הרחבת גבולי הקדושה - ביהמ"ד הגדול קרית יואל



היסטאריש בילד ווען כ"ק מרן גאב"ד ירושלים זצוק"ל גייט אראפ די 'גארפיעלד שטיגן' ביים גרויסן ביהמ"ד נאך געהויבענע באזוך בקרב כולל סאטמאר קרית יואל ביי איינע פון די באזוכן דא אין שטאט




לבשי בגדי תפארתך: גאסן ארום ביהמ"ד הגדול באצירט ביי מעמד קבלת פנים אין קרית יואל נאך מסע המלכות פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זי"ע (תשמ"ג)
צו מחזק זיין דאס יהדות החרדית אין ארה"ק - מערקט די 'מלכות סאטמאר' פאן וואס פלאטערט מיט שטאלץ

# מקוה החדש 'טהרת מרדכי' אין גרויסן ביהמ"ד



3 בורות הטבילה אנגעפילט מיט וואסער מיט אן עינא פקיחא צו פארזיכערן אז ס'איז נישט זוחלין



ספעציעל שטארקע שיטראק אנגעקומען אין חדר המקוה פון גרויסן ביהמ"ד



בורות מי גשמים אונטער די בורות הטבילה



עיר קאנדישאן און יומידעפייער אינסטולאציע פארענדיגט אין חדר המקוה,
ביי די בורות, און א באזונדערע סיסטעם העכער די שויערס



פלאמבינג פארענדיגט ביי די נאנט צו 30 שויערס אין די נייע מקוה

# מקוה החדש 'טהרת מרדכי' אין גרויסן ביהמ"ד







דעליקאטע ארבעט וואס האט זיך געצויגן עטליכע וואכן צו פארזיגלען די בורות הטבילה בעפארן צוטרעטן צו די ווייטערדיגע בוי פאזעס



איין פון די 4 אפטיילונגען ביי די נייע שאווערס



עיר קאנדישאן ווערט אינסטאלירט

# מקוה החדש 'טהרת מרדכי' אין גרויסן ביהמ"ד



מקוה מאשין סיסטעם אנגעקומען צום נייע מקוה



דעטאלירטע ארבעט נאך לאנגע חדשים מאניטערן די לעכער דורך אינסטאלירטע זיכערהייט קעמערס צווישן אלט און נייעם ביהמ"ד צו טרעפן די ליעקס און דאס פארזיגלען צו קענען פאראויסגיין אויפצובויען נייע מקוה



גרויסער בור ווערט פארזיגעלט


BEIS HAMEDRESH HAGUDEL
KIRYAS JOEL

בית המדרש הגדול
קרית יואל

# אומרים גמור!

תלי"ת, עס איז אונז א כבוד און שמחה מיטצוטיילן מיטן ציבור אנ"ש,
חברי קהלתינו הק' בכלל און באי ומתפללי ביהמ"ד הגדול בפרט, אז בס"ד

די היינטיגע וואך לס' וזה הדבר אשר תעשה להם לקדש אותם

## איז אריין אין שוואונג
## דאס פארענדיגן
## די בוי ארבעט

איף די אונטערשטע שטאק פון בנין הביהמ"ד הגדול, ביי די

## פראכטפולע מקוה
## מקוה טהרת מרדכי

וועלכע וועט בעז"ה בליץ שנעל פארענדיגט ווערן אין די קומענדיגע וואכן און
אריינברענגען א געוואלדיגע הרחבת הדעת פאר די המוני באי בית ה',
להטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה

אין די זעלבע צייט ווילן מיר אפעלירן צום ציבור, נדיבים בעם בקרב קהלתינו הק':

**אויפצונעמען בספ"י די חשובע עסקנים וואס שאפן די נויטיגע סכומים צו דעקן די קאסטן וואס די די בוי-ארבעט ביי די מקוה וועט אריינציען, און בעז"ה, וועט מען דאס פארענדיגן כליל ביופיו ובהדרו.**

אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין

אין די זעלבע צייט טוען מיר אויפפאדערן דעם גאנצן ציבור, נישט אראפצוגיין ווי די בוי ארבעט פראגרעסירט העפטיג, כדי נישט צו שטערן די ארבייטער אינמיטן די ארבעט.

בכבוד רב
בברכת שבתא טבא!

**הנהלת הקהלה**





131Acres Rd Unit 301 Monroe NY

Large 8 room house, Over 2,500 Sqt
Top loor, air rights potential

Eliezer Safdie | 845-662-4058

SAGE REALTY
RESIDENTIAL & COMMERCIAL

# וועד העירוב קרית יואל - מירון וואסער צוים

משגיחי העירוב קרית יואל: הר"ר דוד יצחק פאלקאוויטש הי"ו, הר"ר שלמה לייב גרובער הי"ו, הר"ר יואל ב"ר יצחק דוד פרידמאן הי"ו





שיפמענט פון מאטריאל ביי עטליכע פונקטן ארום דעם וואסער פארצוזעצן מיט די פראיעקט להגדיר גדר ארום דעם וואסער צווישן דראהביטש און לייפניק אויף די מירון גאס



צוים שטאנגען געזען אינסטאלירט ארום גרויסן שטח נאך וואכן ארבעט
פון ריינגן דעם שטח פון געפאלענע ביימער און דערנער



די משגיחי העירוב באגלייטן פון דערנאנט די בוי ארבעט







# חברה הצלה קרית יואל - סמיט גארדענס




הצלה סטאנציע אין דערמיט פון אקטיווע קאנסטראקציע זאנע מיט פילע נייע הייזער ארום



גרויסע אותיות אינסטאלירט אויפן 'סמיט גארדענס' הצלה סטאנציע בנדבת בוני ומקימי השכונה




הצלה סופליי מיט אמבולאנס אין צענטער פונעם שכונה ביים הויפט אריינגאנג

# בנין בית רחל החדש - 5 י.ד. ג"ב דרייוו







נייע קרית יואל'ער בנין בית רחל מארשירט פאראויס מבית ומבחוץ צו פארענדיגן אלע 5 שטאקן




# מעמד "חיים של שלום" - קרוב צו 600 תלמידי ז' ח' ט' - בביהמ"ד החדש מעריוואלד שכונת בלומינג גראוו

## פארלאפענעם מאנטאג פרשת תשא - תלמידים אנגעשעפט מיט געוואלדיגע חיזוק וקבלות טובות בגודל עניני זהירות בכבוד חברים ובעניני בין אדם לחבירו



מעמד פארלאפענעם מאנטאג פרשת תשא



תלמידים אנגעשעפט מיט געוואלדיגע חיזוק וקבלות טובות בגודל
עניני זהירות בכבוד חברים ובעניני בין אדם לחבירו










גאר רירענדע דרשה דורך הרה"ח ר' משולם ראטשילד הי"ו
צושאקלעט ריינע הערצער פון די תלמידים




מנהל הרה"ג ר' שמעון שמואל שווארץ שליט"א עפענט דעם מעמד מיט רגש'דיגע דיבורים
איבער פרשת השבוע בענין 'מחצית' השקל וועגן בלויז ווען אידן לעבן אינאיינעם ווערט עס גאנץ

# מעמד "חיים של שלום" - קרוב צו 600 תלמידי ז' ח' ט' - בביהמ"ד החדש מעריוואלד שכונת בלומינג גראוו

## פארלאפענעם מאנטאג פרשת תשא - תלמידים אנגעשעפט מיט געוואלדיגע חיזוק וקבלות טובות בגודל עניני זהירות בכבוד חברים ובעניני בין אדם לחבירו




נואם הכבוד הר"ר אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א האלט געשפאנט די הונדערטער תלמידים פאר העכער 2 שעה.
מיט שטארקע דיבורים און שפאנענדע סיפורים איבער געוואלדיגע זהירות און הארבקייט בענין כבוד חבירו











לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה אלא השלום

# מעמד "חיים של שלום" - קרוב צו 600 תלמידי ז' ח' ט' - בביהמ"ד החדש מעריוואלד שכונת בלומינג גראוו

## פארלאפענעם מאנטאג פרשת תשא - תלמידים אנגעשעפט מיט געוואלדיגע חיזוק וקבלות טובות בגודל עניני זהירות בכבוד חברים ובעניני בין אדם לחבירו




כוחות פון עסקנים צושטאנד געברענגט דעם געהויבענעם מעמד אין שפיץ פון הר"ר אייזיק וואלטער הי"ו יו"ר קרן הבנינים להקים







היכל איבערגעפילט מיט פאראייניגטע הערצער מיט קבלות טובות בין אדם לחבירו

# מעמד "חיים של שלום" - קרוב צו 600 תלמידי ז' ח' ט' - בביהמ"ד החדש מעריוואלד שכונת בלומינג גראוו

פארלאפענעם מאנטאג פרשת תשא - תלמידים אנגעשעפט מיט געוואלדיגע חיזוק וקבלות טובות בגודל עניני זהירות בכבוד חברים ובעניני בין אדם לחבירו



כאיש אחד בלב אחד הערן זיך די הונדערטער תשב"ר צו צו די אויסנאמליכע טרעפליכע דרשות



הדר קבלוה ברוב עם הדרת מלך





וועד העירוב רבינו יואל אונטערגענומען תיקונים נאך אומגעפאלענעביימער אויפן רוט 208 נאך אומגעהויערע שווערע ווינטן




מינדליכע עקסידענט אויף רוט 17 עם אין קרית יואל




קאר עקסידענט אויפן 17 צווישן קרית יואל און מאנסי




פאסט טרעקל אפגעליפערט פאר באהאנדלונגען בלייבנדיג שטעקן אויף קוויקווי'



על ביעור חמץ: אנגעהויבן די ארבעט אין ביהמ"ד 12 גארפילד
צו רייניגן הענג לייכטער לכבוד חג הפסח



הגיבורים אויף גארפיעלד נעבן גרויסן ביהמ"ד אקטיוו פאר די מיטגלידער



'ליוועלנד' 6 אוהעל קט. אונטער א יאר זינט מען האט אנגעהויבן
גראבן פאנדעישאן, טרעפ ווערט געגאסן פאר די נייע דירות



ווארט אויף חברים הילף



ריזיגע טרעמפאלין פון צווייטן שטאק באלקאן געלאנדעט אין קאנטעינער הונדערט פיס אוועק
ביים שכינות'דיגן בוי פראיעקט נאך אומגעהויערע שווערע נאכט ווינטן פאראנגאנגענע וואך



גרויסער שטח אונטער ת"ת דברי חיים אויסגעהאקט פון ביימער



מצילי אש פייער דריל און טרענירונג אויף ש'למה מ'יכל ראזנער בארג אין שכונת ויואל משה





מצילי אש ביי סצענע צו ארויסנעמען געשטראנדעטע אויף הויכע הייב מאשין אין שכונת ויואל משה וואס איז געבליבן שטעקן אן קיין וועג אראפ




ווערכנטליכע זונטאג שיעור אין גרויסן ביהמ"ד דורך הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א מו"ץ קיט"ל קרית יואל אין דיני בציעת הפת



מאסיווע קאנסטרוקציע לעגנאוויס פיין הילל, מענגין, מעריוואלד גאסן ארום נייעם ביהמ"ד




טראקטאר ביים ענדיגן טוישן צו נייע פארבעסערטע אינפעסטרוקטור אויף די
ארומיגע גאסן צו דערהייבן ביהמ"ד וואסער און פרעשור פון אזא צענטער



נאך לאנגע חדשים ארבעט קאסטבארע פראיעקט פון הונדערטער אלפים פארענדיגט בשעטו"מ



שטאט איז פושט צורה ולובש צורה: רייע פון צענדליגער בוי פראיעקטן לעגנאוויס
די בלומינג גראוו גאסן פאר נייע סאטמאר דרייוו סארט הייזער




ווילעדזש אנגעהויבן מיט ראוד אויסברייטערונג פארנט פון שאפינג סענטער לאנדאס גראסערי #1




ק'רית יואל פ'ורים-ש'טאט

# צענדליגער שפיטעלער ווערן פאַראייניגט אונטער געמיינזאַמע שותפות




אונטער א נייע פארגעשלאגענע אפמאך צווישן 'נואוואנס העלט' און 'נארטוועל העלט' וועלן אזויפיל ווי 28 שפיטעלער זיך פאראייניגן צו ארבעטן אינאיינעם, אין א שריט וואס וועט פארבעסערן צוטריט פאר פאציענטן, אקאדעמישע פארשריט און געזונטהייט הילף וואס זאל זיין קאנצענטרירט אויף די לאקאלע געמיינדעס וועלכע זיי טוען סערווירן.

די פאראיין זאגט אז דער ציל פון דעם פאראייניגונג איז צו צושטעלן אויסערגעווענליכע מעדיצינישע הילף לאקאל פאר פאציענטן, שאפן געזונטע געמיינדעס, צואיילן און פארבעסערן מעדיצינישע אינאוואציע און צושטעלן מער ארבעט געלעגנהייטן פאר העלט קעיר ארבעטער.

ביידע נעצן דינען א סך הכל פון 28 שפיטעלער אין ניו יארק און קאנעטיקוט, און וועט פארמאגן די ריזיגע ציפער פון 14,500 מעדיצינישע שטאב מיטגלידער, 1000 מעדיצינישע פיליאלעס וואס רעכענט אריין 28 שפיטעלער.

די הויפט סיבה פון דעם פאראייניגונג איז געווען די פארלוסט פון 150 מיליאן דאלאר וואס די 'נואוואנס' מעדיצינישע נעץ האט פארלוירן דעם פארלאפענעם יאר 2023, וואס האט באוואויגן אירע פירער צו באשטעטיגן דאס ווערן איינס מיט די 'נארטוועל' שפיטאל נעץ, וואס דאס שאפט א 20 ביליאן דאלאר נעטווארק.

# סאליוון קאַונטי באַנוצט זיך מיט עי-איי צו פאַרבעסערן קאַסטאָמער סערוויס

די סאליוועןן קאונטי רעגירונג האט באשלאסן צו אונטערנעמען ערנסטע שריט צו פארבעסערן אירע קאסטומער סערוויס אפציעס דורך ארייננעמען ארטיפישעל אינטעלידזשענס אלץ טייל פון איר סיסטעם צו ענטפערן און קאמוניקירן מיט ארבעטער.

די רעגירונג פון סאליוועןן קאונטי איז זייער שטאלץ מיט זייער דערגרייכונג, זאגנדיג דורך זייער דירעקטאר פון קאָמוניקאַציע, אז זיי זענען ווארשיינליך די ערשטע מוניציפאליטעט פון דעם סייז צו ארייננעמען די פארגעשריטענע עי- איי טעכנאלאגיע אין זייער רעגירונג פונקציעס.

דען הוסט, דער קאמוניקאציעס דירעקטאר, האט געזאגט אז די עי איי פונקציעס העלפט זיי קאמוניקירן מיט זייערע ארבעטער. "עס איז נישט אז ארטיפישל אינטעלידזשענס נעמט אוועק די געברויך פון ארבעטער, נאר פארקערט. עס העלפט ארויס די ארבעטער טון זייער ארבעט" האט ער געזאגט. ער זאגט אויך אז סאליוועןן קאונטי שטעלט פאר די צוקונפט, און אז פון איר דארפן זיך אלע מוניציפאליטעטן לערנען.

# נייע קאָנגרעסיאָנאַלע מאַפּע לאָזט האָדסאָן וועלי דיסטריקטס אָן קיין ערנסטע טויש




סטעיט געזעצגעבער האבן אפגעווארפן די קאנגרעסיאנאלע מאפע וואס די זעלבסטשטענדיגע אומפארטייאישע קאמיסיע האט פארגעשלאגן פאר ניו יארק. אנשטאט האבן די געזעצגעבער באשטעטיגן א מאפע וואס וועט נישט ערנסט טוישן די קאנגרעסיאנאלע דיסטריקטס אין די האדסאן וועלי געגענט, און די אמטירנדע קאנגרעסלייט וועלן זיך פארמעסטן אין די זעלבע דיסטריקטס וואו זיי האבן זיך פארמאסטן מיט צוויי יאר צוריק.

די ענדגילטיגע רידיסטריקינג פלאן וואס איז יעצט באשטעטיגט געווארן איז געקומען נאכדעם וואס די געזעץ געבער אין אלבאני האבן אפגעווארפן די רעקאמאנדאציעס פון די אומפארטייאישע קאמיסיע. די מאפעס אין דעם לעגיסלאטור זענען באשטעטיגט געווארן דורך די פארשטייער אין די סטעיט רעגירונג, באקומענדיג 115 שטימען אין שטיצע דערפון אין די אסעמבלי און 45 שטימען אין די סטעיט סענאט.

די 17'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט וואס נעמט אריין די היימישע מאנסי וועט זיך טוישן די ווייניגסטע פון די אלע דריי זיצן אין די האדסאן וועלי. דער אמטירנדער רעפובליקאנער קאנגרעסמאן מייק לאולער וועט לויפן פאר דעם זיץ אנטקעגן דעם דעמאקראט מאנדעיר דזשאונס. די פאליטישע אנאליזירער פון די קוק באריכט שאצן אז דער דיסטריקט קען גיין גלייך אויף ביידע זייטן.

אין די 18'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט, וואס נעמט אריין קרית יואל, וועט דער דעמאקראט צובאקומען קליינע דעמאקראטישע צוגאבן פון די אלסטער געגענט, אבער דער זיץ וועט נאך אלס פארבלייבן א הייס-נאכגעפאלגטע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט, מיט די אנאליזירער וועלכע באצייכענען איר אלץ נויגנדיג דעמאקראטיש.

ווידער אין די 19'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט וואס נעמט אריין די היימישע געגענטער פון די קעטסקילס, אריינגערעכענט קרית יטב לב אין בלומינגבורג, וועט דער אמטירנדער רעפובליקאנער מארק מאלינארא ווייטער פארטרעטן כמעט די זעלבע געגענטער אין וועלכע ער האט געווינען מיט 1.6 פראצענט אום 2022, אבער עס וועט דאך עטוואס זיך נויגן צו ארייננעמען געגענטער וועלכע קענען זיין עטוואס מער גינסטיג צו זיין קעגנער דזשאש ריילי. ריילי האט געווינען אין א ספעציעלע וואלן נאך וואס דער פריערדיגער קאנגרעסמאן פון דעם דיסטריקט האט אפגעטרעטן צו אננעמען די זיץ פון די ליוטענאט גאווערנער, אבער האט פארלוירן עווענטועל אין די אלגעמיינע וואלן אין נאוועמבער פון 2022.

אין אנדערע נייעס, האט פעט רייען, דער קאנגרעסיאנאלער פארשטייער פון די 18'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט, דעליווערט די 'סטעיט אוו די האדסאן וועלי' אדרעס אין וועלכע ער האט ארויסגעהויבן זיינע דערגרייכונגען אין קאנגרעס אין לויף פון דעם פארלאפענעם יאר.

די אַדרעס פון רייען איז אפגעהאלטן געווארן דעם פארלאפענעם דאנערשטאג נאכמיטאג, אין וועלכע ער האט גערעדט איבער די קאסט פון העלט קעיר, הייזער, פובליק סעיפטי, און די גייסטישע געזונטהייט קריזיס. ער האט אויך גערעדט איבער די פראבלעם פון דראגס און פארברעכן אין די אלגעמיינע גאס, און די שולע גאן שיסערייען.

# פולע יאר אריבער און קיין פאליא שפירן אין ראקלענד קאונטי בחסדי ה'

די אנפאנג פון דעם חודש מערץ למספרם האט אפגעצייכנט א גאנצע יאר וואס קיין שפירן פון די פאליא ווירוס זענען געפינען געווארן אין די סוער וואסערן אין ראקלענד קאונטי. די לעצטע טעסט וואס האט געוויזן פאזיטיווע שפירן פון די פאליא ווירוס אין ראקלענד קאונטי איז געווען פעברואר פון יאר 2022.

נאך וואס א פאליא פאל איז געפינען געווארן אין ראקלענד קאונטי אום יולי פון 2022 האבן עקזעמפלארן פון די סוער וואסערן גענומען דורך די געזונטהייט דעפארטמענט געוויזן פאר עטליכע חדשים אז דער ווירוס איז נאך אנוועזענד אין די געמיינדע. די פאזיטיווע צייכענס פון דעם ווירוס איז פארשוואונדען געווארן אום מארטש פון 2023.

די ניו יארק סטעיט געזונטהייט דעפארטמענט האט אויסגעברייטערט איר טעסטינג צו זען ווי פארשפרייט די פאליא ווירוס נאך וואס אום יולי פון 2022 איז אן איינוואוינער פון ראקלענד קאונטי געווארן דיאגנאזירט מיט די פאליא ווירוס, ווען ער איז פאראליזירט געווארן דורך דעם ווירוס ל"ע, וואס איז געווען די ערשטע דאקומענטירטע פאל פון דעם ווירוס אין צענדליגער יארן, נאכדעם דער ווירוס איז פאררעכענט געווארן אלץ אויסגעראטן פון די פאראייניגטע שטאטן.

א קליינע פראצענט פון די אפעקטירטע מיט דעם ווירוס באקומען ערנסטע סימפטאמען פון פאליא, וואס שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט פון אונטערנעמען די נויטיגע שריט צו פארמיידן דאס פארשפרייטונג פון דעם מחלה. וויבאלד אינפעקטירטע קענען דערמיט אנשטעקן ווייטער אנדערע און דערביי גורם זיין פאראליזירונג פאר אנדערע ח"ו.

אצינד אז עס איז שוין אדורך א יאר אן וואס דער מחלה זאל ווערן אויפגעכאפט אין די עקזעמפלארן וואס די געזונטהייט דעפארטמענט נעמט פון די וואסערן, האבן די געזונטהייט באאמטע ווידערהאלט אז עס איז וויכטיג צו געבן די אימוניזאציעס אזוי ארום צו פארזיכערן אז די מחלה קומט נישט ח"ו צוריק הייל"ת.

# ארּאנדזש קאונטי וועט אויסגעבן 5 מיליאן דאלער צו אויפרייניגן קעמפ לא-גווארדיע

די קאונטי רעגירונג וועט אויסגעבן נאך פינף מיליאן דאלער צו אנגיין מיט די ארבעט פון אויפרייניגן די שטחים פון קעמפ לא-גווארדיע וואס געפינט זיך אין די טאונס פון טשעסטער און בלומינג גראוו. די מאסיווע קעמפ האט באלאנגט פאר די ניו יארק סיטי רעגירונג וועלכע האט זיך באנוצט דערמיט אלץ אן ארט וואו זי פלעגט פלאצירן די היימלאזע פארשוינען פון די ניו יארקער גאסן. די היימלאזע פארשוינען פלעגן אין יענע יארן צירקולירן אין די קאונטי שטעט צו זוכן ארבעט, און אין קרית יואל פלעגט מען זיי אפט זען שטיין ארום דעם שאפינג צענטער געגנט.



מיט עטליכע יאר צוריק האט די קאונטי באשלאסן צו אפקויפן דאס ארט פון ניו יארק סיטי, און זינט דעם אפקויף איז דער גאנצער קאמפלעקס געשטאנען ליידיג, אירע הייזער פארלאזט און די פעלדער באוואקסן. דעם פארלאפענעם יאר האט די קאונטי אנגעהויבן מיט א רייניגונג פראיעקט, צו אויפרייניגן דעם גאנצן שטח פון די אלע שמוץ און ברוכווארג.

אצינד נאך חדשים אריין אין דעם פראיעקט האט די קאונטי געזאגט אז זיי וועלן אנהאלטן מיט דעם ארבעט פאר דעם קומענדיגן יאר, און אז זיי זענען ערווארטעט צו אויסגעבן פינף מיליאן דאלער דערויף.

אין לויף פון די יארן האבן די קאונטי באאמטע אין באטראכט גענומען פארשידענע פארשלאגן וואס צו טון מיט דעם פראפערטי, אריינגערעכענט פלענער צו אויפבויען דארט הייזער, מאנופעקטשערינג געביידעס און אפיס בילדינגס. אצינד קוקט אויס ווי די באאמטע האבן באשלאסן צו אנטוויקלען א ריזיגע פארק אויף דעם פראפערטי.

# נייע אלסטער קאונטי פראגראם וועט אנהייבן אקצעפטירן אפליקאציעס פאר האוזינג פראגראם

די אלסטער קאונטי האוזינג פאנד וואס איז באשטעטיגט געווארן דעם פארלאפענעם אויגוסט דורך די ארטיגע קאונטי לעגיסלאטור וועט דעם קומענדיגן מארטש 11 אנהייבן אקצעפטירן אפליקאציעס צו בויען אפארדעבל הייזער אין די קאונטי.

אפליקאציעס וועלן ווערן אנגענומען ביז מאי 10. פון די 15 מיליאן דאלער וואס זיי האבן אוועקגעלייגט פאר דעם פראגראם וועלן אזויפיל ווי 3 מיליאן דאלער ווערן צוגעשטעלט דעם יאר.




# ארּאנדזש קאונטי וועט געניסן פון סטעיט פראגראם צו רעדוצירן היימלאזיגקייט

א פראגראם דורך די ניו יארק סטעיט צו באקעמפן היימלאזיגקייט דורך צושטעלן הייזער פאר היימלאזע מענטשן איז געווארן אויסגעברייטערט צו אריינעמען אויך די אראנדזש קאונטי און דאטשעס קאונטי, צושטעלנדיג מער פינאנציעלע הילף פאר די קאונטיס צו זיך אפגעבן מיט היימלאזיגקייט, א פראבלעם וואס איז געשטיגן אין די פארלאפענע תקופה.

דער פראגראם, גערופן מיטן נאמען "סעיף-אפארעישאנס-סופארט" איניציאטיוו, ווערט אנגעפירט דורך די אפיס איבער גייסטישע געזונטהייט אנגעלעגנהייטן פון די סטעיט, און האט אין די לעצטע תקופה שוין געהאלפן אזויפיל ווי 330 מענטשן איבער די סטעיט צו טרעפן א סטאבילע ארט וואו צו וואוינען.

"כראנישע היימלאזיגקייט איז נישט א נושא וואס איז נוגע נאר איין געגענט פון די סטעיט, און מיר מוזן זיכער מאכן אז די אפעקטיווע פראגראמען זיי צו העלפן קומט אן איבעראל" האט גאווערנאר האקול געזאגט. א ספעציעלע גרופע פון פראפעסיאנאלן וועלן פארבינדן מענטשן אין נויט און זיי פארלייגן און ארויסהעלפן מיט די סערוויסעס וואס זיי קענען ווערן צוגעשטעלט דורך די סטעיט.

בס"ד

יאסל האט שוין
ב"ה צוויי פיצלעך
אינדערהיים.

# זיין ב"ב ריַיסט זיך ארויס צו די ארבעט.

ער זאל קענען זיצן
און לערנען
א שיינע טייל פונעם
טאג אין קיאסק.



מחניך קדוש
ביצור
חומת
מחנינו
מפגעי
הטעכנאלאגיע
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

קיאסק:
פאר טייל א ישועה
פאר אנדערע א תלייה

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוון:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949

## אינהאלט

דבי מדרשא 62
שריפטן צום וואכנשריפט 66
לוח הלימודים בחבורות זכרו 67
אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו 72
שאלת חכם 78
זמני בית הוראה 80
תפיסה וועגט 82
בילדער זייטן 86
לאקאלע באריכטן 108
לוח הזמנים לעיר קרית יואל 111
וועטער פון קרית יואל 111

## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קרי"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 5:41 | 8:36 | 7:10 |

## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| זונ'ג 53/34 | רעגן 46/39 | רעגן 49/31 |

Orange Collision Inc.
אין פאל פון אן עקסידענט ח"ו, רופט גלייך:
24 Hour Towing · Car Rental · Auto Body Repair
845-782-2426

WE KNOW MENSWEAR
MEN'S CORNER
New location: 10 MORDCHE SCHER BLVD
Free delivery 845.782.6756

TAKING ADVANTAGE OF THE EXTRA SUNLIGHT
Note the change of hours
Now seeing patients from 9 AM to 9 PM
elite
Adult & Pediatric Primary Care
845.782.4000 / 14 Raywood Dr

די נומער פאר אלע אייערע שמחות!
845 782.1340
בעידן חדוותא
טראנספארטאציע רוט אינפארמאציע
#1 845.782.1340 רעגולער #9 דירעקט

845.204.8138 | contact@berryslandscapingny.com
Berry's LANDSCAPING

USEFUL
USE YOUR SPACE FULLY
CUSTOM CLOSETS
845.210.6610 • sales@usefulny.com

HAMMER BY THE HOUR
Moving? Renovating? Chosson/Kallah Apartment to Complete! Or Left with Odds n' Ends to do!
Save Time and Money by Renting a professional per Hour or Day for all Handy work, Shelving and Basic Plumbing/Electric Work
Call Now to Customize your own Hour or Day:
845.662.4444

HANDYWORK MONROE INC
for a complete job, well done
יואל זאב שווארץ
845-248-3585

FishDirect
from the ocean to your table
845.253.8040 | מרדכי יואל בראווער

kj vitamins & health food
פרייז רעדוקציע
845.783.8711
21 Hayes Ct.
we carry all major brands

AWR WINDOWS
REACH US AT: 845.774.6495
SERVICE@AWRWINDOWS.COM

COLORIFIC
845 783.6863

Upstate Collision
LEASING | RENTAL | COLLISION | 24 HR TOWING
845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400

בס"ד




# ס'איז מיטוואך נאכמיטאג, אלעס איז ענדליך קלאר און מסודר!

MGM▸ HelloMGM.com

ס'איז נייע צייטן!
WE NOW OFFER
MULTI-DOSE PACKAGING

RegionRx

PROFESSIONAL & CONVENIENT

845.775.4175
FAX: 845.775.4185
info@RegionRX.com • RegionRX.com
1291 Dolsontown Rd. Middletown, NY
FREE DELIVERY IN KIRYAS YOEL & SURROUNDING AREAS

Hours:
**Sun-Thu:** 9am to 8pm
**Fri:** 9am to 1.5 hours before Zman
אפען מוצאי שבת מיט פולע דעליווערי סערוויס